בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## יו"ט ראש השנה

## תשפ"ז

**פון כ"ד אלול - ביז א' תשרי**

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א

ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

**צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,**
**ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 907-9119 (646)**

## זונטאג - כ"ד אלול

הגה"ק רבי ישראל מאיר ב"ר ארי' זאב הכהן זי"ע, (קאגאן), **בעל חפץ חיים, מראדין.**

הרה"ק רבי אברהם יוסף ב"ר ארי' יהודה לייבוש זי"ע, (איגרא), **בעל אורה ושמחה, מזשילין.**

## מאנטאג - כ"ה אלול

הרה"ק רבי יחיאל מיכל ב"ר יצחק זי"ע, **המגיד הקדוש מזלוטשוב, יאמפלא.**

הרה"ק רבי דוד ב"ר חיים מצאנז זי"ע, (הלברשטאם), **בעל דרכי דוד, מקשאנוב.**

## דינסטאג - כ"ו אלול

הרה"ק רבי מאיר אברהם ב"ר משה יוזפא זי"ע, (קליין), **בעל פרי צדיק, אב"ד טשאבא.**

הרה"ק רבי שמואל אבא ב"ר זעליג זי"ע, (זיכלינסקי), **בעל להב אש, ראש השושלת זיכלין.**

"הנקרא **הזקן מזיכלין**"

## מיטוואך - כ"ז אלול

הרה"ק רבי שלום ב"ר אלעזר זי"ע, (רוקח), **השר שלום, ראש שושלת בעלזא.**

## דאנערשטאג - כ"ח אלול

הרה"ק רבי יחיאל ב"ר חיים שלמה הלוי זי"ע, (ראטענבערג), **מקאסאן.**

"הנקרא **ר' יחיאל'יש מקאסאן**"

## פרייטאג - כ"ט אלול

הרה"ק רבי משה ב"ר ישראל זי"ע, הי"ד, (פערלאוי), **מסטאלין.**

## שבת קודש - א' דראש השנה

הרה"ק רבי יצחק מאיר ב"ר אברהם יהושע העשיל זי"ע, **מקאפיטשיניץ.**

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח ר' משה אפרים ב"ר ארי' ע"ה. - כ"ד טבת תשע"א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח ר' משה יהודה ע"ה. - ו' אדר תשפ"ה.

**יארצייט כ"ד אלול**

**הרה"ק רבי אברהם יוסף ב"ר ארי' יהודה לייבוש זי"ע, (איגרא)**
**בעל אורה ושמחה, מזשילין**

ער איז געבוירן **בשנת תר"א**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי ארי' יהודה לייבוש איגרא אב"ד זאליטשטיק** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת ברײנדל** ע"ה,
בת הגביר **רבי צבי הירש מענדלסבורג מקאזמיר** זי"ע,
חתן הגה"ק **רבי משולם איגרא אב"ד טיסמניץ פרשבורג** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים בתורת הנגלה והנסתר, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א בעל מקובל נורא מאוד, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם וואס איז געווען במסירת נפש **ממש למעלה מגדר אנושי**, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען און א אש קודש און די עבודת התפילה האט געגומען שעות אריכות, יעדער וואס האט געהאט א זכי' צו זיין ביי א דאווענען פון דעם צדיק, איז נתעורר געווארן פון זיין גרויסע דביקות און השתפכות הנפש ממש ווי א תפילה פון יום הקדוש, ער האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל און ליב געהאט יעדן אידיש קינד אהבת נפש, גאר אסאך יסורים האט דער צדיק מיט געמאכט זיין גאנץ לעבן, אבער דער צדיק האט דאס אלעס מקבל געווען באהבה, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

פון גאר יונג איז ער שוין געווען מפורסם מיט זיין געוואדליגע גדלות בתורה וקדושה און א עילוי נפלא בתורה, גאנץ אנפאנג האט ער געלערנט תורה ביי זיין פעטער הגה"ק **רבי משולם ישכר הלוי הורוויץ בעל שו"ת בר ליואי אב"ד סטאניסלאוו** זי"ע.

בזיווג ראשון האט ער חתונה געהאט מיטן טאכטער פון איינע פון די גרויסע מתנגדים צום דרך החסידות, דער שווער האט געוואוינט אין שטאט **בוטושאן**, און דער שווער האט ערלעדיגט, אז מען זאל דעם איידעם אויף נעמען אלס רב אין שטאט **בוטושאן**.

אבער יענע צייט איז דער צדיק נתקרב געווארן צום דרך החסידות דורכ'ן הייליגען **ספר באר מים חיים** פונעם צדיק הרה"ק **רבי חיים טירער** זי"ע, וואס איז אויך געווען קודם רב אין שטאט בוטושאן, און דערפאר האט דער שווער געבעטן א גט פארן טאכטער, און נישט געוואלט האלטן דעם צדיק אלס אן איידעם.

שפעטער האט ער זיך מדבק געווען אין דעם **הייליגען דברי חיים מצאנז** זי"ע, און ער איז געווען פון די תלמידים מובהקים פונעם צאנזער רב זי"ע, ער האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע קרבה ביים צאנזער רב זי"ע, און דער דברי חיים האט גאר אסאך מעריץ געווען זיין גרויסע כוחות בתורה ובקדושה.

אויך האט ער זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון אנדערע צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק **רבי אלעזר מקאזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אייזיק מזידיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם יעקב מסדיגורא** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד משה מטשורטקוב** זי"ע, וואס האט דעם צדיק רבי אברהם יוסף זי"ע מכתיר געווען אלס רבי און אים געהייסן נעמען קוויטלעך.

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת בינה** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי מרדכי לייפער בעל מאמר מרדכי מנודברנה** זי"ע.

ליידער האט דער צדיק וקדוש נישט זוכה געווען צו איבער לאזן זש"ק, און זיין שווער דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מנדבורנה זי"ע האט געבעטן א גט פארן טאכטער, און זיין שווער האט געזאגט בזה"ל, "**שאינו יכול לפעול עבורו שיוושע בבנים, כי יכול לפעול רק עבור אדם, אבל לא בשבילו שאינו בגדר אנושי, כי אם מלאך אלקים ממש, ומלאך אינו מוליד**", דער צדיק רבי מרדכי האט זאגט, **אז ער וואלט געקענט פויעלען א קינד**

**פאר א מענטש, אבער דער איידעם רבי אברהם יוסף זי"ע, איז נישט געווען בגדר מענטש, נאר ער איז געווען בגדר מלאך אלקים, און א מלאך קען דאך נישט האבן קיין קינדער.**

ער האט חתונה געהאט בזיווג שלישי מיט **הרבנית הצדקת מרת מרים סעריל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יצחק קטן מטיסמניץ** זי"ע,

אבער ליידער אויך פון דעם זיווג האט דער צדיק נישט געהאט קיין קינדער, די רעבעצין פונעם זיווג שלישי איז געווען א גרויסע צדקת, און זי האט ארויסגעגעבן זיין **ספר הקדוש תולדות אברהם יוסף**.

ליידער האט דער צדיק גאר אסאך מיט געמאכט אין זיין לעבן, קודם דאס אז ער האט ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אויך האט ער גאר אסאך ארום געוואנדערט פון שטאט צו שטאט, גאנץ אנפאנג איז ער געווען רב אין שטאט בוטושאן, נאכן גט פון זיין זיווג ראשון, האט ער זיך געצויגען קיין קאלאמייא, נישט לאנג נאכדעם איז ער אריבער קיין טארנא, פון דארט האט ער זיך געצויגען קיין **זשילין**, וואס נאך דעם שטאט איז דער צדיק געליבן מיטן נאמען רבי אברהם יוסף "**מזשילין**".

שפעטער האט זיך דער צדיק אוועק געצויגען קיין **קשאנוב**, און פון דארט איז ער אריבער קיין **טשעבין**, און סוף ימיו איז ער אנגעקומען קיין **קראקא**, און דארט איז ער שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

ווי דער צדיק איז אנגעקומען, האבן זיך אידן יראים ושלמים מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, און הונדערטער אידן זענען געקומען נאר אפילו מיט האלטן זיין עבודת הקודש, וואס איז געווען מיט א התרגשות דקדושה און א אש קודש צום באשעפער, דאס דאווענען שחרית האט גענומען פאר דעם צדיק ביז גאר שפעט נאכמיטאג, און צדיקים וקדושים בדורו האבן מפליא געווען זיין עבודת הקודש.

בשנת תרע"ה ביי די ערשטע וועלט מלחמה, האבן זיך אויך געהאלטן ביים צדיק גאר אסאך אידישע סאלדאטן, וואס דער צדיק האט זיי געריפן עסן ביי זיך אינדערהיים, כדי זיי זאלן ח"ו נישט נכשל ווערן מיטן עסן טריפות, בכלל איז דער שטוב פונעם צדיק אייביג געווען אפען פאר יעדן אידיש קינד, ער האט כמעט נישט געגעסן א שבת קודש סעודה אן האבן געסט ביים טיש, און דער צדיק האט זיך אליין אפ געגעבן מיט די געסט מיט א געוואלדיגע איבער געגעבנקייט.

שבת קודש איז געווען ביי דעם צדיק גאר א געהויבענע טאג, פרייטאג צו נאכט'ס האט דער צדיק געדאווענט ביחידות און קיינער האט נישט געקענט זיין אין ביהמ"ד בשעת זיין דאווענען, אבער אידן פלעגן שטיין ביים פענסטער און מיט האלטן זיין עבודת התפילה, וואס איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען, און עס האט גענומען ביז שבת צופרי.

שבת צופרי האט דער צדיק געדאווענט ביחידות כמעט דעם גאנצע טאג, דערציילט מען, אז ביי בריך שמי' ביי הוצאות ספר תורה, זענען אידן אריין געקומען אין ביהמ"ד, און דאן איז דער צדיק געשטאנען ביים ארון הקודש פאר א לאנגע צייט בעפארן ארויס נעמען דעם ספר תורה, און ער האט געזאגט דעם בריך שמי' מיט בכיות נוראות, און אלע וואס זענען דארט געשטאנען נעבן אים זענען נתעורר געווארן מיט אזא התעוררות פונקט ווי יום הקדוש.

מנחה שבת נאכמיטאג, האט זיך דער צדיק געשטעלט ביים זמן מנחה, אבער עס האט זיך פארצויגען ביז חצות לילה פון מוצאי שבת קודש, און דאן האט דער צדיק געגעסן שלש סעודות, און דאן איז געקומען זיין עבודת הקודש פון מעריב, מלווה מלכה האט דער צדיק שוין געגעסן זונטאג שפעט נאכמיטאג.

צדיקים פון זיין דור האבן מעיד געווען, אז זיין עבודת הקודש וואס האט גענומען כמעט א מעת לעת, איז געווען למעלה מדרך אנושי, דער צדיק איז כמעט נישט געשלאפן, און מען האט אים כסדר געזען אדער דאווענען, אדער איז דער צדיק געזעצן ביי די גמרא און געלערנט.

דער צדיק האט כמעט נישט געגעסן, נאר האט גאר אסאך עוסק געווען אין תעניתים וסיגופים,

אויך האט דער צדיק עוסק געווען בצדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע דרגה, ער האט צוזאמען געשטעלט גרויסע סכומים פאר צדקה און דאס פארטיילט פאר ארימע לייט און צובראכענע אידן.

הרה"ק רבי יחזקאל בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן צדיק מזשילין בזה"ל, "**די וועלט איז נישט ווערד צו דעם צדיק, און דערפאר האט מען אים פארדרייט די זמנים**".

און כידוע האט זיך דער צדיק מזשילין אסאך מסתופף געווען בצלו פונעם הייליגען דברי יחזקאל משינאווא זי"ע, און שבת קודש ביינאכט ביי די סעודה, האט נאך דער צדיק וקדוש מזשילין געהאלטן בעפאר קבלת שבת, און ווען דער שינאווא רב האט געטיילט שיריים, האט ער אויך געגעבן פארן זשילינער שיריים, אבער ער האט דאס אוועק געלייגט פאר שפעטער, און ווי באקאנט האט דער הייליגער שינאווא רב זייער מקפיד געווען, אז מען זאל גלייך אויף עסן די שיריים, אבער פאר דעם צדיק האט ער יא געמאכט א אויסנאם און גארנישט געזאגט דערוועגן.

ער האט געהאט א גאר געהויבענע מנהג, אז ער פלעגט בעפאר פסח באקען גרויסע סכומים מצות, וואס זיינע מצות זענען געווען געבאקן מיט גאר גרויסע חימרות, און ער האט דאס ערב פסח פארטיילט פאר ארימע משפחות, אז זיי זאלן האבן מצות אויף פסח, אויך האט ער גאר אסאך געלט געשיקט פאר עניי ארץ ישראל.

בשנת תרל"ג האט ער צוזאמען מיט זיין טאטן ארויסגעגעבן דעם הייליגען חיבור "**איגרא רמה**", פון זיין הייליגען זיידן הגה"ק **רבי משולם איגרא** זי"ע, און בשנת תרע"ד האט ער געדריקט דעם **סידור אורה ושמחה על דרך הקבלה**.

דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער אידן האבן געזען אפענע ישועות חוץ לדרך הטבע ביי דעם צדיק, און דאס געלט וואס ער האט באקומען פון די פדיונות פון אידן, זענען גלייך פארטיילט געווארן פאר צדקה, צדיקים בדורו פלעגן שיקן אידן וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין, אז זיי זאלן גיין צום צדיק רבי אברהם יוסף זי"ע, ווייל ער איז א פועל ישועות.

ער האט ליידער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע חיבורים.

**ספר לקוטי יוסף,**
**ספר תולדות אברהם יוסף,**
**קונטרס מקיף הכולל,**
**סידור אורה ושמחה.**

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ד אלול בשנת תרע"ח**, ומנחתו כבוד איז אין **ביה"ח החדש** אין שטאט **קראקא**, סמוך ונראה צום הייליגען מאור ושמש זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

## מעשיות

**עס האט דערציילט הרה"ח רבי אברהם קאשיצקי ז"ל**, אז נאך די חתונה האט זיך ביי אים ליידער נישט געהאלטן קיין קינדער, און זיין טאטע הרה"ק רבי חיים יחיאל ז"ל פלעגט אסאך פארן זיך מסתופף זיין ביים צדיק רבי אברהם יוסף מזשילין זי"ע ווען ער האט נאך געוואוינט אין קשאנוב, און ער האט כסדר מזכיר געווען זיין זון ביים צדיק אז ער זאל געהאפן ווערן מיט א קינד.

איינמאל ווען די טאטע איז געווען אין קשאנוב ביים צדיק, האט דער צדיק געזאגט פארן טאטן, אז ער האט ביי זיך א גרויסע גאסט הרה"ק **רבי ירחמיאל משה מקאזניץ** זי"ע, און עס וואלט כדי געווען די זאלסט דיך פראווען ביי אים, איז די טאטע אריין צום צדיק מקאזניץ, און האט מזכיר געווען זיין זון, אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד, האט דער צדיק מקאזניץ געפרעגט בזה"ל, "**ס'גייט דיר אין לעבן**", האט דער טאטע געזאגט אז יא.

האט דער צדיק מקאזניץ געזאגט, אויב גייט דיר דאס אזוי אין לעבן, זאלסטו מיר געבן א גרויסע

סכום פון געלט, און דער צדיק האט אים געזאגט דעם סכום, וואס דער צדיק האט דעם סכום זייער געברויכט פאר א צדקה צוועק, און דער צדיק האט אים געזאגט, **אז איך בין דיר מבטיח מיטן אייבערשטענ'ס הילף, אז דיין זון וועט געהאלפן ווערן מיט א בן זכר.**

די טאטע הערענדיג דעם סכום, איז ער גלייך געלאפן צום רבין ר' אברהם יוסף זי"ע און אים דערציילט וואסערע סכום דער צדיק מקאזניץ בעט, האט אים דער צדיק געפרעגט, די האסט דעם סכום געלט, האט ער געזאגט יא, אבער דאס איז בעצם זיין גאנצע פארמעגן, און ווער זאגט אז די ברכה וועט טאקע מקיים ווערן, האט דער צדיק מזשילין געזאגט, אויב ווילסטו געהאלפן ווערן זאלסטו געבן דעם סכום, ווייל איך האב נישט וואס אריין צו רעדן אין דעם, אבער אויב האט ער צו געזאגט, נעם איך אחריות אז די ברכה וועט מקיים ווערן.

האט די טאטע געבעטן פונעם צדיק מקאזניץ, אז ער זאל אים געבן 3 חדשים ביז ער פארקויפט זיין פארמעגן אז ער זאל קענען ברענגען דעם סכום, האט דער הייליגער צדיק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זי"ע געזאגט, **די האסט צייט ביז מארגען נאכמיטאג צו קומען מיט די געלט אויב די ווילסט באקומען דעם ברכה.**

בלית ברירה איז דער טאטע ארום געלאפן דעם גאנצן טאג, און האט זיך אנגעבארגט דעם גאנצן סכום, און ער איז צוריק געקומען צום צדיק, און אהין געגעבן דעם גאנצן געלט און באקומען א ברכה, **און לפלא יענע נאכט י"ג אלול בשנת תרס"ח, איז דער צדיק הרה"ק רבי ירחמיאל משה מקאזניץ זי"ע נסתלק געווארן**, און דאן האט דער טאטע פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט דווקא געוואלט האבן די געלט גלייך, און 9 חדשים שפעטער איז געבוירן געווארן א בן זכר ביים זון הרה"ח רבי אברהם ז"ל.

• • •

**הרה"ח ר' אהרן זילבערבערג מביאלא ז"ל האט דערציילט**, אז בשנת תרס"א אויף שבת בשלח שבת שירה, איז ער געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש מזשילין זי"ע, און אויף יענעם שבת איז אויך דארט געווען הרה"ח ר' ישראל פיילהארטה מלעכאוויטש ז"ל, און דער ר' ישראל איז געווען דאן זייער נישט געזונט אויף אזוי ווייט, אז ער האט ממש נישט געהאט קיין צורת אדם.

שבת ביינאכט נאכן דאווענען ווען דער צדיק האט זיך געזעצט צום טיש, האט ער געהייסן מען זאל געבן א בעכער וויין פאר ר' ישראל און ער זאל מאכן קידוש, דער ר' ישראל האט געוויזן פארן רבין, אז ער האט נישט קיין כח אפילו צו מאכן קידוש און אוודאי נישט טרינקען, אבער דער צדיק האט געהייסן ברענגען א בעכער וויין, און דער ר' ישראל האט מיט זיינע לעצטע כוחות געמאכט קידוש, און ממש טועם געווען פון די וויין.

דער צדיק האט געהייסן, מען זאל אים געבן שיריים פון די זופ און פלייש, און דער ר' ישראל האט ממש מיט א מסירת נפש טועם געווען דערפון, דאן האט דער צדיק געהייסן מען זאל אים אריין טראגן שלאפן ביי אים אין שטוב, און דאס זעלבע איז פאר געקומען שבת צופרי, דערציילט ר' אהרן ז"ל, **אז דער איד האט געהאט שפעטער א רפואה שלימה ממש בדרך נס, און אויף ראש השנה יענעם יאר, איז ער שוין געקומען געזונט כאחד אדם.**

• • •

**מען דערציילט**, אז דער גאון הגה"ק רבי יוסף שאול נאטענזאהן בעל שואל ומשיב מלבוב זי"ע, וואס איז נישט געווען פון די גרויסע חסידים פונעם דרך החסידות, האט ער אבער גאר שטארק מעריץ געווען דעם צדיק וקדוש רבי אברהם יוסף מזשילין זי"ע, ווי מען זעהט אינעם הסכמה וואס דער שואל ומשיב האט געגעבן אויפן ספר איגרא רמה, וואס דער צדיק רבי אברהם יוסף מזשילין זי"ע האט געדריקט פון זיין זיידן, ווי ער רימט זייער ארויס דעם אייניקעל רבי אברהם יוסף.

מען דערציילט, אז ביים דריקן דעם ספר, איז דער צדיק רבי אברהם יוסף געווען אין שטאט לבוב, און ער האט שוין דאן אפ געראכטן זיין הייליגע עבודה, פון דאווענען כמעט א מעת לעת און געמאכט פון צופרי נאכט, און ווען די תלמידים זענען דאס געקומען דערציילן פארן הייליגען שואל ומשיב, האט ער געזאגט פשט אין די גמרא (ברכות י"ט) "**אם ראית ת"ח שעבר עבירה ביום, אל תהרהר אחריו בלילה**", וואס לכאורה איז דאך שווער, **נאר ביינאכט טאר מען נישט טראכטן אויף**

**א ת"ח אז ער האט געטון א עבירה, און בייטאג מעג מען דען יא.**

נאר וואס דען איז דער פשט האט דער הייליגער שואל ומשיב געזאגט, אויב זעסטו א תלמיד חכם איז עובר אויף א עבירה, און וואסערע עבירה רעדט מען דא, **אז ער מאכט פון טאג נאכט**, דאס הייסט אזוי ווי דער צדיק רבי אברהם יוסף, וואס דאווענט שחרית ביז שפעט און אזוי די גאנצע טאג, דאן זאלסטו נישט טראכטען גארנישט אויף אים, **ווייל באמת איז ער א צדיק וקדוש**.

• • •

**בשנת תרנ"ט איז דער צדיק וקדוש מזשילין זי"ע** געוווען אין שטאט קשאנוב, און דאס איז געוווען נאך בעפאר ער האט זיך געצויגען קיין קשאנוב וואוינען, און ער איז נאך דאן נישט געוווען אזוי מפורסם, איז ער דאן איינגעשטאנען אין שטוב פון הרה"ח ר' מאיר לויפער מקשאנוב ז"ל, און דער ר' מאיר האט געמאכט א סעודה לכבודו פון דעם צדיק, און דער צדיק איז דארט געבליבן פאר אפאר טאג.

ווען ער האט זיך געזעגנט פון ר' מאיר, האט דער צדיק געזאגט בזה"ל, **"איך וועל נאך זיין צוריק בעזהשי"ת ביי אייך אויף שמחות"**, דער ר' מאיר איז נאך דאן געוווען א חשוכי בנים, אבער ער איז שוין געוווען איבער די 60 יאר, און אויך דאס ווייב איז שוין דאן געוווען איבער די 60 יאר אלט, אבער זיי האבן אויף געצויגען ביי זיך אין שטוב א מיידל א יתומה אלס זייער קינד, און דער ר' מאיר האט געמיינט, אז זיכער מיינט דער צדיק אז ער וועט א שידוך טון מיט דעם טאכטער.

אבער פלוצלונג איז די ווייב פון דעם ר' מאיר נפטר געווארן, און דער ר' מאיר האט חתונה געהאט מיט א יונגע אלמנה, און צום יאר איז זיי געבוירן געווארן א בן זכר, און דאן איז דער צדיק געקומען זיין סנדק ביים ברית, און שפעטער האט ער נאך געהאט א טאכטער אויך מיט די זיווג שני, און דאן האט ר' מאיר געזען וואס דער צדיק האט געמיינט מיט די ווערטער, **"איך וועל נאך זיין צוריק בעזהשי"ת ביי אייך אויף שמחות"**.

• • •

**איין יאר שבועות** איז געקומען צום צדיק מזשילין א איד הרה"ח ר' משה ראזעצווייג ז"ל פון שטאט זארעק וואס איז נישט ווייט פון קשאנוב, און דער איד האט מזכיר געוועזן ביים צדיק, אז ער האט א גוי ביי זיך אין שטאט, וואס רודפ'ט אים זייער על לא דבר סתם א שונא ישראל, און ער מאכט בולבולים אויף אים סתם אלס שנאת ישראל, און ער שפירט ווי ער איז אין א סכנה, און דער צדיק האט אים עפעס געזאגט, אבער ער האט נישט גלייך פארשטאנען וואס דער צדיק האט געזאגט.

דער ר' משה איז געזעצן נאכדעם אינעם צווייטן שטוב פונעם צדיק, אינצווישן איז אנגעקומען דער שניידער פון שטאט קרשאנוב, און ער האט געברענגט א נייעם שיינעם מלבוש פארן צדיק לכבוד יו"ט, אבער דער צדיק האט נישט געהאט ביי זיך אפילו א פרוטה צו באצאלן פארן שניידער, האט זיך דער ר' משה אנגעריפן, **אז ער איז מסכים צו באצאלן דעם מלבוש פארן רבין**.

דאן האט זיך דער צדיק אנגעריפן צו דעם ר' משה בזה"ל, **"איר האט געטראפן, איר וועט בעזהשי"ת ניצל ווערן, און דער ערל וועט האבן א מפלה"**, און דער צדיק האט אים געבעטן אז ער זאל בלייבן אויף יו"ט שבועות ביי אים, לפלא דעם צווייטן טאג יו"ט שבועות, איז דער ר' משה געגאנגען אויף די גאס, און ער זעהט ווי די פאליציי טראגט א גוי געבינדן די הענט, און ווען ער האט געפרעגט די פאליציי וואס דא גייט פאר, דערציילן זיי אים, אז זיי האבן געכאפט דעם גוי, וואס האט דער'הרג'ט א אנדערן גוי, און דאן איז ער געווארן געווארן, אז דער גוי וואס האט אים אזוי מצער געוווען, איז דער גוי וואס איז יעצט גע'הרג'ט געווארן, כן יאבדו כל אויביך ד'.

• • •

**אין די הקדמת והוספות לספר אורה ושמחה ווערט געברענגט**, אז אין א קאלטן ווינטערדיגן נאכט איז אן ארעמער איד אנגעקומען אין שטאט זשילין שפעט ביינאכט, ווען אלע הייזער זענען שוין געוווען פארמאכט, ער האט געקלאפט ביים טיר פונעם רבין דער צדיק מזשילין זי"ע, דער רבי אליין האט געעפנט די טיר מיט א שמייכל, אריינגענומען דעם גאסט, אים אנגעווארעמט ביים אויוון און געגעבן צו עסן, ווען דער גאסט האט געוואלט גיין שלאפן, האט דער רבי אים געגעבן זיין אייגענעם בעט, און דער רבי אליין איז געזעסן

ביי דער גמרא און געלערנט די גאנצע נאכט אויף א פשוטן בענקל, כדי נישט משפיע צו זיין קיין אומבאקוועמליכקייט אויפן גאסט.

• • •

**אין ספר אורה ושמחה ווערט געברענגט**, אז דער צדיק רבי אברהם יוסף מזשילין זי"ע פלעגט שטענדיג לערנען און דאווענען מיט אן אויסערגעוויינליכע התלהבות און פרייד, איינמאל האט א חסיד געפרעגט דעם רבין, וויאזוי מ'קען האלטן די שמחה אפילו ווען מ'גייט אדורך שוועריקייטן אין פרנסה אדער געזונט.

האט דער צדיק רבי אברהם יוסף אים געענטפערט מיט א שמייכל, "**ווען א איד געדענקט אז דער אויבערשטער אליין הערט אויס זיין תפילה און יעדער ריר פון א איד איז טייער אויבן אין הימל, ברענגט דאס די גרעסטע שמחה וואס קיין שום זאך אויף דער וועלט קען נישט אוועקנעמען**", דאס איז געווען זיין גאנצער יסוד וואס ער האט שפעטער אריינגעלייגט אין זיין ספר.

• • •

**אין ספרי זכרון וזכרונות חסידי פולין-גליציה ווערט געברענגט**, אז א פשוטער בעל מלאכה איז געקומען אמאל צום רבין דער צדיק רבי אברהם יוסף מזשילין זי"ע מיט א צובראכן הארץ, ווייל ער קען נישט גוט לערנען און דער איד האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ פארן צדיק אז ער שפירט אז זיין עבודה איז גארנישט ווערט.

דער רבי האט דעם איד ארומגענומען מיט גרויס ליבשאפט און געזאגט מיט א שמייכל, "**דער אויבערשטער דארף נישט נאר די לומדות, נאר דאס הארץ, ווען דו ארבעטסט ערליך און זאגסט א קאפיטל תהילים מיט אמת, שפאלט דאס הימלען מער ווי טיפע פלפולים**", דער איד איז ארויס פונעם רבין אויפגעלעבט און מיט א נייעם כוח.

• • •

**אין מסורות וזכרונות מזשילין ווערט דערציילט**, אז א חסידישער איד וואס איז שוין געווען פארהייראט העכער צען יאר אן קיין קינדער, איז געקומען צו פארן קיין זשילין מיט א צובראכן געמיט און זיך אויסגעוויינט פארן רבין, אז ער האלט דאס שוין נישט אויס און ער האט געבעטן דעם צדיק זאל אי וואונטשן א ברכה אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד.

דער רבי האט אים אנגעקוקט מיט הייליגע אויגן און געזאגט, "**נאך דעם ווינטער קומט דער פרילינג, נעם אויף זיך צו פארמערן שמחה ביים דאווענען און געב צדקה פאר ארעמע לייט מיט א שמייכל, און דער אייבערשטער וועט דיר ענטפערן**", דער איד האט אזוי געטון מיט א שטארקע אמונה, און פונקט א יאר שפעטער האט ער געמאכט א ברית פאר א געזונט אינגל.

• • •

**אין ספרי קדושת אבות ווערט דערציילט**, אז איינער פון די נגידים אין שטאט איז איין טאג שווער קראנק געווארן, און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, די משפחה איז געלאפן צום הייליגן רבין מיט א קוויטל און ביטערע בכיות, דער רבי האט גענומען א גלאז וואסער, געמאכט א ברכה "**שהכל נהיה בדברו**" מיט א געוואלדיגער התלהבות און כוונה, **און געהייסן מען זאל געבן דעם חולה אפאר טראפנס דערפון**, ווי נאר דאס וואסער האט אנגערירט די ליפן פונעם חולה, האט ער געעפנט די אויגן, די היץ איז אראפ, און ביז עטליכע טעג איז ער געשטאנען אויף די פיס געזונט און פריש.

• • •

**אין הקדמות לתורת צדיקי זשילין ווערט געברענגט**, אז א סוחר איז איין טאג אריינגעפאלן אין גרויסע חובות און איז געשטאנען פאר א גאנצן באנקראט, וואס וואלט געמיינט פארלירן דאס גאנצע הויז און פארמעגן, ער איז געקומען צום רבין געבראכן און מיד, און האט געוויינט מיט ביטערע טרערן און געבעטן די רבי זאל פאר אים פועלן א ישועה.

דער רבי האט אים אנגעוואונטשן מיט די ווערטער פון זיין ספר "**אורה ושמחה**", "**אורה מיינט תורה און שמחה מיינט ביטחון, גיי אהיים מיט רואיגקייט און דער בורא וועט דיר שיקן די ישועה פון א פלאץ וואס דו טראכסט גארנישט**", יענע וואך איז א פרעמדער קונה אנגעקומען און אפגעקויפט זיין גאנצע סחורה פאר א הויכן פרייז, און ער איז געראטעוועט געווארן פון גרויס שאנדע און ארעמקייט.

**יארצייט כ"ד אלול**

**הגה"ק רבי ישראל מאיר ב"ר ארי' זאב הכהן זי"ע (קאגאן), בעל חפץ חיים, מראדין**

ער איז געבוירן אין שטאט זיטל וואס איז נעבן הורדנה אין בלארוס, **י"א שבט בשנת תקצ"ח**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי ארי' זאב מווילנא** זי"ע, וואס איז געווען א **מלמד תשב"ר**.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת דוברושה** ע"ה.

ער איז געווען דער שר התורה והיראה, א גאון וצדיק מפורסם בכל קצוי תבל, ער איז געווען א מתמיד און למדן עצום בתורה, א ירא שמים מרובים, ער האט זיין גאנץ לעבן מקפיד געווען אויף יעדע הלכה און מנהג ישראל מיט א געוואלדיגע זהירות, ער איז געווען א בעל צדקה וחסד עד אין לשער, ער איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע התנהגות בקדושה, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים מיט א מסירת נפש ממש, ער האט ממאס געווען ברבנות, ער איז געווען א עניו מאוד און א שפל ברך, דער צדיק האט באמת ליב געהאט יעדן אידיש קינד אהבת נפש ממש, ער האט זוכה געווען צו ארויס געבן צענדליגע חיבורים וואס האבן אויף געשאקעלט די תורה וועלט, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

ווען ער איז געווען 14 יאר אלט, איז זיין טאטע ליידער נסתלק געווארן, און דאן איז ער געווארן אויף געצויגען ביי זיין גרויסע ברודער הגה"ק **רבי אהרן קאגאן** זי"ע, ביים ברודער האט ער גאר אסאך תורה געלערנט, ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א מתמיד עצום, ער האט געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה.

די מאמע האט דאן חתונה געהאט בזיווג שני מיט א גרויסע תלמיד חכם און א גביר פון שטאט ראדין, דארט האט ער געקענט לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה, זיין שטיף טאטע האט אים גאר שטארק מחבב געווען און געשעצט זיין גדלות בתורה, און אים געגומען פאר אן איידעם פאר זיין טאכטער **הצדקת מרת פריידא** ע"ה, און דער שווער זיין שטיף טאטע, האט אים אויס געהאלטן פאר אפאר יאר, אז דער איידעם דער גאון זאל קענען ווייטער זיצן און עוסק זיין בתורה.

נאך א שטיק צייט איז ער אריבער צום שטאט **מינסק**, און נאכדעם האט ער זיך געצויגען קיין **ווילנא**, דער גאון האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות שטעלע, נאר ער האט זיך מפרנס געווען פון א קליין געשעפט וואס זיין רעבעצין האט געפירט, אויך האט ער געלערנט מיט תלמידים בעלי כשרונות, וואס פון דעם האט ער אויך אביסל פארדינט אויף צום לעבן.

בערך בשנת תרכ"ט איז דער גאון צוריק צום שטאט **ראדין**, דארט האט ער אויף געשטעלט דעם גרויסן ישיבה אין ראדין, ווי עס האבן געלערנט בחורים גאונים בתורה, ער האט פאר די ערשטע פאר יאר אליין צוזאמען געשטעלט דאס געלט צו אויס האלטן דעם ישיבה, ער האט דארט אין שטאט ראדין עוסק געווען און פאר לערנען שיעורים פאר בעלי בתים, און משריש געווען יראת שמים און אהבת התורה אין די אידן פון שטאט, ער האט מייסד געווען א ארגאניזאציע פון גמילות חסדים פאר די אידן אין שטאט ראדין, דער גאון האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך עוסק געווען אין צדקה וחסד מיט א מסירת נפש.

דאן זעענדיג אז אידן זענען ליידער נכשל טעגליך **אין דעם איסור פון לשון הרע און רכילות**, האט דער גאון אפגעמאכט צו שרייבן א ספר אויף הלכות לשון הרע, און דאן האט ער אנגעהויבן שרייבן דעם גרויסן ספר "**חפץ חיים שמירות הלשון**", און ווען ער האט געענדיגט דעם חיבור, האט ער נישט געשריבן זיין נאמען אלס מחבר, ער איז דאן אליין ארום פון שטאט צו שטאט פארקויפן דעם ספר, אבער גאר שנעל איז דער ספר געווארן מפורסם ביי אידן, גרויסע גדולים און גאונים בדורו האבן דעם ספר מורא'דיג משבח געווען, און געהייסן מען זאל דאס לערנען, כדי מען זאל זיין אפגעהיטן פון ח"ו נכשל ווערן מיט לשון הרע.

דער גאון איז געווען מפורסם שוין דאן מיט זיין געוואלדיגע התמדה און אלס א גרויסע למדן, מען דערציילט, אז דער גאון פלעגט קויפן **שיך אן**

**קיין בענדלער**, ווייל ער האט אויס גערעכענט, **אז מיטן נישט דארפן צובינדן די שיך יעדן טאג, שפארט ער זיך איין כאטש איין מינוט**, און דורך דעם יאר שפארט ער זיך איין 6 שעה, און אויב ער לעבט 70 יאר **שפארט ער זיך איין 420 שעה דורך דעם**.

זיין גאנץ לעבן האט ער נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, ווייל ער האט געזאגט, אז דאס וועט אים שטערן פון ענדיגן זיינע חיבורים, וואס ווי באוויסט האט דער גאון נישט געוואלט מפסיק זיין פאר גארנישט ביז ער ענדיגט נישט זיין חיבור **משנה ברורה**, וואס איז געווארן אנגענומען אין די גאנצע וועלט, ובפרט אין די עולם התורה האט מען דעם חיבור גאר שטארק אנגענומען.

איינע פון די גרויסע חיבורים וואס דער גאון האט מחבר געווען איז די באוויסטע חיבור **משנה ברורה**, וואס דאס איז כהיום איינע פון די מערסטע געלערנטע חיבורים אין די הלכה וועלט.

דער גאון איז אליינס ארום פון שטאט צו שטאט פארקויפן זיינע ספרים, ווייל ער האט געוואלט מאכן זיכער אז אלעס ווערט געטון ערליך, און יעדע שטאט ווי דער גאון איז אנגעקומען מיט זיינע ספרים, האט מען אים גאר שטארק מכבד געווען, מען פלעגט אים מכבד זיין צו זאגן א דרשה וואס איז אייביג געווען משולב מיט מוסר און הדרכה.

ווערט דערציילט, אז הגה"ק רבי אלחנן וואסערמאן מבארנאוויטש זי"ע הי"ד, האט איינגעפירט ביי זיך אין ישיבה א סדר, צו לערנען מיט זיינע תלמידים יעדן טאג דעם הייליגען ספר חפץ חיים אלס מוסר פאר א האלבע שעה בעפאר מעריב, און דער ראש ישיבה רבי אלחנן איז געזעצן אויף זיין פלאץ מיט א געוואלדיגע פחד און יראת הרוממות, און עס האט זיך ממש געגאסן טייך און טרערן פון זיינע הייליגע אויגן, בשעתן לערנען מוסר פונעם ספר חפץ חיים.

זיין ישיבה אין שטאט ראדין איז געווען מפורסם אין גאנץ אירופה אלס איינע פון די גרעסטע ישיבות, דארט האבן געלערנט תלמידים גאונים וגדולים בתורה, מען איז דאס גאנצע טאג געזעצן און געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, אויך די נאכט האט דער גאון מקדיש געווען פאר תורה מיט די תלמידים, און צוזאמען מיט זיינע איידעמער וואס זענען אליין געווען גדולים בתורה, האט דער גאון מרביץ תורה געווען מיט א מסירת נפש ממש, און כסדר געהאלטן פאר די אויגן דעם תכלית פון זיינע תלמידים.

ער האט כסדר מעורר געווען זיינע תלמידים, אז מען זאל נישט בטל'ן קיין צייט מיט גארנישט, נאר מען זאל זיך אריין לייגן אין תורה און עבודת השם יעדע מינוט פון לעבן, און טאקע פון דעם ישיבה זענען ארויס געקומען תלמידים גדולים בתורה, וואס האבן שפעטער אליין מרביץ תורה געווען אויף די זעלבע דרך פון זייער גרויסע רבין.

ווי באוויסט זענען געקומען לערנען אין זיין ישיבה בחורים פון אלע שטעט, אויך פון אמעריקע זענען געקומען בחורים לומדים צו לערנען ביי דעם גרויסן גאון, און דער גאון דער חפץ חיים זי"ע האט די בחורים גאר שטארק אויס געליבט, אז זיי לאזן איבער אמעריקע וואס דארט פעילט נישט קיין גשמיות, און זיי זענען מקיים דעם גמרא, "**הוי גולה למקום תורה**".

און דאס התרגשות פונעם גאון ווען ער האט איין יאר ערב יום הקדוש באמערקט אפאר בחורים פון אמעריקע, האט זיך דער גאון וקדוש אויס געדריקט מיט מורא'דיגע ווערטער, "**רבוש"ע, קוק אויף דיינע טייערע קינדער, זיי לאזן אלעס איבער, אפילו ווען עס איז דא ישיבות אין אמעריקע, מיט דעם אלעם וואנדערן זיי אויף א ווייטע מקום, און לאזן איבער די עלטערן און משפחה, און אלע תענוגי עולם הזה, און אלעס נאר פאר דיין הייליגע נאמען און דיין הייליגע תורה, און דערפאר רבוש"ע ברויכסטו זיך שוין דערבארעמען אויף דיינע קינדער און אויס לייזן פון גלות**", און דער גאון האט דאן פארגאסן טייכן טרערן פון גרויס התרגשות, אז "**לא תשתכח תורה מישראל**".

דאס גרויסע התמדה און אהבת התורה וואס דער גאון האט געהאט, איז ממש נישט צום באשרייבן, און דער גאון האט כסדר מעורר געווען זיינע תלמידים דאס הארבקייט פון ח"ו מבטל זיין אפילו א מינוט פון תורה, ער האט כסדר אריין

געברענגט אין זיינע תלמידים דעם אמת'ע אהבה און געשמאק אין לערנען די הייליגע תורה, און פארשטייט זיך אז ווען עס קומט פון א גאון וגדול וואס האט באמת ליב געהאט די תורה, איז דאס אריין אויך אין זיינע גרויסע תלמידים.

אין ביהמ"ד פין די ישיבה איז געווען דער קול התורה גאר גרויס, און וועגן דעם האט דער גאון איינגעפירט, אז ווען עס איז געקומען די זמן פון דאווענען, פלעגט דער משמש אויס קלאפן אין ביהמ"ד אז מען גייט דאווענען.

האט פאסירט איינמאל, אז דער משמש האט בטעות אויס געקלאפט **מיט פינף מינוט פריער ווי די צייט**, און די בחורים האבן פארמאכט די גמרא זיך צו גרייטן צום דאווענען, דער גאון ווען ער האט געזען דעם טעות, איז ממש דערציטערט געווארן, און האט ממש געוויינט אויף דעם ביטל תורה וואס האט פאסירט, און אפילו דאס איז געווען נאר פינף מינוט, האט דאס מצער געווען דעם גאון עד דכדוכה דנפש.

די תלמידים האבן יארן שפעטער נאך געדענקט דעם מראה, ווי דער גאון איז ממש געווען אויס מענטש פון ביטול תורה, אין ווי שטארק דאס האט אים באריערט.

דערציילט מען, אז יארן שפעטער ווען דער משמש איז נפטר געווארן, האט דער גאון א קרעכץ געגעבן און געזאגט, "**ווער ווייסט וואס דער משמש וועט ענטפערן ביים בית דין של מעלה, אויף די פינף מינוט ביטל תורה וואס ער האט ליידער גורם געווען**", דאס איז געווען זיין פחד און מורא פון פינף מינוט ביטל תורה, אפילו עס איז באמת געווען א טעות בשוגג, ווייל דאס לעבן פונעם גאון איז געווען איין שטיק תורה און עבודת השם.

דער גאון האט גאר אסאך גערעדט און מעורר געווען די תלמידים און די שטאט מענטשן אויף ביאת המשיח, אז א איד דארף האפן און בעטן יעדן טאג, אז מען זאל שוין זוכה זיין צו ביאת המשיח במהרה בימינו, און דערפאר האט דער גאון אויף געשטעלט א כולל פאר יונגעלייט, וואס דארט האט מען געלערנט א סדר **הלכות קדשים**, אז די אידן זאלן זיין גרייט יעדע מינוט פאר ביאת המשיח, וואס דאן וועט מען זוכה זיין צו ווייטער טון די הייליגע עבודה אין בית המקדש.

ער האט ארויסגעגעבן פון זיין ישיבה גרויסע גאונים וגדולים בתורה ובתוכם.

הגה"ק **רבי אלחנן וואסערמאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי אליהו דושניצער** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה זלמן בלוך מירושלים** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זי"ע.

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע, אפילו זייענדיג א גאון וגדול בישראל וואס האט יעדע מינוט אויס געניצט אויף תורה און עבודת השם, האט ער אבער גאר אסאך אויך געטון תיקונים גדולים פאר די אידן פון זיין שטאט און פון די ארימיגע שטעט.

גאר אסאך האט דער גאון אויף געטון **פאר שמירת שבת קודש**, ער האט כסדר מעורר געווען אידישע קינדער איבעראל, אז מען ברויך היטן שבת כהלכתו, ער האט גאר אסאך געארבעט גדולות ונצורות פאר די אידן וואס האבן געארבעט ביי נישט אידישע ביזנעסער, אז זיי זאלן קענען היטן שבת געהעריג.

מען דערציילט, אז איינמאל איז דער גאון דער חפץ חיים זי"ע געפארן מיט זיין גרויסע איידעם הגה"צ **רבי צבי הירש לעווינזאן** זי"ע, נאך געלט פאר זיין גרויסע ישיבה אין שטאט ראדין.

דער גאון איז ארום געפארן פון שטאט צו שטאט צוזאמען שטעלן געלט פאר די ישיבה, דער גאון איז אנגעקומען אין א שטאט, און ער האט זיך דערוויסט, אז רח"ל די אידישע געשעפטן זענען ליידער אפען שבת קודש.

האט דער גאון איבער געלאזט דאס גאנצע געלט גיין, און האט צוזאמען געריפן די גאנצע שטאט, און דער גאון מיט זיין פערל ווערטער און זיין מידת האמת, האט געפויעלט ביי 300 אידן פון שטאט, צו פארמאכן דעם געשעפט שבת קודש, און דער גאון האט בכלל נישט געטראכט די גאנצע צייט וועגן מאכן געלט פאר זיין ישיבה, ווייל קדושת שבת קודש האט פארן גאון אסאך מער געברענט.

אויך האט ער פאר ארבעט גרויסע מעשים פאר **טהרת המשפחה**, ער האט אויף געשטעלט מקוואות מיט א מסירת נפש ממש, און מעורר געווען אידישע קינדער אז מען זאל זיך האלטן הייליג און אזוי אויף ציען די משפחה בקדושה וטהרה.

דער גאון האט געהאט א גרויסע אהבה צו **ארץ ישראל**, און ער אליין האט אויך סוף ימיו געוואלט ארויף גיין קיין ארץ ישראל, אבער ער האט צו דעם נישט מצליח געווען, אבער ער האט גאר אסאך געלט געשיקט פאר עניי ארץ ישראל, און כסדר מחזק געווען די אידן וואס זענען ארויף קיין ארץ ישראל, אז זיי זאלן זיך האלטן ערליך און היטן די תורה הקדושה, אויך האט ער דארט אין ארץ ישראל געהאט איינע פון זיינע גרויסע תלמידים הגה"ק **רבי יוסף חיים זאנענפעלד** זי"ע.

אפילו זייענדיג פון די גרויסע חובבי ארץ ישראל, האט דער גאון גאר אסאך לוחם געווען קעגן די תנועת הציונים, ער איז גאר שארף ארויס געקומען קעגן די ציונים וואס האבן געגרינדעט א מדינה פאר ביאת המשיח.

און דער גאון האט זיך אויס געדריקט גאר שארפע לשונות קעגן די ציונים, וואס האבן דאן פראבירט ליידער אראפ צו פירן כלל ישראל פונעם ריכטיגע וועג, ווי זיין תלמיד הגה"ק רבי אלחנן וואסערמאן זי"ע האט זיך אמאל אויס געדריקט בזה"ל, **"שאמר על הציונים, שהם עמלקים האמיתיים, ובעוה"ר אנו סובלים עכשיו מערב רב וזרע עמלק"**.

אויך האט זיך דער גרויסער גאון ממש מוסר נפש געווען און לוחם געווען מלחמתה של תורה, אז מען זאל נישט לערנען קיין **לימודי חול אין די חדרים און ישיבות**, און נאכן שווער ארבעטן ביי די ממשלה אין פולין, האט דער גאון מצליח געווען צו מבטל זיין די גזירה, און בזכות פון דעם גאון האבן טויזענטער אידן אויף געצויגען ערליכע אידישע שטובער נישט אריין ברענגענדיג קיין לימודי חול אין די חדרים און ישיבות.

בשנת תרס"ג איז די רעבעצין **הצדקת מרת פריידא** ע"ה נפטר געווארן, און בשנת תרס"ה האט דער גאון דער חפץ חיים זי"ע חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הרבנית הצדקת מרת מרים פריידא** ע"ה, בת הגה"ק **רבי הלל בעל בית הלל אב"ד לאפיס** זי"ע.

ער האט מחבר געווען חבורים נפלאים וואס גאר אסאך פון זיי זענען אנגענומען אין די גאנצע וועלט.

**משנה ברורה, על הלכות אורח חיים שולחן ערוך,**
**ספר ביאור הלכה, הגהות במשנה ברורה,**
**ספר שער הציון, על הלכה,**
**ספר חפץ חיים, שמירת הלשון, על איסור לשון הרע,**
**ספר אהבת חסד, מצוות שבין אדם לחבירו,**
**ספר ליקוטי הלכות, כמו פירוש הרי"ף,**
**ספר ציפית לישועה, מאמרים על הציפייה לגאולה שלימה,**
**ספר תורה אור, אגדות חז"ל,**
**ספר תורת הבית, גודל חיוב האדם ללמוד תורה.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בנו הגה"צ **רבי ארי' לייב הכהן מראדין** זי"ע, ממלא מקום אביו,
בתו **הצדקת מרת גיטל** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי אהרן בן יוסף כהן בעל עבודת הקרבנות** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת שרה** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי צבי הירש לעווינזאן** זי"ע,
בנו **הבחור המופלג אברהם** ע"ה, נפטר בדמי ימיו,
בנו הגה"צ **רבי אהרן הכהן קאגען** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת פייגא חי'** ע"ה, אשת הגה"צ **רבי מנחם מענדל זאקס ר"י ראדין** זי"ע,

נסתלק לגנזי מרומים **בן צ"ד שנים, כ"ד אלול בשנת תרצ"ב**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ראדין**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**עס ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט פאסירט, אז א איד א גביר אין שטאט ראדין, האט געהאט א אלמנה וואס האט געוואוינט אין איינע

פון זיינע דירות, און דער גביר האט פאר א שטיק צייט נישט באקומען פון איר קיין דירה געלט, איז דער גביר געגאנגען, **און מיט רשעות אראפ גענומען דעם דאך פון די דירה, און די פרוי די אלמנה האט ליידער געמיזט ארויס גיין מיט די קינדער פון די דירה.**

ווען דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געהערט פון דעם, האט ער געזאגט פאר זיין קינד, אז ער איז זיכער אז דער גביר וועט נאך ווערן באשטראפט פארן מצער זיין די אלמנה, **ווייל דער באשעפער נעמט זיך זיכער אן פאר א אלמנה**, און דער חפץ חיים האט געזאגט, עס מיז נישט זיין יעצט וועט דער גביר באשטראפט ווערן, ווייל דער באשעפער איז דאך א מאריך אף, א**בער איך בין מאמין באמונה שלימה, אז אויב די תורה זאגט אִם עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי אִם צָעֹק יִצְעַק אֵלַי שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ, בין איך זיכער אז די שטראף וועט קומען.**

10 יאר שפעטער האט דאס פאסירט, ווען דער גביר איז איין טאג געגאנגען אויף די גאס, און א כלב שוטה איז אים קעגן געקומען און אים געביסן, און דער גביר איז קראנק געווארן מיט א ביטערע מחלה, און דער גביר איז פון דעם רח"ל געשטארבן, און דאן האט דער חפץ חיים זי"ע געוויזן פאר זיינע תלמידים, **אז די תורה הקדושה איז אמת ויציב, און אויב די תורה זאגט עפעס, וועט דאס זיכער פאסירן.**

• • •

**איין טאג איז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע געפארן אויף די באן**, און דארט איז געווען א איד וואס האט זייער משבח געווען דעם הייליגען חפץ חיים זי"ע, נישט וויסענדיג אז ער רעדט דא צום חפץ חיים אליין, אבער דער חפץ חיים זי"ע מיט זיין גרויס עניוות האט געזאגט פאר דעם איד, די רעדסט פון "**ישראל מאיר**", ער נער'ט אויס די וועלט.

ווען דער איד האט געהערט ווי ער רעדט אזוי אויפן הייליגען חפץ חיים, האט אים יענער גאר שטארק אן געשריגן און פארשעמט זאגענדיג, אזוי רעדסטו אויפן הייליגען חפץ חיים, אבער שפעטער ווען מען איז אנגעקומען קיין ראדין, און דער איד איז אריין געקומען צום חפץ חיים זי"ע, איז אים שלעכט געווארן פאר די אויגן, אז ער האט אזוי פארשעמט דעם חפץ חיים אליין, אבער דער חפץ חיים זי"ע האט אים געזאגט מיט א שמייכל, "**די האסט מיך אויס געלערנט, אז אפילו אויף זיך אליין טאר א איד אויך נישט רעדן קיין לשון הרע**".

• • •

**דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט פארציילט די מעשה**, אז אין שטאט קאליש איז געווען א איד, וואס איז אריין שבת בייטאג נאכן סעודה אין ביהמ"ד, און אן געהויבען זאגן תהילים מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש ובדמעות שליש.

איז דארט אין ביהמ"ד געווען נאך א איד וואס האט געזעהן די מחזה, האט ער זיך אויך געשטעלט זאגן תהילים מיט א געוואלדיגע השתפכות הנפש ובדמעות שליש.

מוצש"ק איז דער צווייטער צו געגאנגען און געפרעגט דעם ערשטן, וואס איז פשט פאר די בכיות ביי תהילים, ווייל לויט די בכיות זעהט אויס ווי די האסט א צרה, און אפשר קען איך דיר ארויס העלפן,

האט דער איד געזאגט, אז ער האט א טאכטער ביי זיך אינדערהיים, און ער קען נישט א שידוך טון ווייל ער האט נישט קיין געלט פאר נדן, און די גאנצע וואך איז ער טרוד אויף פרנסה און ער זעהט נישט דעם טאכטער, אבער ווען עס קומט שבת קודש און ער זעהט דעם טאכטער, ווערט ער זייער צובראכן ווייל ער קען איר נישט העלפן, דערפאר קומט ער אין ביהמ"ד זאגן תהילים און איז שופך לב כמים צום גרויסע באשעפער.

האט דער צווייטער געזאגט, איך האב אויך א זוהן ביי מיר אין שטוב א גרויסע תלמיד חכם, אבער איך האב נישט קיין געלט צו קענען א שידוך טון, האט דער איד מייעץ געווען, אז אפשר זאלן זיי זיך משדך זיין, און זיי האבן זיך טאקע משדך געווען.

און פון דעם שידוך זענען ארויס געקומען 4 גדולי עולם, הגה"ק **רבי אריה לייב בעל קצות החושן** זי"ע, הגה"ק **רבי יהודה בעל קונטרס הספיקות** זי"ע, הגה"ק **רבי חיים מקאליש** זי"ע, הגה"ק **רבי מרדכי מאונגוואר** זי"ע, האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע אויס געפירט, **קוקט וואס עס קומט ארויס ווען צוויי אידן פאר לאזען זיך**

**אויפן הייליגען באשעפער, און זאגן תהילים מיט א דביקות בשם.**

• • •

**דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט דערציילט**, אז בשנת תרל"ט האט דער גרויסער גאון הגה"ק **רבי יהושע לייב דיסקין** זי"ע פארלאזט די שטאט בריסק און ארויף קיין ארץ ישראל, האט די קהילה פון בריסק געשיקט עטליכע חשובע אידן בשליחות צו גיין בעטן רבי יאשע בער סאלאוויטשיק זי"ע, אז ער זאל קומען ווערן בריסקער רב, אבער דער גאון האט זיך אפגעזאגט, ווייל זייענדיג באלד זעכציג יאר אלט, האט ער נישט געוואלט אן נעמען א נייע שטעלע פון רבנות מיט אזוי פיל אחריות, פון חינוך, מקוואות, כשרות, און נאך אנדערע זאכן וואס קומען מיט א רבנות שטעלע.

די גרופע פון בריסק האבן זיך שוין כמעט מייאש געווען פון באקומען דעם גאון רבי יאשע בער אלס רב ביי זיי אין שטאט, אבער פלוצלונג רופט זיך אן איינער פון די אידן מיט א גרויס התרגשות און ברען און זאגט, "**רבי ווי אזוי קענט איר אפ זאגן אזא געבעט, אין א צייט וואס פינף און צוואנציג טויזענט אידן ווארטן אויף אייך אין די שטאט בריסק**".

ווען דער גאון האט געהערט די ווערטער וואס זענען געזאגט געווארן מיט א תמימות, האט ער געזאגט פארן רעבעצין, "**געב מיר מיינע שבת'דיגע מלבושים, און מיר פארן קיין בריסק, ווייל אויב פינף און צוואנציג טויזנט אידן ווילן מיך האבן, דארף מיר שוין גיין**".

פארציילט מען, אז ווען דער הייליגער חפץ חיים זי"ע פלעגט דערציילן די מעשה, פלעגט ער זאגן מיט בכיות און טרערן, "**אויב דער בריסקער רב האט געטוישט זיין מיינונג, און געגאנגען קיין בריסק, ווייל אזוי פיל אידן ווארטן אויף אים, איז דאך אוודאי, אויב משיח צדקנו וועט וויסן אז מיר אידן בעטן און ווילן באמת אז ער זאל שוין קומען, וואלט ער שוין זיכער געקומען**".

• • •

**א איד האט אמאל געפרעגט דעם הייליגען חפץ חיים זי"ע**, ווי אזוי האט דער הייליגער גאון **רבי עקיבא איגר** זי"ע זוכה געווען צו די גרויסע דרגות אין תורה און קדושה, אז ער איז נתקבל געווארן אלס פוסק הדור און דער גרעסטער גאון בדורו.

האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע געזאגט, אין יעדע דור קומט אראפ א שפע און סייעתא דשמיא פאר דעם דור, וואס דאס ווערט צוטיילט צווישן אלע גאוני הדור, אבער ביים דור פונעם הייליגען גאון רבי עקיבא איגר זי"ע, האט זיך אנגעהויבן פארשפרייטן רח"ל די תנועה פון השכלה, וועגן דעם ווען עס איז אראפ געקומען די השפעה אויפן דור, איז ליידער נישט געווען קיין סאך אונעם דור וואס זאלן קענען מקבל זיין די השפעות, **און דערפאר איז די גאנצע השפעה פון יענעם דור געגאנגען צום גאון רבי עקיבא איגר** זי"ע.

• • •

**א איד איז אמאל געקומען זיך אפרעדן פארן הייליגען חפץ חיים זי"ע**, אז די חסידים בשעת זיי פארשפרייטן דעם דרך החסידות, קומט אויס אז פון מאל צו מאל טיען זיי ווילדע זאכן מעשים אשר לא יעשו, און דער איד האט זיך זייער אפגערעדט אויף די חסידים.

האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע מיט זיין גרויס חכמה און פארשטאנדט געזאגט פאר דעם איד, די גמרא זאגט דאך, **נִרְדָּף שֶׁשִּׁבֵּר כֵּלִים שֶׁל רוֹדֵף פָּטוּר**, אז אויב איינער לויפט ראטעווען איינעם פון א רודף, און צוברעכט כלים אויפן וועג, איז דער איד פטור, דאס זעלבע איז מיט די חסידים, **וויבאלד מיט זייערע מעשים ראטעווען זיי כלל ישראל און ראטעווען אידישקייט, זענען זיי פטור פון וואס זיי טיען, וויבאלד זיי ראטעווען למעשה אידישקייט.**

• • •

**צו זעהן דעם געוואלדיגע אמונה און בטחון** וואס דער גאון דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געהאט, איז כדי צו דערציילן די מעשה, ווי באקאנט האט דער חפץ חיים זי"ע געהאט א איידעם הגה"צ **רבי צבי הירש לעווינזאן** זי"ע, וואס איז געווען באוויסט אלס א גרויסע גאון וגדול בתורה, דער איידעם האט גאר אסאך ארויס געהאלפן זיין גרויסע שווער און געשטאנען צו זיין האנט מיט יעדע דבר שבקדושה.

ליידער איז דער איידעם פריצייטיג נפטר געווארן, און איבער געלאזט צוויי קינדער יתומים,

איז די רעבעצין פונעם גאון רבי צבי הירש, הצדקת מרת שרה ע"ה אריין צו איר טאטן, און האט זיך פון גרויס צער אויס געגרעדט איר ביטער הארץ פארן טאטן, **"אז פון אלע באשעפענישן פון די וועלט, האט דער אייבערשטער נישט געטראפן איינעם אוועק צו נעמען, נאר מיין מאן"**.

דער הייליגער חפץ חיים זי"ע וואס האט זיין גאנץ לעבן געהארעוועט און געשטרעבט אז סיי ער און סיי אלע נעבן אים זאלן זיין שטארק אין די אמונה פשוטה, און באמת גלייבן אז עס איז דא נאר איין איינציגסטע באשעפער אויף די וועלט וואס ער פירט אלעס, האט ער געזאגט פארן טאכטער מורא'דיגע ווערטער, **"וואס האסטו געוואלט, אז אנשטאט אים זאל דער באשעפער אוועק נעמען א דריטל וועלט"**.

• • •

**דער הייליגער חפץ חיים זי"ע שרייבט**, אז ער האט אמאל געהאלטן א דרשה וועגן לשון הרע, און ער האט מסביר געווען דעם חומר הענין, און ווען ער האט געענדיגט, איז איינער פון די צוהערערס צוגעקומען, און ער האט מודה געווען, אז ער האט שוין עובר געווען די עבירה פון לשון הרע מסתמא שוין הונדערטער מאהל, און עס איז אוממעגליך פאר איהם צו געדענקען די נעמען פון די מענטשן אויף וועמען ער האט גערעדט, און ממילא קען ער זיי נישט בעטן מחילה, און ער האט געפרעגט דעם הייליגען חפץ חיים זי"ע ווי אזוי ער קען תשובה טון.

האט דער הייליגער חפץ חיים אים געהייסן, אז ער זאל זיך אונטער נעמען צו זעהן, אז די דינים פון לשון הרע זאלן ווערן געלערנט דורך אסאך מענטשן, דורך שיעורים און שמועסן, און די אלע ספרים וואס זענען געשריבן געווארן אויף דעם ענין, זאלן ווערן געלערנט, כדי די הארבקייט פון דעם איסור זאל נתפרסם ווערן, און אזוי ארום אז ער וועט מחזק זיין אנדערע אין דעם ענין, וועט איהם השי"ת דורך דעם מוחל זיין, און אפהיטן לעתיד פון דעם חטא החמור.

• • •

**ווען דער הייליגער חפץ חיים זי"ע איז אלט געווארן 70 יאר, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה,** ווען מען האט אים געפרעגט פארוואס ער מאכט אזא גרויסע סעודה, האט ער געענטפערט, **"טאמער איך וואלט נפטר געווארן יונגערהייט, וואלט דערפון ח"ו ארויס געקומען א גרויסע חילול ד', ווייל אידן וואלטן געזאגט, קוק, דער וואס האט זיך אפגעהיטן א גאנצע לעבן נישט צו רעדן אדער הערן קיין לשון הרע, איז נפטר געווארן אזוי יונג, אבער יעצט אז איך האב יא געהאט אריכת ימים, וועט יעדער זיך איבערצייגן, אז דער וואס היט זיין מויל לעבט לאנג"**, און וועגן דעם קידוש השם האט ער געמאכט א גרויסע סעודה.

• • •

**אמאל איז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע** אנגעקומען קיין פעטערבורג צוליב עניני הכלל, פארשטייט זיך אז די גאנצע שטאט איז ארויס מקבל פנים זיין דעם גרויסן גאון און גדול הדור, און צווישן די מקבלים זענען געווען עטליכע גבירים פון שטאט, וועלכע זענען אויך ארויס געקומען נעמען א ברכה פון דעם גרויסן גאון דער הייליגער חפץ חיים זי"ע.

איינע פון די גבירים איז צו געגאנגען צום גאון, און האט אים געגעבן א שיינע נדבה פאר די ישיבה אין ראדין, אבער אזוי ווי דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט אנגעכאפט די האנט פון דעם גביר צו געבן א ברכה, האט דער גאון אנגעהויבן וויינען און געזאגט בזה"ל, "די האנט גיט צדקה מיט אזא **איבערגעגעבנקייט, אבער זי איז רח"ל מחלל שבת"**, און דער חפץ חיים האלט ווייטער די האנט פון דעם גביר, און וויינט מיט ביטערע טרערן.

לפלא איז דאס הארץ פון דעם גביר ממש צעגאנגען, און ער האט אנגעהויבן ביטערליך וויינען, אבער דאן זאגט דער גביר פארן חפץ חיים, איך זאג צו אז איך וועל שוין היטן שבת, אבער איך בעט דעם רבין, **ער זאל מיר ערלויבן מחלל שבת זיין נאך די איינמאל, ווייל פונקט יעצט האלט איך אינמיטן א גאר גרויסע ארבעט וואס איך וויל ענדיגן ווי פריער.**

אזוי ווי דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט געהערט די ווערטער, האט ער געזאגט מיט גרויס התרגשות דקדושה, "**מיין קינד, אויב דער שבת קודש וואלט געווען מיינס, וואלט איך דיר מוחל געווען און ערלויבט אלעס וואס דו פארלאנגסט, אבער שבת קודש געהער דאך צום באשעפער דער מלך מלכי המלכים, און איך קען נישט מתיר זיין**

**עפעס קעגן די תורה הקדושה אפילו אויף איין מינוט חילול שבת".**

פארשטייט זיך אז דברים היוצאים מן הלב קדוש פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע האט עושה רושם געווען אויף דעם גביר, און ער האט פון דאן אנגעהויבן היטן שבת קודש און מדקדק געווען אויף יעדע הלכה קלה כבחמורה, און דאס האט דער גרויסער גאון געטון מיט זיין מידת האמת און מיט זיין מסירת נפש וואס ער האט געהאט פאר יעדע מצוה און הלכה פון די תורה הקדושה.

• • •

**איינמאל איז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע** געווען אין א שטאט אויף שבת, און ער האט געגעסן ביי איינע פון די גבירים פון שטאט, **לפלא האט דער גאון דער חפץ חיים זייער געיאגט די סעודה, און כסדר געבעטן מען זאל שנעל אריין ברענגען די קומענדיגע מאכל**, פארשטייט זיך אז פארן גביר איז דאס געווען זייער א פחיתת כבוד, זעענדיג ווי דער גאון וויל שנעל ענדיגן די סעודה ביי אים.

האט דער גביר געפרעגט דעם גאון, פארוואס יאגט די רבי אזוי די סעודה, ווי יאגט זיך די רבי אזוי שבת קודש, האט דער גאון געענטפערט פאר גביר, די האסט דא א ארעם מיידל וואס באדינט דיך מיט די סעודה, און אויך מיט אלע צרכים פון שטוב, אבער זי עסט נישט דא גארנישט, ווייל נאכדעם וואס די ענדיגסט די סעודה, ברויך זי אהיים גיין צו איר ארעם שטוב און דארט עסן די סעודה, ד**ערפאר וויל איך ענדיגן די סעודה ווי שנעלער, כדי זי זאל שוין קענען אהיים גיין און נישט ברויכן ארבעטן אזוי שווער**.

• • •

**איין טאג האט דער גאון דער הייליגער חפץ חיים זי"ע געפאסט א תענית חלום**, און ווען די מקורבים האבן געפרעגט דעם חפץ חיים, פארוואס ער פאסט.

האט דער גאון געזאגט, **אז ער האט די נאכט געהאט א חלום אז ער ווערט א עושר, און דערפאר פאסט ער א תענית חלום**, ווייל אויב איז דאס אמת, **ברויך מען דאך פאסטן, ווייל דאס איז א צרה, ווייל וואס ברויך איך עשירות**, און אויב איז דאס נישט אמת, ברויך מען דאך זיכער פאסטן, **ווייל דאס מיינט אז איך האב בייטאג געטראכט פון אזא נארישע זאך ווי עשירות, און דאס איז דאך דברים בטלים**, און דערפאר האב איך געהאט די חלום, און דערפאר האט ער געפאסט יענעם טאג א תענית חלום.

• • •

**ווי עס איז באקאנט**, אז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע אויף די עלטערע יארן, ווען ער האט שוין נישט אזוי גוט געהערט, האט ער גערעדט אביסל העכער, האט איינמאל איינע פון זיינע תלמידים געהערט, ווי דער גאון וקדוש רעדט אזוי צו זיך, **אז ער וויל זייער גיין על קידוש השם פארן גרויסן באשעפער'ס נאמען**.

און אזוי האבן די תלמידים כסדר געהערט פונעם גאון גאר אסאך וואונדערליכע ריידט, וואס דער גאון האט זיין גאנץ לעבן פראבירט צו באהאלטן, נאר אויף די עלטער ווען ער האט נישט אזוי גוט געהערט, האט ער נישט געכאפט אז ער רעדט אביסל העכער, און די מענטשן ארום קענען דאס הערן.

• • •

**איינמאל האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע** געשיקט איינע פון זיינע גרויסע תלמידים, אז ער זאל פארן צו איינע פון די שטעט ווי עס איז געווען זייער שוואך דאס שמירת שבת קודש, אז ער זאל מעורר זיין די אידן מען זאל אנהייבן היטן דעם שבת קודש, אינמיטן וועג האט זיך דער תלמיד זייער צוקלאפט און איז געווארן שטארק צעבלוטיגט.

ווען דער תלמיד איז צוריק געקומען און דערציילט פארן רבין וואס האט פאסירט מיט אים אינמיטן וועג, האט דער הייליגער חפץ חיים געזאגט פארן תלמיד, **"איך בין דיך באמת מקנא, אז די האסט זיך צעבלוטיגט פארן כבוד השבת"**, ווייל דער גאון האט זיין גאנץ לעבן געברענט פארן שבת.

• • •

**עס איז געווען א מאן און ווייב וואס האבן ליידער יארן נישט געהאט קיין קינדער**, אבער שפעטער זענען זיי געהאלפן געווארן מיט א קינד, **אבער ליידער איז דער קינד געבוירן געווארן מיט א הארץ פעלער**, און די עלטערן זענען געפארן מיט זייער בן יחיד קיין ווין צו א גרויסן דאקטאר,

אבער דער גרויסער דאקטאר האט זיי געזאגט, אז פון דעם קינד וועט גארנישט ווערן, און עס איז נישט דא וואס צו טון פאר דעם קינד.

פארשטייט זיך אז די עלטערן האבן געהאט גרויס צער און עגמת נפש פון דעם, ווייל דא זענען זיי שוין געהאלפן געווארן מיט א בן יחיד נאך אזויפיל יארן, און דא ליידער אזא צרה, האט זיי איינער גע'עצה'ט, **פארט אריבער קיין ראדין צום הייליגען חפץ חיים זי"ע, וואס ער איז געווען דאן באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות, און ער וועט ענק זיכער קענען העלפן מיט א ישועה.**

זענען די צובראכענע עלטערן אריבער געפארן קיין ראדין צום הייליגען חפץ חיים, ווען זיי זענען אריין געקומען צום הייליגען חפץ חיים, האט זיי דער גאון וקדוש געפרעגט, ווי אזוי איז אייער שמירת שבת קודש, האבן די עלטערן געזאגט, אז זיי היטן שבת זייער ערליך, האט דער גאון געזאגט פאר די עלטערן, "**נעמט אייך פאר צו מאכן פרי שבת, אז פרייטאג ביי חצות זאל שוין די גאנצע שטוב זיין גרייט פאר שבת, און ביים זמן זאל מען גלייך צינדען ליכט און מקבל זיין דעם שבת קודש, און אין דעם זכות וועט דאס קינד האבן א רפואה שלימה**", פארשטייט זיך אז די עלטערן האבן זיך גלייך מקבל געווען צו מקיים זיין וואס דער גאון האט געבעטן.

לפלא אזוי ווי די עלטערן זענען אן געקומען אהיים, האבן זיי געזען ווי דאס קינד איז שוין בעסער, נאך אפאר וואכן זענען די עלטערן צוריק געפארן קיין ווין צום גרויסן דאקטאר צו אונטער זיכן דעם קינד, פרעגט דער דאקטאר פון די עלטערן, ביי וועלכער דאקטאר זענט איר געווען, האבן זיי געזאגט, אז זיי זענען ביי קיין דאקטאר נישט געווען, נאר זענען געווען ביים הייליגען חפץ חיים אין ראדין, און ער האט זיי אנגעוואונטשען א ברכה, האט דער דאקטאר געזאגט מיט התפעלות, "**אונז דאקטורים קענען היילן א הארץ, אבער באשאפן א נייעם הארץ, דאס קען נאר דער גאון וקדוש דער חפץ חיים זי"ע**".

• • •

**איז געווען א בחור אין די ישיבה פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע**, וואס מען האט אים איין שבת קודש ליידער רח"ל געכאפט מחלל שבת זיין, און מען האט דעם בחור געוואלט פארשיקן פון די ישיבה, אבער ווען מען איז דאס געקומען דערציילן פארן הייליגען חפץ חיים זי"ע, האט ער געהייסן, מען זאל דעם בחור אריבער שיקן צו אים אין שטוב, און דער חפץ חיים האט זיך איינגעשפארט מיטן בחור פאר אפאר מינוט, און לפלא איז דער בחור איבער געדרייט געווארן צו א אנדערע בחור, און האט זיך פון דאן אנגעהויבן פירן גאר ערליך, קיינער האט נישט געוויסט וואס דער חפץ חיים האט מיט אים גערעדט אין שטוב.

יארן שפעטער ווען איינע פון די תלמידים פונעם חפץ חיים זי"ע האט געהאלטן א דרשה פאר אידן, און ער האט דערציילט די מעשה זאגענדיג, אז מען ווייסט נישט וואס דער חפץ חיים האט גערעדט מיט דעם בחור, איז צו אים צו געקומען א איד און זאגט אים, איך בין דער בחור מיט וועם די מעשה איז פאר געקומען, און איך וועל דיר דערציילן וואס דארט איז געווען.

ווען איך בין אריין געקומען צום שטוב פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע, האט מיר דער גאון גארנישט געזאגט, **נאר ער האט גענומען מיין האנט צו זיך אין האנט, און ער האט געוויינט מיט טרערן ממש בדמעות שליש און געהאלטן און איין זאגן, "שבת קודש, שבת קודש, שבת קודש"**.

אבער די ווערטער פונעם גאון וואס איז געזאגט געווארן מיט אן אמת, איז מיר אזוי אריין אין די ביינער, און דאס האט אנגעצינדן א פלאם פייער ביי מיר אין הארץ, דאס איז געווען דאס גדלות פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע, **אז ער האט מיט אפאר ווערטער וואס ער האט געמיינט מיט אן אמת, געקענט איבער דרייען א הארץ פון א איד צום גוטן**.

• • •

**ווי באקאנט האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע מקפיד געווען צו פארקויפן זיינע ספרים אליין**, ווייל ער האט געוואלט אז אלעס זאל געטון ווערן בנאמנות און ח"ו נישט בא'גנב'נען קיינעם.

אבער אויף די עלטערע יארן ווען ער האט שוין נישט געהאט קיין כח, האט ער גענומען אנדערע אידן וואס זאלן דאס גיין פארקויפן, און דער גאון האט זיי אלע אן געזאגט, אז מען זאל אלעס טון

מיט נאמנות און אבאכט געבן נישט צו גנב'נען פון קיינעם.

איינע פון די משלוחים האט יידער גע'גנב'עט פונעם חפץ חיים אליין, ווייל ער האט נישט געגעבן דאס גאנצע געלט וואס ער האט געמאכט, האט מען אפ געזאגט דעם פארקויפער פון קענען ווייטער פארקויפן די ספרים פונעם גאון, פארשטייט זיך אז יענער איד האט נישט געוואלט זאגן דעם אמת פארוואס ער פארקויפט שוין נישט די ספרים פונעם גאון, האט ער כסדר גערעדט זייער נישט שיין אויפן חפץ חיים, אז ער האט אויף געהערט פארקויפן די ספרים, ווייל ער איז געוואר געווארן, אז דער חפץ חיים אליין איז בכלל נישט אזוי ערליך ווי ער פאדערט פון אנדערע, און דערפאר וויל ער מער נישט פארקויפן די ספרים.

לפלא נישט אסאך נאכדעם, האט דער איד באקומען גאר געפערליכע אויס שלאגן אין מויל, און ער האט געהאט גרויסע יסורים דערפון, און די ווייב פון דעם איד האט גלייך פארשטאנען, אז דאס איז א עונש פאר איר מאן, פארן רעדן אזוי נישט שיין אויפן גאון, איז זי אריבער צום הייליגען חפץ חיים, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי געבעטן דעם חפץ חיים, אז ער זאל מוחל זיין פאר איר מאן.

דער חפץ חיים זי"ע האט גלייך געזאגט פאר די פרוי, אז ח"ו אז דאס זאל קומען פון מיין הקפדה, און דער חפץ חיים האט נאך צו געגעבן א שיינע סכום געלט מיט וואס זי זאל קענען היילן דעם מאן, ווייל דער גאון האט באמת נישט געהאלטן, אז ער איז אפילו ראוי אז איינער זאל באקומען א עונש פארן רעדן אויף אים, דאס איז געווען דעם מידת האמת פון דעם גאון, און זיין גרויסע עניוות וואס ער האט געהאט.

• • •

**איינמאל האט א אייניקל פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע**, יארן נאכן פטירה פונעם זיידן, זיך דערוועקט צופרי מיט שרעק און דערציילט, **אז די נאכט איז די זיידע דער חפץ חיים זי"ע געקומען צו איר אין חלום, און מיט כעס אנגעכאפט א ספר און דאס אראפ געווארפן אויף דער ערד**, און די אייניקל האט דאס דערציילט פאר איר זוהן, דער זון האט גלייך מודה געווען, אז די נאכט האט ער אהיים געברענגט **א ספר פון דעם רשע מנדלסון ימ"ש, און ער האט דאס באהאלטן אין ספרים שאנק**, און דאס האט דער זיידע דערפילט מעולם העליון, און דערפאר איז ער געקומען צו די מאמע אין חלום, און אראפ געווארפן דעם טריפה'נע ספר אויף דער ערד.

• • •

**האט דערציילט הרה"צ רבי יעקב יוסף הערמאן זי"ע**, אז איינמאל איז ער געפארן פון אמעריקע קיין ראדין, און אסאך בעלי בתים האבן געבעטן אז ער זאל זיי מזכיר זיין ביים חפץ חיים זי"ע, דערציילט דער גאון רבי יעקב יוסף, אז ער האט מזכיר געווען אלע נעמען, און דער חפץ חיים זי"ע האט יעדן אנגעוואונטשן זייער שיין, אויסער פאר איין נאמען האט ער נישט געגעבן קיין ברכה.

דער רבי יעקב יוסף האט געמיינט, אז אפשר האט דער גאון נישט געהערט דעם נאמען, האט ער נאכאמאל געזאגט דעם נאמען, אבער דאן זאגט אים דער חפץ חיים זי"ע מיט צער, "**ווי אזוי קען איך געבן א ברכה פאר א איד וואס איז מחלל שבת**",

עס איז געווען פאר רבי יעקב יוסף א גרויס וואונדער, ווייל ער האט נישט געוויסט אז יענער איז א מחלל שבת, אבער שפעטער ווען ער איז אהיים געקומען און זיך גוט נאך געפרעגט אויף יענעם איד, האט ער געזען ווי דער גאון דער הייליגער חפץ חיים זי"ע, **האט מיט זיין רוח הקודש גאר גוט צו געטראפן, אז יענער איז טאקע מחלל שבת**.

• • •

**איז געווען א ליטפישע בחור וואס האט זיך זייער פארעלטערט**, און עס האט זיך אים נישט געמאכט קיין שידוך, **דער בחור האט זיך קיינמאל נישט געשניטן די בארד**, און די טאטע האט גע'עצה'ט פארן בחור, אז אפשר ברויך ער זיך יא אנהייבן שערן די בארד, און אפשר אזוי וועט ער טרעפן א שידוך, דער בחור איז אבער געווען א גאר ערליכער, און ער האט דאס נישט געוואלט טון אן פרעגן פון א ערליכען איד.

איז דער בחור אריבער צום הייליגען חפץ חיים זי"ע, און אן געפרעגט פונעם גאון וואס ער זאל טון לגבי זיין בארד, האט דער גאון דער חפץ חיים זי"ע אנגעכאפט דעם בארד פונעם בחור, און געזאגט א משל, אמאל איז א מענטש געפארן מיט א באן אויף

א ווייטע וועג, אינמיטן וועג איז דער באן געפארן אויף א גאר שיפע בארג, און פארשטייט זיך אז דאס באן איז געפארן גאר שטייט.

איז דער מענטש ארויס געטאנצן פון באן, און אנגעהויבן שטיפן די באן פון אינטן, האט אים א מענטש געזאגט, די טראכסט באמת אז דיין שטיפן די באן העלפט דען, די גרויסע באן וואס פארט אזוי שנעל מיט א כח, אויב דאס קען נישט פארן שנעל, טראכסטו אז דיין שטיפן וועט העלפן.

דאס זעלבע פירט אויס דער חפץ חיים זי"ע, **דער גרויסער באשעפער פירט דאך די וועלט און ער שטעלט צוזאם שידוכים יעדע סעקונדע, טראכסטו טאקע אז מיט דיין אראפ נעמען די בארד וועסטו העלפן דעם באשעפער שטיפן די באן**, דער בחור האט טאקע צו געהערט די ריידט פונעם גאון, און גאנץ אינגיכן איז ער א חתן געווארן, און שפעטער אויס געוואקסן איינע פון די גרויסע ראשי ישיבות בדורו.

• • •

**דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט מעיד געווען אויף זיך**, אז ער האט נישט גערעדט לשון הרע צענדליגער יארן, איינע פון זיינע עצות צו זיין אפגעהיטן פון דעם הארבן זינד, איז געווען נישט צו דערמאנען נעמען פון מענטשן, און אלע תלמידים פונעם חפץ חיים האבן געוואוסט, אז זייער רבי דערמאנט נישט קיין נאמען, א פאקט וואס העלפט נישט נכשל צו ווערן מיט קיין לשון הרע.

מאכט זיך אמאל ערב ראש השנה, דער חפץ חיים האט געהאלטן א דרשה פון מוסר און ערוועקונג צו זיינע תלמידים, זיצט דארט ר' אשר א נייער תלמיד, שלינגט מיט דארשט יעדעס ווארט, אבער פלוצלונג הערט דער אשר, ווי דער רבי דערמאנט א איד מיטן נאמען "**בערקע**", נישט נאר ער דערמאנט דעם נאמען, נאר ער זאגט שווערע ווערטער קעגן בערקע, ווי ווייט מען דארף זיך דערווייטערן פון אים.

דער יונגער נייער תלמיד גלויבט נישט וואס זיינע אויערן הערן, ער דרייט זיך רעכטס און לינקס און באמערקט אז אלע איבריגע פון די חבריא זיצן זיך ווייטער רואיג, און פאר קיינעם איז נישט אויפפאלענד וואס דא איז געשען, וואס קען עס זיין, באלד נאך די דרשה, איז אשר צו געגאנגען צו איינער פון די עלטערע תלמידים, און זאגט אים, "**ערקלער מיך ביטע וואס דא גייט פאר**", עס איז דאך באוואוסט אז דער רבי דערמאנט נישט קיין נאמען פון מענטשן, אבער היינט ביי די דרשה, נישט נאר ער האט דערמאנט א נאמען, נאר נאכדערצו ווי אזוי ער האט גערעדט אויף יענעם.

דער עלטערער בחור האט מיט א שמייכל געזאגט צו אשר, הער צו איך וועל דיר ערקלערן וואס דא איז פאר געקומען, ווי באוואוסט איז דער חפץ חיים גאנץ יונגערהייט פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין גרויסן טאטן, ער איז דאן געפארן אין די שטאט ווילנא, און זיך אריינגעזעצט אין בית המדרש און געלערנט טאג און נאכט, און פארשטייט זיך אז דער יונגער ישראל מאיר'קע האט שטארק אויס גענומען יעדן מענטש אין שטאט מיט זיין אויפפירונג און שטארקע התמדה.

אבער אין יענע צייטן האט זיך געדרייט אין ווילנא א באוואוסטער מענטש מיט'ן נאמען אדם כהן, ער איז געווען אן אנפירער פון א בית המדרש פאר רבנים, וועלכע האט געהערט צו די רוסישע רעגירונג.

אין דעם בית המדרש האבן געלערנט כופרים, מחללי שבת, און דערצו איז זייער קיך אין דעם ארט געווען א טריפה'נע, און דער הויפט ליצנות מאכער און כופר איז געווען דער אדם כהן, וועלכער האט זיך אויך גערופן בערקע.

דער בערקע האט זיך אסאך געדרייט אין ווילנער בית המדרש, און ער האט געזוכט אריינצוכאפן ערליכע יונגע אידישע קינדער אין זיין נעץ, און וואו ער האט באמערקט דעם פלייסיגן בא'חנ'טן ישראל מאיר'קע האט ער באשטימט, אז דער טאלאנטפולער יונגל דארף געהערן צו אונז.

און דער בערקע האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן צום יונגן ישראל מאיר'קע, און שטונדן לאנג האט ער מיט אים פארברענגט, פארשטייט זיך ער האט באהאלטן זיינע מחשבות, און גערעדט מיטן יונגעל מכלומר'שט אין לערנען,

און געטראכט ביי זיך, עס וועט מיר שנעל אונטערקומען א פאסיגע געלעגנהייט, צו אריין כאפן דעם יונגעל אין נעץ.

קיינער אין שטאט האט נישט באמערקט אז מיט דעם יתום טוט זיך עפעס, אבער נאר דער ערליכער וואסער טרעגער פון שטאט, וואס יעדן פרימארגן ווען ער האט געטוען זיין עבודת הקודש באמונה, אנצופילן די שיסלען אינעם בית המדרש מיט וואסער, האט ער באמערקט וואס דא טוט זיך, און ער האט עס נישט אויס געהאלטן, אז דער ערליכער יתום קען נאך ח"ו באאיינפלוסט ווערן פון אזא אפיקורס.

איין א טאג האט ער געזוכט א געלעגנהייט, און ווען ישראל מאיר'קע איז געזעסן אליין, איז ער צו געגאנגען און אים געפרעגט גראד צו די זאך, ווי פאסט זיך אז דו זאלסט רעדן מיט א פארשוין, וואס די גאנצע שטאט ווייסט אז ער איז אן אפיקורוס, דער קינד ישראל מאיר האט שיעור גע'חלש'ט הערענדיג די ווערטער, און נאך אין יענעם טאג איז ער אנטלאפן פון ווילנא אין אן אנדערן שטעטל, און זיך אריינגעזעצט אין איינע פון די פארשטופטע בתי מדרשים, פון גרויס שרעק אז דער אפיקורוס זאל אים נישט נאכלויפן און טרעפן ח"ו.

און צוויי זאכן האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע זיך דאן פאר גענומען, **איינס, צו געדענקן מיט דאנק זיין גאנץ לעבן ווי דער וואסער טרעגער האט אים געראטעוועט**, און **צוויי, אז ווען ער ווארנט אזויפיל איבער לשון הרע, דארף מען דאך ערקלערן, אז איינער וואס פרובירט ח"ו איבער צו רעדן א צווייטן צו שלעכטס, איז א "מסית ומדיח", און עס איז א מצוה דעם מענטש אפצוזידלען און דערווייטערן**, און וועגן דעם ווען דער גאון זאגט מוסר פאר זיינע תלמידים, דערמאנט ער דעם רשע דעם אפיקורס ביים נאמען, כדי צו מקיים זיין וואס ער האט זיך דאן אונטער גענומען.

• • •

**עס איז כדאי אראפצוברענגען א דבר חכמה וואס דער חפץ חיים זי"ע** האט דערציילט פון זיין רבין, דאס איז געווען הגה"ק **רבי נחום הארדנער** זי"ע, וועלכער איז געווען א געוואלדיגער גאון בתורה ובחסד, ובמדות טובות, אין הארדנע, די שטאט וואו עס האט געוואוינט דער באוואוסטער צדיק רבי נחום'קע הארדנער זי"ע, האט געהערשט א גובערנאטאר א שונא ישראל, וועלכער האט אנגעטוען צרות צרורות פאר די אידן אין די שטאט.

אבער איין איינציגער פון וועמען ער האט יא געהאלטן, איז געווען רבי נחום'קע, וועלכער ער האט שטארק פארערהט צוליב זיין ערליכקייט און צדקות, און איבער אלעס האט ער אים געהאלטן אלס אן איש אמת.

מאכט זיך אמאל אין דעם געבורט טאג פון דעם גובערנאטאר, ווען די גאנצע פני הקהלה איז אריבער געגאנגען צו אים צו ווינטשן פיל גליק מיט מזל צו זיין געבורט טאג, האט דער גובערנאטאר זיך פלוצלונג געוואנדן צו רבי נחום'קע און געפרעגט.

איר ווייסט דאך אז איך בין נישט קיין נער, און איך פארשטיי גאנץ גוט אז די אידן האבן מיך נישט צופיל ליב, נאר וואס דען, זיי האבן נישט קיין אנדערע ברירה מוזן זיי קומען צו מיר און מיך אנווינטשן אלע ברכות, אבער אין הארצן טראכטן זיי פונקט פארקערט פון וואס זיי ווינטשן.

אבער אויף דיר, האט דער גובערנאטאר פארגעזעצט, וואונדערט זיך מיר יא גאר שטארק, **דו ביסט דאך יא אן אמת'ער מענטש, וואו קומט דאס צו דיר אז דו זאלסט טראכטן אנדערש פון וואס דו זאגסט.**

האט אים רבי נחום'קע געענטפערט מיט חכמה, חס ושלום, איך זאג קיינמאל נישט אנדערש פון דאס וואס איך טראכט, דער הער גובערנאטאר זאל מיר גלייבן אז אלעס וואס איך ווינטש איז מיט'ן גאנצן הארץ.

ווייל וואס זאגן מיר דען, **מיר ווינטשן אז דו זאלסט האבן פיל גליק און דו זאלסט ווייטער שטייגן העכער און העכער, וואס וועט געשען ווען דו וועסט שטייגן העכער, וועסט די זיך אריבער ציען צום הויפטשטאט, און ווערן דארט א מיניסטער, וועסטו דאך אוועקגיין פון שטאט הארדנע, און דאס ווינטשן מיר טאקע מיט'ן גאנצן הארץ.**

• • •

**הגה"צ רבי אלי' לאפיאן זי"ע האט דערציילט** איבער א פארזיצער אין א פרייער געגנט אין ארץ ישראל, וואס טראצדעם וואס ער איז נישט געווען קיין שומר תורה ומצוות ר"ל, האט מען אבער געזען ביי אים, אז ער האט א גרויס ליבשאפט צו די תורה און צו די וואס לערנען די תורה, און ווען רבי אלי' האט זיך געוואונדערט פון וואנעט איז געקומען צו אים אזא ליבשאפט, האט אים דער פארזיצער געזאגט, קום וועל איך דיר דערציילן מיין לעבנ'ס געשיכטע.

אין מיינע יונגע יארן האב איך געוואלט ווערן אן גענומען אין די ישיבה אין "ראדין", פארשטייט זיך אז מען האט מיך פארהערט סוגיות אין ש"ס, און מען האט מיך געטראפן אלס בר סמכא צו ווערן אן גענומען אין די ישיבה.

אבער דער פארהערער האט געזאגט פאר'ן חפץ חיים, אז ער האט געטראפן ביי מיר אפיקורס'ישע דעות, און ווען דער חפץ חיים האט דאס געהערט האט ער באפוילן פאר מיר, אז איך דארף מיך גלייך אפטראגן פון די ישיבה, "**ווייל דו און דיינ'ס גלייכן האבן נישט קיין פלאץ ביי אונז**".

האב איך געזאגט פאר'ן חפץ חיים, אז דער לעצטער באן האט שוין פארלאזט ראדין און וואו וועל איך נעכטיגן, און איך האב געבעטן דעם חפץ חיים, ערלויבט מיר אמוויינינגסטנס זיך אויפצוהאלטן די נאכט אין די ישיבה, און צומארגנס פארטאגס וועל איך אוועק פארן, האט ווייטער דער חפץ חיים א געשריי געטועןן, "**דיינע פיס זאלן נישט איבער טרעטן אינעם היכל התורה אפילו איין נאכט**".

"**וואו וועל איך איבער נעכטיגן**", האב איך נישט נאך געלאזט, האט דער גאון דער חפץ חיים זי"ע געזאגט, "**איך האב אין מיין דירה א בוידעם, קום מיט מיר און דארט וועסטו נעכטיגן**".

דערציילט יענער ווייטער, בין איך ארויף אויפ'ן בוידעם, און איך בין געשלאפן אין דעם בעט וואס דער חפץ חיים האט מיר צו געגרייט, אבער שפעט ביינאכט ביי חצות הלילה עפנט זיך די טיר שטילערהייט, און פון די עקן פון מיינע אויגן באמערק איך דאס געשטאלט פונעם חפץ חיים, וואס קומט אריין אין מיין שטוב.

זעצט ווייטער פאר דער פארזיצער מיט א גערירטע שטימע, שטיקענדיג זיך פון טרערן, דער חפץ חיים איז געווען זיכער אז איך שלאף און איך שפיר נישט וואס ער טוט, אבער דער אמת איז געווען, אז איך האב אים נאך געקוקט יעדן באוועגונג, איך האב געזען ווי ער באקוקט דעם טעמפעראטור פונעם קעלט אינעם שטוב, און ווען ער האט געזען אז עס איז צו קאלט, האט ער אראפ גענומען דעם פעלץ וואס ער האט געהאט אויף זיך אויף זיינע עלטערע יארן, און ער האט מיך גוט צו געדעקט, ער האט צו געדעקט מיין גאנצער קערפער, ביז איך בין באמת גוט אנגעווארעמט געווארן.

פירט אויס דער פארזיצער, **אז דאס געטריישאפט און אהבת ישראל פון דעם "חפץ חיים" ווארעמט מיך נאך ביז צום היינטיגן טאג, און דערפאר איז ער געבליבן מיט אזא אהבת התורה און איז מכבד די וואס לערנען תורה**, ווייל זעענדיג וואס תורה טוט מיט א מענטש, אז דער גרויסער גאון דער חפץ חיים זי"ע, האט געהאט אזא אהבת ישראל, און אפילו אזא בחור וואס איז געווען אנגעשטעקט מיט אפיקורסת, האט ער נאך אלס באדינט מיט א געטריישפאט.

• • •

**הרה"ג רבי דוד פרענקל ז"ל** וואס איז געווען א מקורב ביים הייליגען חפץ חיים זי"ע האט אנגעוויזן אויף א "פירוש המשניות להרמב"ם" (מס' ע"ז פ"א משנה ד'), וואס זאגט אז מען זאל נישט וואוינען אין א שטאט וואו עס איז דא אן עבודה זרה, האט הרה"ג רבי דוד געזאגט, אז ער האט געהערט, אז אין גאנצן לאנד פולין איז נישט געווען פארהאן קיין שום שטעטל וואס זאל נישט האבן א "**קלויסטער**" א בית עבודה זרה אין שטאט, אויסער די שטאט ראדין, וואס איז געווען א קליין שטעטל, און די קלויסטער איז געווען אינדרויסן פון די שטאט, **דערפאר איז געווען די שטאט ראדין גאר שטארק באליבט ביים חפץ חיים, און ער האט דארט געוואוינט כל ימיו**.

• • •

**עס האט דערציילט הגה"צ המפורסם רבי אלחנן היילפרין מראדומישלא זי"ע**, אז ער האט

געהערט פון הרה"ח ר' משה גראס מגענץ ע"ה, אז יונגערהייט איז ער געווען אין ראדין ביים הייליגען חפץ חיים זי"ע, און ער האט געזען ליגן אויפ'ן טיש דעם ספר הקדוש "**נועם אלימלך**", ווען דער חפץ חיים האט באמערקט, ווי דער ר' משה וואונדערט זיך, אז ביי אים ליגט דער "נועם אלימלך", וועלכער איז דאך געווען פון די תלמידי בעל שם טוב הקדוש, און ביי די אפשטאמיגע פון ליטא, האט מען דאך נישט געלערנט קיין חסידישע ספרים.

האט זיך דער חפץ חיים אנגערופן צו ר' משה, "**מיר גלייבן אז אויך היינט איז דא אידן אין אלע פיר עקן פון די וועלט וואס זענען זוכה צו תשובה אין זכות פון דעם דאזיגן ספר**", און ווען דער ר' משה, האט דערציילט די דיבורים פון חפץ חיים, פאר הרב הקדוש רבי אהרן מבעלזא זי"ע, האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן, "**עס איז א גרויסער חידוש, אז כאטש דער חפץ חיים איז נישט געווען פון די תלמידי הבעש"ט הקדוש, האט ער געהאט אזא השגה**", און יארן שפעטער ווען עס פלעגן קומען תלמידים פונעם חפץ חיים צום בעלזער רב, פלעגט ער איבער זאגן די דיבורים פונעם חפץ חיים, און באוואונדערט ווי שטארק ער האט געשעצט און מכבד געווען דעם נועם אלימלך.

• • •

**עס זענען באקאנט די רייד פונעם אריה"ק ז"ל**, אז יעדער איינער זאל זיך טובל'ן שבת אינדערפרי אין א מקוה, אפילו מען האט זיך שוין מטהר געווען אין מקוה ערב שבת קודש, **ווייל כדי זוכה צו זיין צו די קדושה פון "שבת אינדערפרי", מוז מען זיך נאכאמאל טובל'ן, און דורכדעם איז מען אויף זיך ממשיך די קדושה עליונה פון יום השבת**.

האט אויף דעם דערציילט, הרה"ח ר' יהודה לייב גרוננער מחב"ד, וואס ער האט אליין געהערט פון אן אור-אייניקל פונעם חפץ חיים זי"ע, וואס האט אים באשטעטיגט, **אז דער חפץ חיים פלעגט גיין אין מקוה שבת אינדערפרי**, און ער האט אויף דעם מוסיף געווען, אז אמאל איז דער חפץ חיים געווען זייער פארקילט, און די בני המשפחה האבן זיך געבעטן ביי אים, אז ער זאל נישט גיין אין מקוה, אבער שבת אינדערפרי, איז דער חפץ חיים אויף געשטאנען פריער ווי געווענליך, און ער איז געגאנגען אין מקוה איידער די משפחה מיטגלידער האבן זיך אויפגעוועקט.

ווען נאך א שטיקל צייט האט מען זיך דערוואוסט דערפון, אז ער איז געגאנגען אין מקוה אפילו ער איז געווען פארקילט, האט מען אים געפרעגט, פארוואס דאס איז אים אזוי שטארק געגאנגען אין לעבן צו גיין אין מקוה שבת אינדערפרי, האט ער געענטפערט, "**איך האב נישט געקענט מוותר זיין אויף די גרויסע קדושה, וואס מען איז זוכה, דורך זיך טובל'ן אין מקוה שבת אינדערפרי**".

• • •

**הגה"צ מוואידיסלב זי"ע האט דערציילט**, אז דער הייליגער חפץ חיים זי"ע האט סוף ימיו געלאזט גראבן **א ברונעם אין די שטאט ראדין**, די שטאט וואו ער האט געוואוינט, **און געוואלט אז יעדער אין שטאט זאל קענען נעמען וואסער פון דעם ברין אומזונסט**, און דער טעם דערצו איז געווען.

וויבאלד דער חפץ חיים האט געהאט א געשעפטל א גראסעריי אין שטאט ראדין, פון וואס ער האט געצויגען פרנסה, און ער האט מורא געהאט אז ער האט ח"ו איינעם בטעות בא'גנב'עט, אדער די סחורה איז נישט געווען בשלימות, אדער האט ער נישט געגעבן די ריכטיגע וואג.

און לויט ווי חז"ל זאגן, אז דער וואס איז געווען א "**גוזל את הרבים**", ער האט בא'גנב'עט א רבים, און ווייסט נישט וועמען ער האט בא'גנב'עט, זאל ער מאכן "**צרכי הרבים**", אז פילע מענטשן זאלן דערפון הנאה האבן, און דורך דעם קען מען תשובה טון אויף דעם חטא.

איינמאל אין א קאלטן ווינטער, זענען אלע ברונעס, און גריבער פון וואסער געפרוירן געווארן, אבער עס איז געווען אן אפענער נס, **אז דער ברונעם וואס דער חפץ חיים האט געלאזט גראבן, איז נישט געפרוירן געווארן**, און ווען מען האט דאס דערציילט מיט התפעלות פאר דעם חפץ חיים זי"ע, איז ער דערפון גארנישט נתפעל געווארן, אז זיין ברונעם איז נישט געפרוירן געווארן.

נאר ער האט געענטפערט מיט תמימות, "**זעהר גוט, ווייל יעצט וועלן קענען אלע וואס איך האב זיי בא'גזל'ט קומען און הנאה האבן דערפון, און ממילא וועל איך האבן א תיקון**".

• • •

**דער בארימטער "ירושלימער מגיד" הגה"צ רבי שלום שוואדראן זי"ע האט דערציילט**, אז צום חפץ חיים איז אמאל אנגעקומען א גבאי פון א גרויסע שטאט, דער מענטש האט געשפילט א ראלע אלס א חשוב'ער מענטש, אבער ווען ער איז אריין געקומען צום חפץ חיים אל הקודש פנימה, און דער חפץ חיים האט אים געזען, האט דער חפץ חיים זיך אנגעהויבן צו בייזערן אויף דעם מענטש, און אנגעהויבן צו שרייען אויף אים, "**איך וויל דיך נישט אנקוקן, גיי ארויס פון דא**", און דער חפץ חיים האט אים פארטריבן פון זיין שטוב.

דער איד איז געווארן דערשראקן און צעטומלט, און זיך געוואונדערט, וואס האט דא פאסירט, פרעגט ער דעם חפץ חיים, וואס האב איך געטוען, וואס דער רבי איז מיך אזוי מרחק, דער הייליגער חפץ חיים זי"ע ענטפערט אים, "**ווייל דו ביסט שולדיג פארוואס מען אונטעדריקט "דריי מיליאן אידן", און פון זיי זענען דא גע'הרג'עטע, פארשיקטע אין תפיסות, מען שמד'ט זיי אפ ר"ל, און דאס אלעס ביסטו שולדיג**".

רופט זיך אן דער איד, ווי אזוי קען דער רבי מיך באשולדיגן מיט אזא פארברעכן, נישט נאר האב איך נישט קיין שום חלק אין זייערע פארברעכערישע געמיינע מעשים, נאר איך וויין און קלאג שטענדיג אויף די אלע צרות פון כלל ישראל.

זאגט אים דער הייליגער חפץ חיים, "**יעצט ווייסטו, אבער וואס האסטו געטוען אמאל, דעמאלט האסטו אויך געוויינט**", און דער חפץ חיים זעצט פאר, דערמאן דיך, פאר פילע יארן צוריק, ביסטו געווען דער גבאי פון די תלמוד תורה אין דיין שטאט, און דארט איז געווען א קינד, א יתום פון זיין טאטן ל"ע, ער איז געווען געפערליך ווילד, און מען האט זיך פון אים אנגעליטן צרות צרורות, און מען האט דן געווען און אדורכגעשמועסט, צי מען זאל אים האלטן אין די תלמוד תורה, אדער אים פארטרייבן.

און דו האסט מחליט געווען אים צו פארטרייבן פון די תלמוד תורה, דו געדענקסט זיין נאמען, ער האט געהייסן "**לייבעלע טראצקי**", און וויבאלד דו האסט אים פארטריבן, האט זיין מאמע די אלמנה אים אריינגעגעבן אין א "**גויאישע שולע**", און פון אים איז ארויסגעוואקסן "**לעאָן טראצקי**", וואס ער איז געווארן דער מנהיג פון די פארשאלטענע סעקטע די "**באלשעוויקן**", **ימ"ש**.

נו שרייט דער חפץ חיים, ער איז געווען א געוואלדיגער בעל כשרון, ווען איר וואלט אים נישט פארטריבן פון די אידישע תלמוד תורה, וואלט ער געקענט זיין א גרויסער ראש ישיבה און אויף שטעלן תלמידי חכמים ויראי השם, אבער יעצט ווען דו האסט אים פארטריבן, איז ער געווארן אן עוכר ישראל ל"ע, זאלסט וויסן אז דו ביסט שולדיג אין די אלע צרות וואס מען ליידט זיך אפ, און דריי מיליאן אידן ליידן צרות בגוף ובנפש דורך דיר.

און דערפאר זאגט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע, וויל איך דיך נישט זעהן, גיי ארויס פון מיין הויז, און רבי שלום שוואדראן זי"ע האט אויס געפירט, פון דעם קען מען זיך ארויס לערנען, **ווי א איד ברויך אייביג אבאכט געבן וואס מען טוט מיט א אנדערע אידישע נשמה, און זיך בארעכענען בעפאר מען טוט עפעס, וואס עס וועט שפעטער ארויס קומען פון דעם**.

• • •

**איינמאל איז א גרויסע גביר געקומען צום שטוב פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע**, און ווי באקאנט איז דער שטוב פונעם גאון געווען גאר פשוט, ער האט נישט געהאט קיין שיינע טישן אדער סיי וואס ספעציעל, האט דער גביר געפרעגט דעם גאון, "**היתכן דער גאון האט אזא פשוטע טיש**", האט דער חפץ חיים געפרעגט דעם גביר, "**און ווי איז אייער שיינע טיש**", האט דער גביר געזאגט, "**וואס הייסט ביי מיר אין שטוב, דא בין איך דאך נאר א גאסט**", האט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע געזאגט, "**איך בין אויך נאר א גאסט אויף די וועלט, איז פארוואס ברויך איך א שיינעם טיש**".

• • •

**עס האט דערציילט הגה"צ רבי זאב צציק זי"ע**, אז אמאל זענען געקומען צוויי בחורים קיין ראדין, זיי האבן זיך געבעטן אז זיי ווילן ווערן אן גענומען אלס תלמידים אין די ישיבה פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע, אבער די הנהלה האט נישט געהאט קיין פלאץ אריין צו נעמען די צוויי בחורים, די צוויי

בחורים זענען אבער אריין זיך געזעגענען, און נעמען א ברכה פונעם חפץ חיים.

אזוי רעדנדיג מיט זיי, האט זיך דער חפץ חיים דערוואוסט, **אז זיי זענען אייניקלעך פונעם הייליגן בארדיטשובער רב דער קדושת לוי זי"ע**, האט דער חפץ חיים געלאזט רופן די הנהלה, און ער האט זיי געבעטן, אז זיי זאלן זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות אריינצונעמען די צוויי בחורים, ווען עס איז פאר יעדן געווען א וואונדער פארוואס דער חפץ חיים איז זיך אזוי שטארק משתדל פאר די דאזיגע בחורים, האט ער געענטפערט, **היות עס דערנעטערט זיך די הייליגע פארכטיגע טעג פון די ימים נוראים, וויל איך אז ראש השנה זאלן דאוונען מיט אונז צוויי אייניקלעך פון דעם "סניגורן של ישראל"**.

• • •

**דער גרויסער תלמיד פונעם הייליגען חפץ חיים זי"ע**, הגה"צ רבי אלחנן וואסערמאן זי"ע האט דערציילט, אז אמאל האט מען דערציילט פאר'ן חפץ חיים, אז אין א געוויסע שטאט זענען געווען ל"ע פיל געשעפטן אפן בעצם יום השבת, אבער רבי אלחנן האט אויס געפועל'ט אז די אייגנטימער זאלן פארשפארן זייערע געשעפטן אין שבת, אויסער צוויי געשעפטן האלטער, וועלכע האבן בשום אופן נישט געוואלט פארמאכן זייערע געשעפטן.

ווען דער חפץ חיים האט דאס געהערט, האט ער געזאגט צו זיין באליבטן תלמיד רבי אלחנן לאמיר אהין פארן, רבי אלחנן האט באמת נישט געוואלט אז דער חפץ חיים זאל זיך אזוי מטריח זיין סוף ימיו זייענדיג גאר שוואך, האט רבי אלחנן געזאגט, "**איך פאר נישט**", ווייל רבי אלחנן האט געוואלט פארן טובה און געזונט פונעם רבין נישט פארן, זאגט אים דער חפץ חיים, "**דעמאלט פאר איך אליין**", ווען רבי אלחנן האט געזען אז ער האט נישט קיין ברירה, האט ער מסכים געווען מיט צו פארן מיט זיין גרויסן רבי'ן, דער חפץ חיים.

דער חפץ חיים איז אריין צום אידישן געשעפט אייגענטימער וועלכער איז נעבען געווען גאר ווייט פון אידישקייטן, און ער האט אים געפרעגט, "**דו האסט געגנוג געלט**", זאגט דער אייגענטימער, "**יא**", פרעגט דער חפץ חיים ווייטער, "**האסטו זון און טעכטער**" זאגט דער געשעפט אייגענטימער, "**יא**", פרעגט דער גאון ווייטער, "**עס פעלט דיר עפעס**", זאגט דער סוחר, "**ניין**".

זאגט אים דער חפץ חיים מיט א געוויין, "**השי"ת האט דיר דאך אלעס גוטס געגעבן, פארוואס זאלסטו אים נישט געבן די איינע זאך צו היטן שבת קודש**", לפלא די דאזיגע הייליגע דיבורים וואס זענען געזאגט געווארן פונעם פה קדוש מיט אזא התעוררות, האבן איבערגעדרייט דעם מחלל שבת'ניק, און ער האט צו געזאגט אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין היטן שב"ק, די זעלבע געשיכטע איז אויך געווען ביים צווייטן געשעפט, ווייל דער גאון דער חפץ חיים זי"ע, האט באמת ווי געטון דעם חילול שבת קודש, און ער האט אלע זיינע ווערטער געזאגט מיט א אמת, און דערפאר זענען זיינע ווערטער אייביג נתקבל געווארן.

**יארצייט כ"ה אלול**

**הרה"ק רבי יחיאל מיכל ב"ר יצחק זי"ע**
**המגיד הקדוש מזלוטשוב, יאמפלא**

ער איז געבוירן אין שטאט בראד, **בשנת תפ"ו**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי יצחק מדרוהוביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יוסף מפיסטין הנקרא ר' יוסף איש האמת** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משה מזבריש** זי"ע, הי"ד,
ולמעלה בקודש ביז הגה"ק **רבי יצחק חיות בעל אפי רברבי** זי"ע.

ווי עס איז מקובל מפי אבותיו ואבות אבותיו, **זענען די עלטערן ביז 72 דורות אלע געווען בעלי רוח הקודש, און צדיקים נסתרים.**

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת יענטא** ע"ה, "**הנקרא יענטא די נביאה**", וואס צדיקים האבן מעיד געווען, **אז די מאמע די צדקת, ווען זי האט עוסק געווען מיט די צרכי הבית, האט זי מיט געזאגט קדושה צוזאמען מיט די מלאכים ושרפים אין הימל.**

הרה"ק רבי יחיאל מיכל מזוועהיל זי"ע האט דערציילט בשם דעם זון הרה"ק רבי יוסף מיאמפאלי זי"ע, **אז 72 דורות האט זיך נישט אפ געטון רוח הקודש פון דעם משפחה פון זיין טאטן הרה"ק המגיד מזלאטשוב זי"ע**, און דער צדיק הרה"ק רבי שלמה מזוועהיל זי"ע האט מעיד געווען, **אז 62 דורות ביזן מגיד, זענען אלע געווען שומרי הברית.**

ער איז געווען א איש אלקים קדוש וטהור נורא מאוד, מנורה הטהורה בוצינא קדישא אספקלריא קדישא, ער איז געווען א גאון עולם בתורת הנגלה והנסתר, זיין עבודת הקודש איז געווען מיט א פלאם פייער פארן גרויסן און הייליגען באשעפער, ער איז געווען פון די געהויבענע תלמידים און חבריא קדישא פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און אויך פון די אריות שבחבורת פונעם קלויז אין שטאט **בראדי**, אלע צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף דעם קדושה און גדלות פון דעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע, אויך האבן די צדיקים מעיד געווען, **אז דער צדיק איז געווען ריין פון יעדע חטא און געלערנט תורה לשמה**, טויזענטער אידן ובתוכם גאר אסאך פון די צדיקי הדור האבן זיך מסתופף געווען בצלו פון דעם צדיק, ער איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מופת און א גרויסע פועל ישועות.

שוין פון אלס יונג קינד האט מען געזען זיין גדלות און גאונות בתורה, ער איז שוין דאן געווען באוויסט אלס א עילוי נפלא בתורה, גאר אסאך פון זיין תורה ועבודת השם האט דער צדיק קונה געווען פון זיין גרויסן טאטן **רבי יצחק מדרוהוביטש** זי"ע.

אביסל שפעטער איז ער געווארן איינע פון די אריות שבחבורת לומדי קלויז פון שטאט בראדי, וואס דער ראש החבורה פונעם קלויז איז געווען הגה"ק **רבי חיים צאנזער** זי"ע, וואס האט מעיד געווען אויפן הייליגען מגיד, **אז ער האט געלערנט תורה לשמה באמת.**

מען דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער מגיד נאך זייענדיג גאר יונג אריין געקומען אין ביהמ"ד אין קלויז, און ער האט געזען איינעם דאווענען פארן עמוד, האט ער געזאגט פאר זיין רבין ר' חיים צאנזער זי"ע, פא**רוואס לאזסטו דאווענען ביים עמוד א איש וואס איז נישט הגון**, האט אים רבי חיים צאנזער געפרעגט, **פון ווי ווייסטו אז דער איד איז נישט הגון.**

האט דער הייליגער מגיד געזאגט, ווייל חז"ל זאגן דאך (עבודה זרה ה') **כל העובר עבירה, קשורה בו ככלב, און איך זעה אויף דעם וואס דאווענט ביים עמוד, אז יענער קליפה איז אנגעבינדן אין אים**, האט אים זיין רבי דער צדיק רבי חיים צאנזער זי"ע וואס איז געווען א צדיק וקדוש געבעטן, **אז ער וויל דאס אויך זעהן**, האט דער הייליגער מגיד אריבער געפירט זיינע הייליגע הענט אויף די אויגן פון רבי חיים, **און דאן האט רבי חיים דאס אויך געזען.**

אויפוואקסענדיג אינעם שטוב פון זיין טאטן, האט ער געהערשט אין שטוב א שרעקליכע דחקות, עס איז נישט געווען אינעם שטוב ממש גארנישט, און אפילו שיך האט דער קינד נישט געהאט וואס

אנצוטון, אבער דאס האט בכלל נישט געשטערט דעם יונגען גאון פון וואקסן אין תורה און עבודת השם, נאר ער האט שוין דאן געלערנט יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה.

איין ערב שבת איז אין שטוב פונעם טאטן נישט געווען מיט וואס זיך צו גרייטען פארן שבת קודש, איז דער טאטע געגאנגען אין ביהמ"ד עוסק זיין בתורה, ווייל ער האט סיי ווי נישט געהאט ווי אזוי צו מקבל שבת זיין, האט אבער א ערל פלוצלונג אנגעקלאפט אונעם שטוב, און זאגט פאר די רעבעצין, אז ער האט א עוף צו פארקויפען, האט די רעבעצין געזאגט, אז זי האט נישט קיין געלט צו באצאלען, האט דער גוי געזאגט, אז ער גיט דאס אויף בארג, און ווען מען וועט האבן וועט מען באצאלען, און די רעבעצין האט דאס גענומען.

נאך אפאר מינוט קלאפט דער ערל און זאגט, אז ער האט א זאק מעהל און גיט דאס אויך אויף בארג, און נאך אפאר מינוט איז ער נאכאמאל געקומען און אנגעטראגן פיש, און נאך אפאר מאל, ביז די רעבעצין האט געהאט אלעס וואס זי האט געברויכט פאר שבת.

דער רבי מיכל איז נאך דאן געווען א קליין קינד, און ווען ער האט דאס געזעהן, האט ער געפרעגט די מאמע, **פארוואס נעמסטו די אלע זאכן פונעם ערל, דער ערל איז זיכער א גנב**, האט די מאמע געזאגט, עס **איז דאך א מציל מזוטו של ים הרי אלו שלו, און די מאמע האט אפגעקאכט דאס גאנצע שבת**.

ווען די טאטע איז אהיים געקומען פרייטאג צו נאכט, האט ער נישט געפרעגט די רעבעצין פון ווי זי האט געהאט די אלע זאכן פאר שבת, נאר גלייך געמאכט קידוש און געמאכט די סעודה, ווען די רעבעצין האט געפרעגט איר הייליגען מאן, **ניטאמאל פרעגסטו מיך פון וואו ס'קומט די אלע מאכלים, די האסט דאך איבער געלאזט דעם שטוב בעירום ובחוסר כל.**

זאגט דער צדיק רבי יצחק, איך ברויך נישט פרעגן, **ווייל אליהו הנביא איז געקומען צו מיר אין ביהמ"ד, און זיך אפגערעדט, אז מיין זון מיכל האט געזאגט אז ער איז א גנב, ווייל דער ערל איז געווען אליהו הנביא זל"ט, און דער קליינער מיכל האט שוין דאן זייענדיג א קליין קינד זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא זל"ט**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת רעכיל** ע"ה.

ווערט דערציילט, אז נאך די חתונה האט דער צדיק מקדיש געווען טויזענט טעג, וואס ער איז געווען אין א געוואלדיגע דביקות און התבודדות און געווען ממש אינגאנצן אויסגעטון פון די וועלט, ער האט דאן נישט גערעדט צו קיין שום ברי', נאר ער האט מקדיש געווען יעדע רגע פאר עבודת ד' מיט א געוואלדיגע קדושה וטהרה.

דערנאך איז ער געווארן א **מלמד תינוקות אין שטאט בראדי**, וואס איז דאן געווען א עיר מלאה תלמידי חכמים וגדולים בתורה, דארט איז דער צדיק ווייטער געשטיגען אין תורה ועבודת השם אויף א גאר הויכע דרגה, דארט האבן געלערנט פון די גרעסטע גדולים בתורה בדורו, און די אלע האבן ממש מפליא געווען אויף דעם גדלות און קדושה פון דעם יונגערמאן יחיאל מיכל.

יענע צייט האבן די מתנגדים איבער געדרייט וועגן דעם נייעם דרך אין עבודת השם, דער דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, וואס וויבאלד דאן איז געווען נאך די צייט וואס כלל ישראל האט ליידער געליטן פונעם כת ש"ץ שר"י, וואס האט ליידער אראפ געפירט א גרויס חלק פון כלל ישראל מיט אפיקורסות, האבן גרויסע גדולים גאר שטארק פארפירט אויפן דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע.

דאן האבן די גדולים אין קלויז אין בראדי, געוואלט אריין לייגן דעם בעש"ט אין חרם, אויך דער טאטע דער צדיק וקדוש רבי יצחק מדרוהוביטש זי"ע איז נאך דאן געווען פון די מתנגדים אויפן דרך החסידות, די גדולים פונעם קלויז האבן זייער געוואלט, אז דער גאון וצדיק רבי יחיאל מיכל זאל זיך אויך משתתף זיין אינעם חרם קעגן דעם בעש"ט הקדוש.

אבער דער צדיק האט גלייך געזאגט, ווי אזוי קען מען לייגן א איד אין חרם, בעפאר מען גייט צו אים הערן וואס זיין נייע דרך און שיטה אין עבודת

השם איז, און דערפאר האט ער נישט מסכים געווען זיך צו משתתף זיין אינעם חרם, און דערפאר איז דער צדיק דאן אוועק געפארן פין שטאט בראדי, כדי נישט צו זיין מיט די וואס ווילן לייגן דעם בעש"ט אין חרם.

דאן איז דער צדיק דאס ערשטע מאל געפארן קיין מעזיבוז זיך צו טרעפן מיטן בעש"ט הקדוש זי"ע, אזוי ווי דער צדיק רבי מיכל איז אריין געקומען צום בעש"ט, האט אים דער בעש"ט מקבל פנים געווען מיט גרויס אהבה און געזאגט, **אויף דיר זאגט דוד המלך ע"ה די פסוק (תהילים מ"ה ח') אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע עַל כֵּן מְשָׁחֲךָ אֱלֹקִים, און וויבאלד די האסט מבטל געווען די חרם פון די גאוני בראדי, וועסטו זוכה זיין צו זיין א מגיד מישרים, און טויזענטער תלמידים וועלן זיך מדבק זיין אין דיר.**

פון דאן איז שוין דער הייליגער מגיד מזלאטשוב געבליבן מקושר צום בעש"ט הקדוש זי"ע, און געווען פון זיינע גרעסטע תלמידים מובהקים, און צדיק גוזר והקב"ה מקיים, **אפאר יאר שפעטער איז דער צדיק געווארן דער מגיד מזלאטשוב**, און ער האט זוכה געווען צו משפיע זיין תורה און קדושה פאר טויזענטער אידן גדולים און גאונים בתורה.

ער האט זוכה געווען צו גאר א נאנטע קשר מיטן בעש"ט הקדוש זי"ע, ער האט פאר א שטיק צייט באדינט זיין גרויסן רבין דער בעש"ט, וואס ווי באקאנט האט דער בעש"ט געזאגט אויף זיין תלמיד דער מגיד מזלאטשוב זי"ע, **אז ער האט אין זיין לעבן קיינמאל נישט טועם געווען קיין טעם חטא**, אויך האט ער זוכה געווען צו מחבר זיין די ניגונים ביי זיין גרויסן רבין דער בעש"ט.

עס ווערט דערציילט, אז בשעת דאס הסתלקות פונעם בעש"ט הקדוש, האט ער געבעטן פון זיין תלמיד דער מגיד מזלאטשוב, אז ער זאל זינגען זיין ניגון "**דער התעוררות רחמים רבים ניגון**", און דער בעש"ט האט דאן צו געזאגט, **אז ווען א איד וועט זינגען דעם ניגון מיט א התעוררות און תשובה, וועט ער דער בעש"ט זיך מצרף זיין צום ניגון, און ער וועט מעורר זיין רחמים רבים אויבן אין הימל.**

ער איז געווען גאר שטארק מקושר צו אלע תלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע ובתוכם צו הרה"ק **רבי דוב בער המגיד ממזריטש** זי"ע, וואס איז געווען דער ממלא מקום פונעם בעש"ט זי"ע נאכן הסתלקות.

אביסל שפעטער נאכדעם וואס ער איז נתקרב געווארן צום דרך החסידות, האט ער זיך געצויגען קיין **זלאטשוב**, און דאן האט דער צדיק אנגעהויבן פארשפרייטן דעם דרך החסידות און דעם דרך הבעש"ט הקדוש זי"ע, גאר אסאך אידן גאונים וצדיקים האבן זיך מדבק געווען צו דעם צדיק וקדוש, ער האט מיט זיינע הייליגע ריידט מעורר געווען אידן צו תשובה און תיקן המעשים, ורבים השיב מעון.

זיין עבודת הקדוש איז געווען מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות דקדושה, דער צדיק האט ממש געברענט ביי זיין עבודה, אז די תלמידים האבן דערציילט, **אז כמעט יעדן טאג ביים דאווענען איז דער צדיק געווען אין א מצב פון כלות הנפש.**

ער איז געווען דער ערשטער פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע וואס האבן געדאווענט שפעט, וואס ווי באוויסט האט דער בעש"ט מקפיד געווען צו דאווענען מיטן נץ, אבער זיין רבי דער בעש"ט האט מעיד געווען, **אז דער צדיק מזלאטשוב מיט זיין דאווענען שפעט, איז ער מעלה אלע תפילות ישראל צום ריכטיגען היכל.**

צווישן זיינע גרויסע תלמידים רעכענען זיך פון די גרעסטע צדיקים וקדושים בדורו ובתוכם.

הרה"ק **רבי מרדכי בעל רשפי אש מנעשכיז** זי"ע,
הרה"ק **רבי יעקב יצחק בעל החוזה מלובלין** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע,
הרה"ק **רבי ארון לייב מפרמישלאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים טירער בעל באר מים חיים מטשערנאוויץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אייזיק הכהן בעל ברית כהונת עולם אב"ד קאריץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי משולם פייבוש הלוי העללער מזבאריז** זי"ע,

הרה"ק **רבי דוד שלמה אייבשיץ בעל ערבי נחל** זי"ע,
הרה"ק **רבי צבי הירש בעל צמח ד' לצבי המגיד מנודבורנא** זי"ע,
הרה"ק **רבי ארי' לייב דער שפאלער זיידע** זי"ע,
הרה"ק **רבי יוסף מזמיגראד** זי"ע,

אלע צדיקים בדורו און אפילו שפעטער צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דאס גדלות און קדושה פון דעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע, איז געווען למעלה מדרך הטבע**.

ער האט מיט זיין עבודת הקדוש מרעיש עולמות געווען און אויף געטון גאר גרויסע זאכן, אפילו יעדע ריר וואס דער צדיק האט געמאכט, האט געשאקעלט וועלטן, **ער האט קיין שום זאך אין זיין לעבן נישט געטון אן קיין כוונות נוראות**.

הרה"ק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האט מעיד געווען, **אז ווען דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט אנגעטון זיין מלבוש צום דאווענען, און ער האט מחבר געווען די קרסים שלייפעלעך אויפן בגד, האט ער מיט דעם ממשיך געווען א שפע אויבן אין הימל, פאר מער ווי אכט טויזענט כיתות מלאכים**.

הרה"ק רבי שלום מרדכי הכהן שוואדראן בעל המהרש"ם מברעזאן זי"ע האט דערציילט בשם זיין זיידן הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע, אז דער מגיד האט געהאט **נשמת רבי אליעזר דמילה ע"ה**, און דער הייליגער סטרעליסקער זי"ע האט מעיד געווען, אז **דער טאטע רבי איציקל מדרוהוביטש זי"ע האט מתקן געווען טויזענט גלגולים אויבן אין הימל, בעפאר ער האט אראפ געברענגט דעם הייליגען נשמה פונעם מגיד מזלוטשוב זי"ע**.

הרה"ק רבי צבי אלימלך שפירא בעל בני יששכר מדינוב זי"ע האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון מגידי אמת, אז זיי האבן געהערט פונעם הייליגען מגיד מזלוטשוב זי"ע, אז דאס ערשטע מאל ער איז געקומען צום אור שבעת הימים דער בעש"ט הקדוש זי"ע, האט ער אים זייער מכבד געווען און געזאגט פאר זיינע תלמידים, **וויסן זאלט איר, אז דער איז א זון פון רבי איציקל מדרוהוביטש, און פאר דעם טאטן רבי איציקל האט מען געגעבן א גאר קליינער נשמה, וואס אויף די וועלט איז נישט דא נאך אזא קליינע נשמה, אבער דער טאטע האט זיין נשמה אויף געהויבן צו מעלת נשמת רבי שמעון בר יוחאי ע"ה**.

הרה"ק רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל הפלאה מפרנקפורט זי"ע האט געזאגט, **אז דער מגיד מזלאטשוב איז מכוון אלע זיינע כוונות לשם שמים, און עס איז ממש אסור צו מבטל זיין דעם צדיק וקדוש אינמיטן זיין עבודת הקדוש**.

הרה"ק מקאברין זי"ע האט געזאגט בזה"ל, "**עס וואלטן זיך געוואוינטשן גוטע אידן, אז זיי זאלן האבן אזא הייליגע נשמה, ווי דעם גוף קדוש פונעם מגיד מזלאטשוב זי"ע**".

הרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט מעיד געווען, אז ווען ער איז געקומען צו זיין רבין דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע, **אזוי ווי די רבי האט אויף געמאכט זיין הייליגע מויל צו זאגן תורה, זענען אלע מיינע ספיקות וואס איך האב געהאט אין די תורה נעלם געווארן**, און אזוי ווי די רבי האט אויף געהערט זאגן תורה, זענען די ספיקות צוריק געקומען, און פון דעם האט ער געוויסט אז די שליסל פון תורה ליגט ביים רבין.

דער צדיק וקדוש דער מגיד האט פון זיך באמת נישט געהאלטן גארנישט, ער האט בכלל נישט געהאלטן ביי זיך אז ער דינט דעם באשעפער ריכטיג, נאר האט כסדר אנגעהאנגן זיינע מופתים און ישועות, אויף זיין הייליגע טאטע רבי איציקל מדרוהוביטש זי"ע.

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער, און ווי דער טאטע האט געזאגט אויף די אחים הקדושים ח**משה ארזים נטיעות טובות אשר נטע והאירו בכל העולם**, און געזאגט אז זיי זענען **קעגן די חמשה חומשי תורה**.

הרה"ק **רבי יוסף מיאמפולה** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק בעל אור יצחק מראדוויל** זי"ע,
הרה"ק **רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה מזוועהיל** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי מקרעמניץ** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת מרים** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי דוד הלוי מסטעפין** זי"ע.

שב"ק פרשת נצבים וילך כ"ה אלול בשנת תקמ"א, ביי שלש סעודות בעת רעוא דרעוין, ווען דער מגיד מזלאטשוב איז געווען **נאר 55 יאר אלט**, האט דער צדיק עוסק געווען אין עבודת הקדוש פון שבת קודש, וואס ווי באקאנט איז דאס געווען מיט א גאר געהויבענע דביקות און אש קודש, דער צדיק פלעגט די גאנצע צייט ארום גיין מיט א דביקות ביי זיך אין שטוב, **נישט איינמאל האט פאסירט אז די קינדער האבן ממש די לעצטע מינוט צוריק געכאפט דעם טאטן פון אויס גיין על קידוש שמו יתברך פון גרויס דביקות הבורא.**

יענע וואך האט זיך געמאכט, אז קיינער איז נישט געווען דארט אין שטוב פונעם צדיק בשעת שלש סעודות, און דער צדיק האט עוסק געווען אין זיין עבודת הקודש, און האט געזאגט די ווערטער "**בהאי רצון אסתליק משה**", פלוצלונג קומט א אייניקעל צו לויפן צום זון הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע דערציילן, **אז די זיידע גייט אויס,** אבער ווען ער איז אריין געקומען אין שטוב איז שוין געווען צו שפעט, און דער הייליגער מגיד האט אויס געשריגן **שמע ישראל**, און צוריק געגעבן זיין הייליגע נשמה ליוצרה.

נסתלק לגנזי מרומים **שבת קודש כ"ד אלול בשנת תקמ"א**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **יאמפולי**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווי באקאנט אז דער הייליגער זון הרה"ק רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז זי"ע**, אלס קינד ביז די בר מצוה איז ער געווען אזוי ווי אנדערע קינדער, אבער זיין טאטע זי"ע האט געוויסט, אז דער זוהן האט א גאר הייליגע נשמה, האט די טאטע צו די בר מצוה געלאזט שרייבען די תפילין ביי א גאר חשובע סופר, און געבעטן אז די סופר זאל אים ברענגען די תפילין, פאר ער לייגט אריין די פרשיות.

ווען די סופר האט גענדיגט שרייבען די פרשיות, האט ער געברענגט די תפילין צום טאטן המגיד הקדוש מזלוטשוב זי"ע, **האט דער טאטע אנגעהויבן מורא'דיג צו וויינען, און אנגעפילטביידע תפילין מיט טרערן**, דערנאך האט דער מגיד אויס געגאסן די טרערן, און געגעבן די תפילין פארן סופר, לפלא גלייך נאך די בר מצוה האט מען דעם קינד מער נישט דערקענט, ער איז געווארן א מתמיד עצום און מקדיש געווען יעדע מינוט פאר תורה ועבודה, ביז ער איז אויס געוואקסן צו איינע פון די צדיקי הדור.

דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט מעיד געווען אויף זיך אויף דריי זאכן וואס ער האט זיך צוריק געהאלטן זיין גאנץ לעבן.

**א. ער האט זיך קיינמאל נישט געווארעמט ביים אויוון ווינטער.**
**ב. ער האט זיך קיינמאל נישט צו געבויגען צום טעלער עסן.**
**ג. ער האט קיינמאל אין לעבן נישט געקראצט דעם גוף קדוש.**

• • •

**מען האט דערציילט בשם די צדיקים**, אז דער הייליגער מגיד מזלוטשוב זי"ע האט כמעט זיין גאנצע תורה געלערנט פון זיין גרויסן טאטן רבי איציקל מדרוהוביטש זי"ע, איין טאג אלס קינד איז געווארן א ריתחא דאורייתא צווישן דעם צדיק רבי איציקל זי"ע און זיין זון דער מגיד מזלאטשוב זי"ע וואס איז נאך דאן געווען א קינד, איז דער קינד אוועק געלאפן פון דערהיים, און איז אריין לערנען אינעם **בראדער קלויז**, ווי עס זענען געזעצן און געלערנט גרויסע גדולים גאונים בתורה, און אלס ראש ישיבה איז געווען הגה"ק **רבי יצחק מהמבורג** זי"ע.

פארשטייט זיך אז די לומדים דארט אינעם קלויז האבן זיך גלייך צוגעכאפט צו דעם קינד וואס איז געווען א גאון וחריף בתורה, און זענען מיט דעם קינד געשווימען אינעם ים התלמוד, די לומדים האבן זיך גאר שטארק געפרייט צו דעם קינד, און אזוי איז ער געזעצן און געלערנט ביים ראש ישיבה רבי יצחק מהמבורג זי"ע פאר דריי טאג.

אבער נאך דריי טאג איז ער צוריק אהיים געגאנגען צו זיין טאטן, די לומדים פון קלויז האבן

געהאט גרויס חלישות הדעת אז דער קינד קומט מער נישט, זענען זיי אריבער צום שטוב פונעם קינד, און געפרעגט פארוואס ער קומט מער נישט צו זיי אין קלויז.

האט דער הייליג קינד געזאגט פאר די לומדים, וויסן זאלט איר, **אז איך האב באמת זייער הנאה געהאט צו לערנען ביי ענק אין קלויז**, אבער זייט איך האב אנגעהויבן רעדן און לערנען די א"ב ביז היינט, האב איך נישט געלערנט קיין תורה פון קיינעם אויסער פון מיין גרויסן טאטן.

און אייביג ווען איך האב געלערנט ביי מיין טאטן, **האב איך געזען ווי די אותיות פון די תורה וואס זענען ארויס געקומען פון מיין טאטן'ס מויל, זענען געווען ממש ווי א פייער א אש דקדושה**, אבער ביים גאון וקדוש רבי יצחק מהמבורג האב איך דאס נישט געזען, און דערפאר האב איך מחליט געווען, זיך צו איבער בעטן מיטן טאטן אפילו מיר זענען נישט אויף איין דרך אין תורה, נאר כדי ווייטער זוכה זיין צו ווייטער זעהן דעם אש התורה פונעם טאטן.

• • •

**הרה"ק רבי שלמה בעל תפארת שלמה מראדומסק זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל ווען דער תלמיד דער מגיד מזלאטשוב זי"ע איז געווען ביי זיין רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, זענען אידן פון איינע פון די חשובע שטעט געקומען בעטן דעם בעש"ט, אז ער זאל פאר זיי אויס קלויבען א רב וואס זאל קומען דינען אלס רב ביי זיי אין שטאט, האט דער בעש"ט הקדוש זי"ע געבעטן **זיין תלמיד רבי מיכל'י, אז ער זאל נעמען דאס רבנות.**

אבער דער צדיק וואס האט זיין גאנץ לעבן ממאס געווען ברבנות, און באמת געהאלטן אז ער איז נישט ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, האט ער געזאגט פארן רבין, אז ער וועט בשום אופן אויף קיין שום וועג נישט נעמען דאס רבנות, האט דער בעש"ט הקדוש זיך זייער צעבייזערט אויף זיין תלמיד און געזאגט, **אויב וועסטו נישט צו הערן צו מיינע ווערטער און נעמען דאס רבנות, וועסטו פארלירן די וועלט און אויך יענע וועלט.**

האט דער תלמיד געזאגט פארן רבין, **אפילו איך וועל פארלירן מיין עולם הזה און אויך מיין עולם הבא, וועל איך אויך נישט נעמען קיין רבנות, ווייל איך בין נישט ראוי דערצו**, דאן האט דער בעש"ט הקדוש זיך צעשמייכלט און געזאגט פארן תלמיד, **מיכל'י איך האב דיך נאר געוואלט אויס פראבירן אויב די מיינסט דאס באמת, און יעצט זעה איך אז די רעדט נאר אמת.**

• • •

**הרה"ק רבי יצחק מיאמפולי זי"ע האט דערציילט** איבער די גרויסקייט פון זייער מאמע, אז די מאמע האט זוכה געווען **כסדר צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**, און רבי יצחק דערציילט, פון ווי ער האט דאס געוויסט, ווייל אמאל האט פאסירט ביים טאטן דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע, וואס ווי באקאנט האט ער א לאנגע צייט געלעבט חי' צער און נישט געהאט קיין געלט מיט וואס צו שפייזן די שטוב.

איין יאר ערב סוכות האט די רעבעצין געזען, אז איר מאן איז זייער בצער, האט זי געפרעגט פון איר הייליגע מאן וואס עס גייט פאר, האט דער הייליגער מגיד געזאגט, **וואס זאל איך טון אז עס איז ערב סוכות און איך האב נישט קיין געלט צו גיין קויפן א שיינעם אתרוג פאר יו"ט**, און דערפאר איז דער מגיד געווען זייער צעבראכן.

האט די מאמע געזאגט פארן טאטן, איך האב א שטיק צייט צוריק פארקויפט מיין צירונג, און א חלק פון די געלט האב איך באהאלטן צו קענען חתונה מאכן די קינדער, אבער אזוי ווי איך זעה דיין צער, **בין איך מסכים צו געבן דאס געלט פארן אתרוג.**

פארשטייט זיך אז די טאטע איז געווארן שטארק בשמחה, און דער טאטע איז גלייך ארויס זיכן א שיינעם אתרוג פאר יו"ט, אונז די קינדער האט דער טאטע איבער געגעבן די אחריות צו בויען די סוכה, און די טאטע האט טאקע געטראפן א שיינעם אתרוג לכבוד יו"ט, און די טאטע האט געהאט פון דעם גרויס נחת רוח און איז געווען זייער בשמחה.

סוכות ביינאכט ווען דער טאטע איז אהיים געקומען עסן אין די סוכה, איז די מאמע אריין געקומען אין די סוכה הערן קידוש, אבער אזוי ווי זי קומט אריין אין די סוכה, **האט די מאמע**

**אנגעהויבן זייער וויינען**, די טאטע און אויך אונז האבן נישט פארשטאנען וואס גייט פאר, אבער די מאמע איז גלייך נאך קידוש ארויס פון די סוכה, אבער צופרי ווען די טאטע האט געבענטשט אתרוג, האט ער געלאזט ריפן די רעבעצין אז זי זאל אויך בענטשן אתרוג, אבער אזוי ווי זי קומט אריין אין די סוכה, **הייבט די מאמע נאכאמאל אן ביטערלער וויינען**.

דאס איז שוין געווען א גרויסע חידוש פארן טאטן דער מגיד מזלאטשוב, האט ער געפרעגט די מאמע וואס איז די סיבה פארוואס די וויינסט, האט די מאמע זייענדיג געשטיקט אין טרערן געזאגט, **וואס זאל איך טון, אז אייביג ווען איך קום אריין אין די סוכה, האב איך די זכי' צו זעהן אליהו הנביא ז"ל, אבער דאס יאר סוכות אויך נעכטן ביינאכט און אויך יעצט צופרי, האב איך נישט געזען אליהו הנביא, און איך פארשטיי זיכער אז דאס איז וועגן מיינע עוונות, ווייל די בוסט דאך א צדיק גמור**, איז ווי אזוי זאל איך נישט וויינען.

האט דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע געזאגט פאר די מאמע, אז ער איז איר מבטיח, אז זי וועט ווייטער זעהן אליהו הנביא ז"ל אין די סוכה, און כך הוה פון דאן יעדעס מאל די מאמע איז אריין געקומען אין די סוכה, האט זי ווייטער זוכה געווען צו זעהן אליהו הנביא.

שפעטער האט די טאטע אונז געזאגט די סיבה, פארוואס אליהו הנביא איז נישט געקומען בעפאר, **ווייל קעגן איבער די הויז פונעם מגיד איז געשטאנען א בית עבודה זרה, און אויפן דאך איז געווען א שתי וערב, און אויב די זין שיינט אויפן שתי וערב, ווערט דערפון א שאטן אויף די ערד, און דער הייליגער מגיד האט יעדעס יארביים אויף שטעלן די סוכה, געמאכט זיכער אז די שאטן פונעם שתי וערב זאל נישט אנקומען אויף די סוכה**.

אבער וויבאלד די קינדער האבן יענעם יאר אויף גישטעלט די סוכה האבן זיי נישט אכטונג געגעבן דערויף, און דערפאר האט אליהו הנביא נישט געוואלט קומען אין די סוכה, אבער דער מגיד האט געפועלט ביי אליהו הנביא, אז ער זאל קומען אין די סוכה אין די צייט ווען די זין שיינט נישט אויפן סוכה.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע איז געווען נאך די חתונה, איז ער געזעצן על התורה ועבודת השם כמעט דעם גאנצן טאג אין דעם בראדער קלויז, דארט אינעם קלויז האבן דאן געלערנט גרויסע גאונים וגדולים בתורה, **און דער הייליגער מגיד האט שוין דאן גאר אסאך עוסק געווען בתורת הקבלה**.

אבער יענע צייט האבן רוב פון די וואס האבן געלערנט קבלה, דאס געלערנט באהאלטן, אבער דער צדיק האט געלערנט קבלה אפען, און די לומדים דארט אין קלויז האבן זיך זייער געבייזערט אויפן מגיד, אז ער האלט זיך ח"ו גרעסער ווי די אנדער לומדים, און דערפאר האבן די לומדים אנגעהויבן מצער זיין דעם צדיק און מען האט פון אים חוזק געמאכט און געלאכט.

איין טאג איז איינעם איינגעפאלן ווי אזוי ער קען מאכן חוזק פונעם מגיד, ער האט גענומען אפאר מטבעות, און ער איז צו געגאנגען צום צדיק רבי מיכל, און ער האט געגעבן די פרוטות אלס פדיון, **און דער איד האט מזכיר געווען זיין ווייב, אז זי איז נישט געזונט און ברויך א רפואה**.

דער צדיק האט גענומען די מטבעות און דאס געווארפן פון איין האנט צו די אנדערע, און דאן האט דער צדיק געזאגט פאר דעם איד, **איך קען דיר נישט העלפן ברענגען א רפואה פאר דיין ווייב**.

דער איד איז אוועק פון דעם צדיק, און האט הנאה געהאט אז ער האט גוט אויס גע'נער'ט דעם רבי מיכל, און ער האט דערציילט פאר זיינע חברים די גאנץ מעשה און געזאגט, אז באמת איז דאס ווייב בכלל נישט קראנק, נאר ער האט דא חוזק געמאכט פון דעם רבי מיכל.

אבער נאך אפאר מינוט קומט א שליח פון די שטוב פון דעם איד, און זאגט אים אז ער זאל שנעל אהיים קומען, **ווייל זיין ווייב איז פלוצלונג געפערעליך קראנק געווארן און זי איז ממש אין א סכנה**, דער איד האט זיך שטארק דערשראקן און איז מיט אלע זיינע חברים אהיים געלאפן, מען האט פראבירט אלעס צו טון מיט די פרוי, אבער ליידער איז די פרוי גאר שנעל נפטר געווארן, דאן

האבן די לומדים שוין געזען, **אז דא רעדט מען פון גאר א הייליגער מענטש, און פון דאן האט מען דעם צדיק רבי מיכל המגיד מזלוטשוב זי"ע אפ געלאזט און מער נישט מצער געווען**.

•••

**עס איז באקאנט**, אז ווען מען איז אריין געקומען זיך מזכיר זיין צום צדיק וקדוש דער מגיד מזלאטשוב זי"ע, **האט דער צדיק געזען אויפן שטערן פון דעם איד אלע זיינע מעשים**, און דער צדיק האט כסדר מוסר געזאגט פאר אידן אז מען זאל תשובה טון און זיך פירן ריכטיג.

איינמאל איז דער צדיק געווען אין א שטאט ווי ער איז נאך בעפאר נישט געווען, און די אידן פון שטאט האבן נישט געוויסט פון זיין גדלות און קדושה, זענען די אידן געקומען זיך מזכיר זיין און בעטן א ברכה פון דעם צדיק, און פארשטייט זיך אז דער מגיד האט אלע אידן מוסר געזאגט אויף זייערע מעשים, איז א איד אריין צום רבין אין שטוב, און ער האט אראפ געריקט זיין היט אויפן שטערן, כדי דער צדיק זאל נישט קענען זעהן זיינע מעשים, אבער גלייך האט דער צדיק געזאגט, **איר מיינט אז איך קען נישט דורך קוקען דעם היט, און ער האט גלייך אויס גערעכנט די מעשים פון יענעם איד**.

•••

**דער צדיק וקדוש רבי אלימלך מליזענסק זי"ע האט זעהר געשעצט דעם רבי מיכל'י**, איינמאל האט דער רבי אלימלך מליזענסק זי"ע דערציילט, אז איינמאל ווען ער האט געהערט אז רבי מיכל'י געפינט זיך אין א שטאט עטליכע מייל אוועק פון זיין שטאט ליזענסק, האט ער זיך געוואלט טרעפן מיט רבי מיכל'י, אבער ווען ער קומט אן צום ערשטן הויז ביים עק שטאט, זעט ער אז קיינער איז נישט דארט, איז ער געגאנגען ווייטער, און צו יעדן הויז וואו ער איז אנגעקומען האט ער קיינעם נישט געפונען, אויסער אין איין הויז האט ער געזען אן אלטע פרוי קאכן.

האט דער רבי ר' אלימלך איר געפרעגט, "**פארוואס זעט מען קיינעם נישט אין די הייזער, און די גאסן זענען ליידיג**", האט די זקנה דערציילט, היינט איז דא אנגעקומען דער צדיק רבי מיכל'י, **און ער האט דא געמאכט היינט יום כיפור, ער האט יעדן געזאגט זייערע עבירות וואס זיי האבן געטוען מיום הולדם ביז יעצט, ממילא איז יעדער איינער נתעורר געווארן לתשובה, און אלע מענטשן זענען געגאנגען אין שול בעטן ביי השי"ת סליחה וכפרה אויף אלע זייערע מעשים**, האט דער רבי ר' אלימלך ווייטער דערציילט בענוות קדשו, "**ווען איך האב דאס געהערט, בין איך שוין נישט געגאנגען צו רבי מיכל'י, ווייל איך האב מורא געהאט ער וועט מיר אויך זאגן אלע מיינע מעשים**".

•••

**אמאל האט פאסירט**, אז דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע איז זייער קראנק געווארן, די הייליגער קינדער פונעם צדיק האבן נישט געוויסט וואס צו טון, זענען זיי אן די רשות פונעם טאטן אריבער געפארן מזכיר זיין דעם טאטן ביים צדיק הדור הרה"ק **רבי פנחס מקאריץ** זי"ע, ווייל יענע צייט איז געווען עפעס חילוקי דעות צווישן דעם מגיד און רבי פנחס מקאריץ, און דערפאר האבן זיי נישט דערציילט פארן טאטן אז זיי גייען.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום צדיק רבי פנחס מקאריץ, האט זיי דער צדיק געזאגט, איר זאלט וויסן אז דער טאטע איז א צדיק וקדוש און א גרויסע פרוש און ער האט נישט קיין הנאה פון די וועלט, **אבער עס איז דא א מאכל וואס הייסט (קעז), און דער מאכל איז זייער מקטרוג אויפן טאטן, וויבאלד ער האט דאס נאך קיינמאל נישט טועם געווען, זעהט'ס אז דער טאטע זאל טועם זיין פון דעם מאכל, וועט ער אי"ה געזונט ווערן**, און די קינדער האבן אויס געפאלגט וואס דער צדיק האט געהייסן, און דער מגיד איז טאקע געזונט געווארן.

און דער הייליגער צדיק רבי פנחס מקאריץ זי"ע האט צו געלייגט פאר די קינדער פונעם מגיד, די סיבה פארוואס דער טאטע האט מיט מיר חילוקי דעות איז, ווייל ווי באוויסט איז דער הייליגער מגיד מזלאטשוב געווען דער ערשטער פון די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע, וואס האבן אנגעהויבן דאווענען שפעט, און גאר אסאך גדולים און צדיקים בדורו ובתוכם דער הייליגער נודע ביהודה זי"ע און דער פרי מגדים זי"ע האבן גאר שטארק מחלק געווען אויף דעם מנהג.

אבער שפעטער האט דער הייליגער בעל הפלאה זי"ע געזאגט פארן נודע ביהודה, אז ער זאל אפ לאזן דעם מגיד מזלאטשוב, ווייל דער ברודער

רבי שמעלקא מניקלשבורג האט מעיד געווען אויף דעם מגיד מזלאטשוב, אז אלע זיינע מעשים זענען כל כולו לשם שמים, און דאן האט דער הייליגער נודע ביהודה אויף געהערט מחלק זיין אויפן הייליגען מגיד מזלאטשוב.

אבער זאגט דער צדיק רבי פנחס מקאריץ, די סיבה פארוואס דער מגיד דאווענט שפעט איז, **ווייל מיט זיין דאווענען איז ער מעלה אלע תפילות ישראל וואס זענען נישט געדאווענט געווארן ווי עס ברויך צו זיין**, און דער טאטע זיכט יעדן טאג מיינע תפילות זאגט דער רבי פנחס מקאריץ, און דער טאטע זעהט נישט די תפילות, און דערפאר טראכט ער ביי זיך, אז אפשר ח"ו דאווען איך נישט ווי עס דארף צו זיין און מיינע תפילות ווערן נדחה.

אבער זאגט פארן טאטן, **אז מיינע תפילות ברויכן נישט קיין מלאכים אדער שרפים וואס זאלן דאס ארויף טראגן, ווייל זיי קומען אן גלייך צום כסא הכבוד צום הייליגען באשעפער, און דערפאר זעהט ער נישט מיינע תפילות.**

• • •

**מען דערציילט**, אז יעדעס מאל דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט זיך אויף געשטעלט אין ביהמ"ד אויפן ארון קודש צו זאגן מוסר פאר אידן, האט ער זיך קודם אויס געדרייט צום ארון קודש און געזאגט, **"רבוש"ע פאר דיר זאג איך, אז דיינע אידישע קינדער זענען הייליג און וואויל און זיי ווילן נאר טון דיין רצון, און די מוסר וואס איך זאג פאר זיי איז פאר זייער טובה און פאר דיין כבוד, אז זיי זאלן זיך מחזק זיין אין דיינע מצות און נענטער ווערן צום גרויסן באשעפער".**

• • •

**הרה"ק רבי שלמה'קע מזוועהיל זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק דער מגיד מזלאטשוב זי"ע געקומען קיין מעזריטש צום הייליגע מגיד ממזריטש זי"ע, אבער ווען ער איז אנגעקומען האבן די גבאים געזאגט, אז יעצט קען מען נישט אריין גיין צום מגיד, וויבאלד איינע פון זיינע קינדער זענען גאר שטארק קראנק, און דער מגיד וויל נישט קיינעם אויף נעמען.

אבער דער מגיד מזלאטשוב האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט, און ער איז אריין אין שטוב פונעם מגיד ממזריטש.

ווען דער צדיק איז אריין געקומען אין שטוב, האט ער געזאגט פארן מגיד ממזריטש, **איך פארשטיי נישט פארוואס איר זענט אזוי בצער, איך גלייב באמונה שלימה אז דער זון דער חולה וועט נאך היינט נאכט עסן מיט אונז א סעודה.**

לפלא נישט לאנג נאכדעם איז בעסער געווארן פארן קינד, און אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט, האט דער קינד שוין ביינאכט געגעסן מיטן טאטן א סעודה, האט דער הייליגער מזריטשער מגיד געזאגט, **איך האב נישט געזען קיין שום דרך פאר א רפואה פארן קינד, אבער דער מגיד מזלאטשוב מיט זיין גרויסע אמונה און בטחון האט געברענגט א רפואה פארן קינד.**

• • •

**עס ווערט דערציילט די פאלגענדע עובדא**, דער הייליגער זלאטשובער מגיד זי"ע, איז אמאל איינגעשטאנען ביי זיין תלמיד, דער הייליגער צמח ד' לצבי מנדבורנא זי"ע, און ווען עס איז אנגעקומען דער זמן פון תפלת שחרית, איז דער זלאטשובער מגיד אריינגעקומען אין בית המדרש אנגעטוען מיט די טלית ותפילין, און זיך ארומגעדרייט עטליכע מאל, און צוריק געגאנגען צו זיין חדר, די תלמידים אין בית המדרש האבן זיך ארומגעקוקט מיט פארוואונדערונג, וואס איז היינט געשען אז דער רבי וויל נישט דאווענען מיט אונז.

פלוצלונג איז דער הייליגער תלמיד רבי הירש'לע בעל צמח ד' לצבי מנאדבורנא זי"ע ערשינען, און געזאגט צו די תלמידים, **"איר זענט טאקע גארנישט שולדיג, אבער עס געפינט זיך דא צווישן אונז א יונגערמאן, וואס איז א שורש פורה ראש ולענה, און ס'איז אין אים איינגעווארצלט אפיקורסות פון כת ש"ץ ימ"ש, און ביז ווילאנג מ'וועט נישט מקיים זיין "ובערת הרע מקרבך", וועט דער רבי נישט דאווענען מיט אונז".**

און דער תלמיד רבי הערשעלע זאגט ווייטער, **"א סימן זאלט איר האבן ווער עס איז דער אפיקורוס, ביי דעם וואס עס געפינט זיך אין זיין ארעם א ספר הזוהר, וואס איז דערין אנגעצייכנט תגין אין א געשטאלט פון שתי וערב רח"ל, וואס דערמיט וויל ער מכשיל זיין די וואס לערנען אין דעם, און פארשטייען נישט מדקדק צו זיין אין די**

**תגין, און דורכדעם וועלן זיי ח"ו נמשך ווערן צו מינות ואפיקורסות"**.

אלזא, דארף מען אים אפירנעמען און צונעמען פון אים די ספרים, און רבי הירש'לע פארענדיגט, "**מען ברויך רעדן מיט אים ער זאל תשובה טוען, אולי בלבבו יבין ושב ורפא לו**".

אזוי איז טאקע געווען, די תלמידים האבן אים תיכף אפיר געזוכט, און אים נישט צורוה געלאזט ביז ער האט תשובה געטוען, און אויף זיך מקבל געווען מער נישט צו זינדיגן, ערשט דאן איז דער הייליגער זלאטשובער מגיד אריין געקומען דאווענען.

ווען מען האט פארענדיגט דאס דאווענען, האט מען זיך פארזאמלט ארום רבי הירש'לע, און מיט וואונדער אים געפרעגט, פארוואס ער האט ביז היינט גארנישט געטוען ווענן דעם אפיקורס, "**האט מען דאס מן השמים נאר מגלה געווען ווען דער זלאטשובער מגיד איז געקומען**", האט ער זיי געענטפערט, "**איך האב שוין געוואוסט פון דעם אפיקורס זייט ער דאוונט ביי מיר אין ביהמ"ד**".

נאר די סיבה פארוואס איך האב דאס נישט מגלה געווען ביז יעצט איז, ווייל ווען א גרויסע נשמה וואס ווערט וויסן אלעס מיט רוח הקודש, קומט אראפ אויף דער וועלט, ווארנט מען אן די נשמה, זי זאל נישט מגלה זיין קיין זאכן וואס איז שייך צו די בחירה פונעם מענטש, און פונקט ווי דער וואס מאכט ווייט פעסער, בינדט ארום די פעסער מיט אייזערנע קייטן, כדי דער וויין זאל נישט איבעררינען, אזוי בינדט מען צו דעם צדיק ער זאל נישט מגלה זיין וואס ער זעט און הערט, נאר ווען עס קומט אן די ריכטיגע צייט.

• • •

**איינמאל איז א חסיד געקומען צום מגיד מזלוטשוב זי"ע און זיך אפגערעדט**, אז ער האט ליידער מחשבות זרות וואס שטערן אים אין זיין עבודת השם, און געבעטן פונעם מגיד אז ער זאל אים געבן א עצה ווי אזוי ער זאל פטור ווערן פון די מחשבות וואס לאזן אים נישט דינען דעם באשעפער בטהרה, האט אים דער מגיד געשיקט, אז ער זאל גיין צו זיין תלמיד הרה"ק **רבי אברהם חיים מזלאטשוב** זי"ע.

דער חסיד איז אנגעקומען און די שטאט ווי דער צדיק רבי אברהם חיים זי"ע האט געוואוינט, ער איז דארט געזעצן אפאר טאג און באטראכט דעם עבודה פון דער צדיק איבערן טאג, אבער ער האט נישט געזען קיין ספעציעלע זאך וואס דער צדיק טוט, וואס זאל אים געבן א דרך אין עבודת השם צו פטור ווערן פון די מחשבות זרות.

איין טאג האט ער געבעטן פונעם צדיק רבי אברהם חיים זי"ע, אז ער זאל אים אויס רעכענען זיין סדר היום, האט דער צדיק געזאגט, **יעדע נאכט רייניג איך די גלאזענע כלים, און איך ארבעט אזוי לאנג ביז עס איז ציכטיג ריין**, דערנאך רייניג איך דעם שטוב און איך ארבעט אזוי לאנג, ביז עס איז אינגאנצן זויבער אז עס זאל זיין ריין אז עס זאל פאסן פאר א שר אדער א מלך דא צו איינשטיין, אויך אינדערפרי גיי איך נאכאמאל איבער דאס גאנצע שטוב צו מאכן זיכער, אז אלעס איז ציכטיג ריין, ווייל אויב לאזט מען שמיץ פאר לענגער ווערט עס שווערער צו רייניגן.

דער חסיד איז צוריק צום מגיד און מיט וואונדער דערציילט פארן מגיד דעם סדר היום פון דעם צדיק רבי אברהם חיים מזלאטשוב זי"ע, און ער האט געפרעגט דעם הייליגען מגיד, אויב פאר דעם האט ער אים דארט געשיקט פאר א דרך אין עבודת השם.

האט דער מגיד געזאגט, טאקע דאס האב איך דיך געוואלט לערנען, אז ח"ו ווען א איד באקומט א מחשבה זרה אין מח, **דארף א איד געדענקען, אז ווי לענגער מען לאזט דעם מחשבה אינעם מוח, אלס שווערער איז דאס ארויס צו נעמען, דערפאר ברויך א איד יעדן טאג און אפילו מער ווי איינמאל א טאג, רייניגען די מחשבות דורך תפילה און תורה און דאס היט אפ א מענטש אז די מחשבות זרות זאלן זיך נישט אריין כאפן ביי אים און ח"ו בלייבן אויף א לאנגע צייט.**

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי אברהם חיים בעל אורח לחיים מזלוטשוב זי"ע**, האט אמאל בחלומו געזען, ווי זיין הייליגע רבי דער מגיד מזלאטשוב זי"ע זיצט אינדרויסן פון גן עדן, ער איז געווען זייער צובראכן דערפון און געהאט גרויס צער און עגמת נפש, האט ער געפאסט תעניתים, נאכדעם האט ער

נאכאמאל געזען בחלומו, אז זיין רבי זיצט נאך אלס אינדרויסן פון גן עדן, האט ער געוואלט נאכאמאל אנהייבן פאסטן.

אבער זיין רבי האט זיך מגלה געווען צו אים און געזאגט, **מיין נישט ח"ו אז איך בין אינדרויסן פון גן עדן, ווייל איך בין ח"ו נישט ראוי אריין צו גיין אין גן עדן, נאר איך וויל נישט ארייננגיין, ווייל איך פאר ארבעט מעשים ארויס צו נעמען נשמות פון גיהנום, און איך האב מיך אונטער געגומען, אז ווילאנג עס איז נאך דא א אידישע נשמה אין גיהנום, גיי איך נישט אריין אין גן עדן.**

• • •

**דער צדיק וקדוש רבי מיכל המגיד מזלאטשוב זי"ע** איז אמאל געקומען קיין מעזריטש, און ער האט געשיקט זיין זוהן רבי איציק'ל ראדווילער זי"ע, וועלכע איז נאך געווען יונג, אז ער זאל גיין זעהן צו מ'קען יעצט שלום נעמען ביים מגיד ממזריטש, איז ער געגאנגען און געפונען דעם מגיד זיצען אויפן בעט, האט ער איהם געפרעגט צו דער טאטע קען איצטער שלום נעמען, אבער דער מגיד האט זיך נישט צוטוהן געמאכט, אזוי האט ער איבער געפרעגט דריי צו פיר מאל, אבער די גאנצע צייט האט זיך דער מגיד נישט צוטוהן געמאכט.

איז ער צוריק געקומען צום טאטן און פארציילט וואס עס איז געווען, האט אים דער פאטער ווידער געשיקט צוויי דריי מאל און אלץ דאס זעלבע, האט דער רבי ר' מיכלע געזאגט, אויב אזוי לאמיר גיין צוזאמען, זענען זיי געגאנגען, אבער ווי נאר זיי האבן געעפנט די טיהר, האט זיך דער זלאטשובער מגיד אפגערוקט מיט ציטער, און געפרעגט זיין זוהן, **האסטו דען נישט געזעהן אז ער זיצט מיט אליהו הנביא און לערנט.**

שפעטער האט זיי דער גרויסער מגיד אויף גענומען מיט גרויס כבוד, אינדערמיט איז דער מגיד ארויס פון שטוב און אויפן טיש האט ער איבער געלאזט זיין טאבאק פושקע, האט דער צדיק ר' איציקל מראדוויל גענומען דעם טאביק פושקע דאס נאר אנצוקוקן און עס צוריק געלייגט אויפן טיש.

ווען דער מגיד איז צוריק אריין אין שטוב, האט ער זיך אנגערופען בזה"ל, **"אז מען ווייסט ניט, טוט מען ניט"**, ווען א צדיק כאפט אהן מיט דער האנט א חפץ, בויט ער דערמיט עולמות, און ווען ער לייגט דאס אראפ, און א צווייטער רירט דאס פון פלאץ, איז ער דערמיט מחריב עולמות ר"ל.

• • •

**ווי באוויסט איז דער צדיק וקדוש רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע געווען א גרויסע בעל מופת**, איינמאל האט ער געזאגט, **ווען איך וואלט געהאט דעם רבין'ס רבי מיכל'ע זלאטשובער'ס טיש, מיט דעם רבין'ס בעכער, וואלט איך געקענט מחייה מתים זיין**, לימים איז די רבי געווען ביי זיין רבין'ס שטוב, און געטרינקען א קאווע אונעם כוס פונעם מגיד, און די רעבעצין פונעם מגיד האט געזאגט פארן רבין, איר האט דאך געזאגט, **אז אויב איר וואלט געהאט דעם כוס פונעם מגיד קענט מחיה מתים זיין.**

און די רעבעצין דערציילט פארן צדיק רבי מרדכי מנעשכיז זי"ע, דא אין שטאט איז דא א כלה א יתומה וואס איז זייער קראנק, און די דאקטורים קענען איר נישט העלפן, האט דער צדיק רבי מרדכי'לע אראפ געקראצט א שטיקל האלץ פונעם מגיד'ס טיש, און אריין געלייט די שטיקלעך האלץ אונעם קאווע, און געהייסן מען זאל דאס געבן צו טרינקען פאר די כלה, און ויהי לפלא די כלה איז געזונט געווארן.

• • •

**צדיקים האבן דערציילט** ווי אזוי דער מגיד מזלאטשוב זי"ע האט זוכה געווען אראפ צו ברענגען דעם הייליגען נשמה פון זיין זוהן הרה"ק **רבי זאב וואלף מזבאריז** זי"ע, עס איז געווען אין די צייט וואס דער טאטע דער מגיד איז נאכנישט געווען מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה.

איז געווען איין יאר ערב ראש השנה, און אינעם שטוב פונעם מגיד האט זיך נישט געפונען קיין פרוטה מיט וואס זיך צו גרייטן אויף צרכי יו"ט, דער מגיד זייענדיג א איש קדוש מאוד און נישט וועלענדיג נהנה זיין פון א מתנת בשר ודם, האט זיך געגרייט צו מקבל זיין דעם גרויסן יו"ט בתענית, נאר כדי נישט נהנה זיין פון אנדערע.

ערב יו"ט בעפאר די זמן, איז דער מגיד געגאנגען אין מקו' און זיך געגרייט צום הייליגען

יו"ט ראש השנה, דער מגיד האט אפגעראכטן דעם ערשטן מעריב פונעם יאר מיט א השתפכות הנפש און מיט א געוואלדיגע דביקות דקדושה, אבער נאכן דאווענען, וויסענדיג אז ביי אים אין שטוב איז נישט דא מיט וואס צו מקבל זיין דעם יו"ט, האט זיך דער מגיד געזעצט אין ביהמ"ד לערנען מסכת ראש השנה מיט א געוואלדיגע התמדה.

אבער נישט לאנג נאכדעם האט דער מגיד געהערט א בת קול וואס קומט ארויס פונעם ארון הקדוש און זאגט, **אז ער זאל אהיים גיין צו זיך אין שטוב**, קודם האט זיך דער מגיד נישט וויסענדיג געמאכט פונעם בת קול, ווייל חז"ל זאגו דאך "**אין משגיחין בבת קול**", אבער ווען דאס האט זיך איבער גע'חזר'ט, האט דער מגיד אפ געמאכט אהיים צו גיין.

ווען דער מגיד קומט אריין צו זיך אין שטוב, זעהט ער ווי די טיש איז אנגעגרייט מיט לעכט און כל טוב לכבוד יו"ט, און די רעבעצין דערציילט, אז די שכנים ווען זיי האבן זיך דערוויסט אז אינעם שטוב פונעם מגיד איז נישט דא קיין צרכי יו"ט, האבן זיי זיך צוזאם גענומען און צווישן זיך געברענגט פארן מגיד אין שטוב אלע צרכי יו"ט.

פארשטייט זיך אז צו די שמחה פונעם מגיד איז נישט געווען קיין גרעניץ, ער האט זיך געזעצט צום סעודת יו"ט און גדאנקט דעם גרויסן באשעפער פארן אים נישט פארלאזן בעת הצורך, און אז ער קען מקבל זיין דעם הייליגען יו"ט מיט א כבוד און שמחה.

נאכן סעודה האט דער הייליגער מגיד געזעהן, **אז דארט אין שטוב שטייט ר' צבי ז"ל, וואס איז געווען דער משמש און חזן פונעם שטאט, וואס איז שוין מיט א שטיק צייט צוריק נפטר געווארן**, און איז געווען באוויסט אלס א איש פשוט מאוד און בכלל נישט ארויס געריפן קיין פורסםביים לעבן.

און דער ר' צבי זאגט פארן מגיד, אז זיין נשמה וועט בקרוב אראפ קומען אויף די וועלט, און ער וועט ווערן געבוירן אלס קינד פונעם מגיד, דער מגיד האט זיך זייער געוואונדערט און געפרעגט, **וואס איז די גדולה פון דעם נשמה אז מען שיקט אים אראפ צו מיר אין שטוב**.

האט דער ר' צבי ז"ל געזאגט פארן מגיד, וויסן זאלסטו, אז איך בין געווען פון די ל"ו צדיקים נסתרים שבדור, איך האב מיין גאנץ לעבן מדקדק געווען בקלה כבחמורה, אבער איך האב באוויזן צו באהאלטן מיינע מעשים פון די אויגן פון יעדן איינעם, אבער די רגע בעפאר מיין פטירה, האט זיך אין מיר אריין געכאפט א מחשבה פון גאווה, אז איך האב זוכה געווען צו דינען דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע קדושה און הסתרה, און איך האב א זאג געגעבן "**נא נישט שלעכט געווען**".

און ווי חז"ל זאגן דאך, "**הקב"ה מדקדק עם הצדיקים כחוט השערה**", דערפאר האט מען גוזר געווען אין הימל, אז איך וועל ברויכן אראפ קומען אויף די וועלט נאכאמאל, כדי צו פארעכטען דעם מחשבה פון גאווה וואס איך האב געהאט בשעת מיין פטירה, און איך האב אויס דערוועלט אראפ צו קומען אינעם שטוב פונעם מגיד מזלוטשוב, וואס איז מפורסם אלס א גאר הייליגע שטוב ווי מען פירט זיך מיט א געוואלדיגע קדושה, און טאקע צום יאר איז געבוירן געווארן צום מגיד א בן זכר, **און דאס איז געווען דער צדיק וקדוש רבי בנימין זאב וואלף מזבאריז זי"ע**.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק הרה"ק רבי ארון לייב מפרמישלאן זי"ע** געקומען צום צדיק דער הייליגער מגיד מזלוטשוב זי"ע, און ער האט אים געטראפן אויף דער ערד בפישוט ידים ורגלים, האט ער געפרעגט פונעם מגיד, וואס איז פשט, האט דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע געזאגט, **אז עס איז דא א שווערע גזירה אויף כלל ישראל, און ער פאראַרבעט מעשים צו מבטל זיין די גזירה**.

האט דער תלמיד דער צדיק רבי ארון לייב זי"ע געזאגט פארן מגיד, אז ער וועט אויך פאראַרבעטן מעשים, און ער האט זיך אויך אראפגעלייט אויף דער ערד, נאך א שטיק צייט איז ער אויף געשטאנען און געזאגט פארן הייליגען מגיד, אז די גזירה איז בטל געווארן, **אבער מען דארף נאך ערלעדיגען אביסל בזיונות, וואס דורך דעם וועט די גזירה איינגאנצען בטל ווערן**.

זענען די צוויי צדיקים ארויס אויפן וועג, און זיי זענען אן געקומען צו א גאסט הויז און געבעטן, אויב זיי קענען דארט איבער שלאפן, צופרי האבן

זיי געדאווענט שחרית און דער הייליגער מגיד מזלוטשוב זי"ע כנהוג האט געדאווענט שחרית גאר שפעט, האט דער בעל אכסניה אנגעהויבן צו שרייען, **היתכן ער איז עובר אויף א הלכה פון שלחן ערוך, און זייער מבזה געווען דעם מגיד, אן וויסן די גדלות און הייליגקייט פונעם גרויסן מגיד**, ווען דער מגיד האט געענדיגט דאווענען, האט דער הייליגער צדיק רבי ארון לייב זי"ע געזאגט פארן מגיד, **יעצט האט מען שוין געהאט בזיונות און די גזירה איז בטל געווארן**.

• • •

**איינמאל ווען דער צדיק וקדוש רבי יוסף מיאמפאלא זי"ע** דער זוהן פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע איז געזעצן ביים טיש צוזאמען מיט זיינע חסידים, האט ער באקומען א מכתב פונעם צדיק הרה"ק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע, ווי ער באדאנקט זיך פארן צדיק רבי יוסף, אז ער האט מתפלל געווען פאר זיין געזונט, און ב"ה ער האט טאקע גע'פועל'ט א ישועה פאר אים, האט דער צדיק רבי יוסף מיאמפאלא זי"ע געזאגט מיט זיין גרויס עניוות פאר זיינע חסידים, ב**אמת האב איך דא גארנישט געטון, און דער צדיק רבי משה לייב דארף מיר בכלל נישט מחזיק טובה זיין**.

און דער צדיק האט דערציילט די מעשה, אז ווען ער האט באקומען דעם מכתב פון דעם צדיק רבי משה לייב מסאסוב זי"ע, בעטענדיג אז ער זאל אים אינזין האבן פאר א רפואה, בין איך גלייך אריבער זיך טובל'ן אין די מקוו', און איך האב געטון וואס איך האב געברויכט און געמאכט א עליית נשמה, און איך האב מיך דארט געטראפן מיטן טאטן דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע.

ווען מיין טאטע האט מיך דארט געזען, האט ער מיך געפרעגט וואס איך זיך דא בעולם העליון, האב איך געזאגט פארן טאטן, אז דער צדיק רבי משה לייב מסאסוב ברויך א רפואה, בין איך געקומען בעולם העליון צו ממליץ טוב זיין אויפן צדיק, האט מיך דער טאטע צו געטראגן צום היכל פון דעם בית דין של מעלה, און די טאטע איז אריין אינעם היכל און איך בין געבליבן שטיין ביים טיר.

די בית דין של מעלה האט געפרעגט דעם טאטן, רבי מיכלי וואס ברויכט איר און פאר וואסערע סיבה זענט איר אהער געקומען, האט די טאטע געזאגט, מיין זון יאסילי איז ארויף געקומען ממליץ טוב זיין אויפן צדיק רבי משה לייב מסאסוב אז ער זאל האבן א רפואה, האט דער בית דין של מעלה געזאגט, מען וואלט זיכער ממלא געווען זיין בקשה, אבער וואס זאל מען טון אז מען ברויך זייער האבן דעם צדיק רבי משה לייב דא בעולם העליון.

האט דער צדיק רבי יוסף מיאמפאלא געזאגט, אז דא אויף די וועלט ברויך מען אסאך מער האבן דעם צדיק רבי משה לייב, און דערפאר בעט איך זייער אז מען זאל אים לאזן אויף די וועלט, אז ער זאל קענען ווייטער באלייכטן די וועלט מיט זיין תורה וקדושה.

האט די בית דין של מעלה געזאגט, **"מיר פארלאזן זיך אויף רבי מיכלי'ן, און ווי אזוי ער וועט זאגן, אזוי וועט זיין"**, האט דער טאטע דער מגיד געזאגט, **"אז מיין יוס'לע זאגט אז דאס דור דארף אים האבן זייער נויטיג, בין איך אויך מסכים אז ער זאל האבן א רפואה"**, און פונעם טאטן'ס ווערטער איז דער צדיק רבי משה לייב געזונט געווארן, **אבער איך האב דא גארנישט גע'פועל'ט**.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט געברענגט**, די מעשה איבער די באוואוסטע הייליגן ניגון, וואס מען רופט **"דעם זלאטשאווער מגיד'ס ניגון"**, אז פאר די הסתלקות האט דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע געלאזט רופן זיינע הייליגע תלמידים, און ווען דער תלמיד דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע איז אריינגעקומען, האט דער בעש"ט אים געבעטן ער זאל זינגען זיין באקאנטן ניגון פון התעוררות און דביקות.

דער הייליגער מגיד האט אנגעהויבן זינגען דעם הייליגען ניגון מיט אזא ברען און התעוררות, אז אלע תלמידים זענען צוגאנגען פאר גרויס התרגשות.

ווען ער האט געענדיגט זינגען דעם ניגון, האט דער בעל שם טוב הקדוש געזאגט, **"איך זאג צו, אז ווער עס וועט זינגען דעם ניגון מיט אן ערנסטן כוונה און מיט תשובה, אין וועלכע היכל ער זאל נאר נישט זיין אין יענעם עולם, וועט ער זיך משתתף זיין מיט יענעם און מעורר זיין רחמים פאר אים פארן כסא הכבוד"**.

• • •

**אין שבחי צדיקים ווערט דערציילט**, אז איינמאל האט דער מגיד פון מעזריטש זי"ע געזאגט פאר זיינע תלמידים, אז מען קען זעהן א אמתע עבודת השם ביים הייליגען מגיד מזלאטשוב, און דער הייליגער מזריטשער מגיד האט דערציילט, אז דער הייליגער זלאטשובער מגיד פלעגט יעדן טאג אויפשטיין חצות לילה און מיט בכיות נוראות אפגעראכטן א גאר הייליגע עבודה. און ווען דער טאג איז דורך און הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין פאר ברכות און ישועות, פלעגט דער מגיד פארטיילן אלע געלטער וואס ער האט געהאט אין שטוב פאר ענייים, כדי ער זאל נישט האבן קיין איין פרוטה איבערנאכט אין זיין רשות.

ווען מ'האט אמאל געפרעגט דעם הייליגען זלאטשובער מגיד זי"ע, פארוואס ער פירט זיך צו פארטיילן יעדע פרוטה וואס ער האט פאר נצרכים, האט דער הייליגער מגיד געענטפערט מיט א פשטות, "**אויב דער באשעפער גיבט מיר פרישע חיות יעדן טאג, פארוואס זאל איך דארפן האלטן נעכטיגע געלט אויף מארגן, איך פארלאז מיך אינגאנצען אויף אים אז ער וועט מיר געבן פרנסה מארגן פונקט ווי היינט**".

• • •

**אין ספר עשר עטרות ווערט געברענגט**, איבער די געוואלדיגע **מדת הרחמנות** און **ליבשאפט** פונעם הייליגען מגיד מזאטשוב זי"ע צו יעדן מענטש, איין נאכט איז א גנב אריינגעקומען צו אים אין הויז און אנגעהויבן צאמנעמען דאס ביסל כלי כסף און חפצים וואס זענען דארט געווען, דער מגיד האט זיך אויפגעוועקט און געזען דעם גנב פאקן די זאכן.

אנשטאט שרייען אדער רופן פאר הילף, האט ער געטראכט צו זיך, "**דער מענטש גייט יעצט עובר זיין אויף א לא תעשה פון גניבה, און ער גייט האבן אן עונש אין הימל**", האט דער מגיד גלייך געזאגט שטילערהייט, "**איך מאך אלעס הפקר, אלע מיינע חפצים זענען הפקר פאר יעדן איינעם**", דערנאך איז ער צוגעגאנגען צום גנב און געזאגט מיט גרויס רואיגקייט, "**זאלסט וויסן, אז די אלע זאכן זענען דיינע, איך האב עס דיר געשאנקען, כדי דו זאלסט חלילה נישט עובר זיין אויף גזל**".

• • •

**אין ספר אור החכמה ווערט דערציילט**, איבער די געוואלדיגע **עבודת התפילה** און כח **הברכה** פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע, איינמאל איז געקומען צו אים א פשוט'ער איד, א בעל אכסניה, וואס דער פריץ האט אים געוואלט ארויסווארפן פון קרעטשמע ווייל ער האט נישט געהאט צו באצאלן דעם שווערן רענט, דער איד האט געוויינט מיט ביטערע טרערן אז ער שטייט פאר חרפת רעב מיט זיין משפחה.

דער מגיד האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות און אים געזאגט, "**גיי אהיים בשלום, און געדענק אז אפילו אין די שווערסטע מינוט איז השי"ת נעבן דיר**", דער מגיד האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה מיט אזא געוויין און התעוררות, אז די תלמידים זענען דערציטערט געווארן, נישט לאנג דערנאך איז דער פריץ פלוצלונג געווארן איבערגעדרייט לטובה, ער איז אליין געקומען צום איד, האט אים מוחל געווען דעם חוב און פארלענגערט דעם קאנטראקט פאר ביליגער, ווען מ'האט געפרעגט דעם מגיד דערוועגן, האט ער געזאגט, "**ווען א איד שפירט אן אנדערען איד'ס צער ווי זיין אייגענעם צער, ווערן אלע טויערן אין הימל געעפנט**".

• • •

**אין ספר כתר שם טוב ווערט דערציילט**, ווי אזוי דער הייליגער בעל שם טוב האט מעיד געווען אויפן תלמיד דער הייליגער מגיד מזלאטשוב זי"ע, **אז ער האט קיינמאל נישט הנאה געהאט פון דער וועלט**, איינמאל איז דער זלאטשובער מגיד געווען ביים בעש"ט, און דער בעש"ט האט זיך אנגערופן צו זיינע תלמידים, "**ווייסט איר דען ווער דער איד איז, ער היט זיינע אויגן און זיינע חושים מיט אזא קדושה, אז פון דעם טאג וואס ער איז געבוירן געווארן האט ער קיינמאל נישט געקוקט אויף די וועלט מיט קיין שום גשמיות'דיגע הנאה, נאר יעדע זאך וואס ער זעט, זעט ער נאר די אלוקות און די חיות פונעם באשעפער וואס שטעקט דערין**", דער מגיד האט געלעבט ממש העכער די גשמיות, **אזוי ווי א מלאך אין א גוף פון א מענטש**.

• • •

**אין ספר אור יצחק ווערט געברענגט**, איבער די געוואלדיגע גרויסע קדושה ביים עסן פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע, דער מגיד פלעגט

זיך פירן מיט א געהויבענע מנהג, אז ער האט כמעט גארנישט געגעסן, נאר פונקט אזויפיל וויפיל מען דארף צו האלטן די נשמה אינעם גוף, איינמאל האט זיין זון, הרה"ק רבי יצחק מראדוויל זי"ע, **געזען ווי זיין פאטער נעמט א שטיקל ברויט צום מויל מיט אזא עבודה און יראת שמים, ציטערנדיג פון קאפ ביז פיס, אזוי ווי א כהן גדול וואס גייט אריין אין קדשי קדשים**.

האט דער זון געפרעגט דעם טאטן, פארוואס ער ציטערט אזוי שטארק ביים עסן, האט אים דער מגיד געענטפערט, "**דאס עסן איז נישט פאר מיין קערפער, נאר צו מברר זיין די הייליגע ניצוצות וואס זענען פארהאנען אינעם מאכל, יעדעס מאל וואס איך נעם א ביסן, האב איך מורא אפשר בין איך חלילה פארפירט געווארן מיט א ברעקל גשמיות'דיגע תאווה, און איך האב נישט געטון די ריכטיגע כוונה צו הייליגן דעם אייבערשטנ'ס נאמען**".

• • •

**אין ספר עטרת צבי ווערט געברענגט**, איבער די געוואלדיגע **קדושת המחשבה** פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע, און ווי ער האט זוכה געווען צו **רוח הקודש דורך זיין ריינעם מוח**, עס ווערט פארציילט, אז איין שבת ביים טיש, אינמיטן זינגען די זמירות מיט גרויס דביקות, האט זיך דער מגיד פלוצלונג אפגעשטעלט און געבליבן שטיין פארגאפט פאר א לאנגע צייט אן א באוועג.

די תלמידים האבן געוואוסט אז אין יענע מינוטן שוועבט זיין נשמה אין די העכסטע עולמות, ווען ער איז צוריק געקומען צו זיך, האט ער געזאגט א טיפן תורה'דיגן דרוש אויף דעם פסוק "**שויתי ד' לנגדי תמיד**", שפעטער האט ער פארציילט פאר זיינע מקורבים, אז ער האט זיך געהאט מתבונן געווען אין א הייליגע סוגיא, און צוליב דעם וואס זיין מוח איז געווען ריין פון יעדן פרעמדן געדאנק, **האט מען אים אנטפלעקט פון הימל די סודות פון יענע ענין אזוי ווי עס ווערט געלערנט אין מתיבתא דרקיעא**.

• • •

**אין ספר מקור ברוך ווערט געברענגט**, איבער די געוואלדיגע **מסירות נפש** פונעם מגיד מזלאטשוב זי"ע פאר **קדושת הגוף** און זיין **מסירת נפש פאר א א מקו'**, אפילו אין די סאמע קעלטסטע ווינטער-טעג, ווען די וואסערן אין שטעטל זענען געווען אינגאנצן פארפרוירן מיט דיקע אייז, האט דער מגיד קיינמאל נישט מוותר געווען אויף זיין טבילה פארן דאווענען, מען פלעגט דארפן צוברעכן דאס אייז מיט שווערע האקן כדי ער זאל קענען טובל'ן.

איינמאל האט איינער פון די דאקטוירים אים געווארנט, אז דאס קאלטע וואסער קען שאטן פאר זיין געזונט, און האבן געווארנט דעם מגיד אז ער זאל צוליב זיין געזונט נישט קיין אין מקו', אבער דער מגיד האט געענטפערט מיט א פשטות, "**א מענטש וואס וויל דינען דעם מלך מלכי המלכים מיט א ריינעם גוף און נשמה, שפירט נישט די קעלט פונעם וואסער, ווייל די ווארעמקייט פון די תורה און מצוות דערווארעמט אים אלע איברים**".

• • •

**אין ספר מאמר מרדכי ווערט דערציילט**, איבער די געוואלדיגע כח פונעם הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע **מיטן ברענגען גאר גרויסע ישועות פאר אידן**, די מקורבים פונעם מגיד האבן דערציילט צענדליגע מעשיות ווי דער הייליגער מגיד האט געברענגט ישועות פאר אידן וואס האבן נישט געהאט קיין קינדער נאך לאנגע יארן ווארטן, א ערליכער איד וואס איז געווען חתונה געהאט העכער צוואנציג יאר און נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און נאכדעם וואס אלע דאקטוירים און רפואות האבן גארנישט געהאלפן, איז ער געקומען צום זלאטשאווער מגיד מיט בכיות נוראות.

דער מגיד האט אים געקוקט מיט גרויס רחמנות און געזאגט, "**גיי אהיים, און נעם אויף זיך צו געבן צדקה בסתר פאר ארימע כלות, און פארגעס אינגאנצן פון דיין אייגענעם צער**", דער איד האט אזוי געטון, און ביים סוף פונעם יאר האט זיין ווייב געבוירן א בן זכר, ווען מ'האט געברענגט דאס קינד צום מגיד אויפן ברית, האט דער מגיד געזאגט, "**ווען א מענטש פארגעסט פון זיך אליין און עפנט זיין הארץ פאר יענעמ'ס צער, עפנט דער אייבערשטער אלע פארשפארטע מקורות פון רחמים**".

• • •

**אין ספר שבחי צדיקים ווערט דערציילט**, איבער די געוואלדיגע כח פונעם מגיד מזלאטשוב זי"ע צו ראטעווען א מענטש פון א גזירה אין הימל,

א גביר פון בראד איז איין טאג שווער קראנק געווארן, און די גרעסטע פראפעסארן האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, די משפחה איז געלאפן צום הייליגער זלאטשובער מגיד זי"ע, און געבעטן אז ער זאל מתפלל זיין פאר חולה אז ער זאל האבן א רפואה שלימה בקרוב.

דער מגיד האט זיך פארשפארט אין זיין חדר און געדאווענט מיט אזעלכע קולות און טרערן אז די ווענט האבן געציטערט, ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער געזאגט, "**די גזירה איז שוין געווען געחתמ'עט, אבער מיר האבן געטוישט דעם נאמען פונעם חולה אין הימל דורך תשובה ומעשים טובים**", אין יענע שעה האט זיך דער קראנקער פלוצלונג אויפגעוועקט, די פיבער איז אראפ, און ער איז אינגאנצן אויסגעהיילט געווארן.

• • •

**אין ספר שיחות שרפי קודש ווערט דערציילט א מעשה**, אז א איד וואס האט געדונגען אן ארענדע פונעם לאקאלן פריץ איז אריינגעפאלן אין א שווערן עלילת שוא, און מען האט אים אריינגעווארפן אין א טיפן קעלער אונטער שווערע קייטן, די שטאט האט געציטערט אז מען גייט אים חלילה משפט'ן צום טויט, זיין פרוי איז געקומען צום מגיד שרייענדיג נאך הילף.

דער מגיד האט איר געגעבן א שטיקל שריפט און געזאגט, "**זאלסט דאס לייגן אונטער דער שוועל פון שופט'ס הויז, און האב קיין מורא נישט**", ווי נאר דער שופט איז אריינגעגאנגען אין געריכט-זאל, איז זיין גאנצע מחשבה פארוואנדלט געווארן, ער האט אנגעהויבן זען די שקרים פון די עדים, און האט מבטל געווען די גאנצע קלאגע, און באפרייט דעם איד מיט כבוד.

• • •

**אין ספר אור יצחק ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען איין יאר א שווערע יאר פון טרוקעניש, קיין רעגן איז נישט געפאלן פאר לאנגע חדשים, און די פעלדער זענען אינגאנצן פארטריקענט געווארן, און די פרייזן פון תבואה זענען געשטיגן און מענטשן האבן ממש געחלש'ט פאר גרויס הונגער, די קהילה לייט זענען געקומען צום הייליגען מגיד מזלאטשוב זי"ע און געבעטן ער זאל גוזר תענית זיין צו מבטל זיין די שווערער גזירה.

דער מגיד האט אבער געזאגט פאר די קהילה לייט, "**נישט מיט תעניתים וועלן מיר ענטפערן, נאר מיט אחדות און אהבת ישראל**", און דער מגיד האט געהייסן יעדן איינעם זיך איבערבעטן און פארטיילן ברויט פאר די ארעמעלייט, גלייך נאכדעם האט ער זיך געשטעלט צום עמוד **און געזאגט קאפיטל פ"ה אין תהלים**, און נאך איידער ער האט געענדיגט דאס דאווענען, האבן זיך שווארצע וואלקנס צוזאמענגענומען אויפן הימל און עס האט אנגעהויבן גיסן א ברכה-רעגן וואס האט געראטעוועט די גאנצע געגנט.

**יארצייט כ"ה אלול**

**הרה"ק רבי דוד ב"ר חיים מצאנז זי"ע**
**(הלברשטאם)**
**בעל דרכי דוד, מקשאנוב**

ער איז געבוירן אין שטאט רודניק, **בשנת תקע"ח**.

אלס דער צווייטער זוהן צו זיין הייליגען טאטן הרה"ק **רבי חיים הלברשטאם בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אריה לייב מטארניגראד** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שמחה מבראד** זי"ע,
נין ונכד הרה"ק **רבי צבי הירש חריף בעל חכם צבי אב"ד האלבערשטאדט** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רחל פייגא** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי ברוך תאומים פרענקל בעל ברוך טעם מלייפניק** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יחזקאל יהושע פייבל אב"ד מאסטראווצא** זי"ע.

ער איז געווען א גאון עולם און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר און א תלמיד חכם און א מתמיד עצום בתורה, דער צדיק האט זיך ממש ממית געווען בתורה יומם לילה מיט א געוואלדיגע התמדת התורה, ער איז געווען א איש קדוש מאוד משיורי כנסת הגדולה אביר הרועים און דער שר התורה והעבודה בדורו, מאור הגולה סבא קדישא, חסידא ופרישא, איש אלוקים קדוש וטהור.

דער צדיק האט ממש נישט נהנה געווען פון די וועלט, ער האט געהאט א מנהג טוב, אז אויב דער צדיק האט זיך דערוועקט ביינאכט פון שלאף, איז ער מער נישט צוריק געגאנגען שלאפן, נישט קיין חילוק ווי לאנג ער איז געשלאפן, נאר אזוי ווי ער האט זיך דערוועקט, האט ער זיך געזעצט לערנען תורה, רוב פון די גרויסע צדיקי הדור האבן דעם צדיק גאר שטארק מעריץ און מכבד געווען, און גאר אסאך פון די צדיקים בדורו זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו.

דער צדיק האט באמת נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, ער האט געוואלט נאר עוסק זיין בתורה זיין גאנץ לעבן אן קיין שטער, אבער פון הימל האט מען געוואלט אז די וועלט זאל נהנה זיין פון זיין תורה און קדושה, און טאקע טויזענטער אידן זענען געקומען צו דעם צדיק צו מיט האלטן זיין עבודת הקודש און פאר א ברכה און עצה ותושי', דער צדיק איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ.

עס איז באקאנט, אז זיין גרויסע ברודער דער הייליגער שינאווא רב זי"ע האט זיך געפירט, אז יעדעס יאר עשי"ת די טעג צווישן ראש השנה און יום הקדוש, פלעגט ער קומען זיך מזכיר זיין און געגעבן א קוויטל פארן ברודער רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, און דער הייליגער ברודער משינאווא האט געזאגט, **אז דער ברודער איז דער צדיק הדור, און אז ער לערנט תורה לשמה**, און אויך איז ער געקומען צום ברודער כדי צו מקיים זיין דעם מאמר חז"ל (אבות א' ו') **עֲשֵׂה לְךָ רַב**, און דערפאר איז ער יעדעס יאר געפארן צום ברודער.

רוב צדיקים וקדושים בדורו האבן גאר שטארק מכבד געווען און געהאלטן עולמות פון דעם צדיק וקדוש און גערעדט בשבחו, ובתוכם קען מען זעהן וואס דער הייליגער צדיק **רבי יחזקאל פאנעט בעל כנסת יחזקאל מדעעש** זי"ע שרייבט אין זיין ספר איבער די הסתלקות פון דעם צדיק בזה"ל,

**"וקודם ראש השנה נסתלק מאיתנו הה"ק מקאשנוב ז"ל בן רבינו הק' מצאנז זי"ע, אשר לא נחסר לו משה טובה מכל המידות הטובות אשר יוכל האדם להגיע אליהן, ונודע לאיש מופת, והעולם אמרו עליו, שלמד י"ח שעות במעת לעת"**, אז דער הייליגער צדיק רבי דוד'ל האט פארמאגט יעדע מידה טובה וואס א איד האט געקענט צו דעם צו קומען, און ער איז געווען א איש מופת עצום, און געלערנט תורה 18 שעה א טאג.

דער צדיק רבי דוד'ל איז געווען א תלמיד מובהק פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע, וואס האט שטארק מפליא געווען די גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה פון זיין גרויסן זוהן, אויך איז ער געווען א תלמיד פון הרה"ק **רבי צבי הירש מרימנוב** זי"ע און איז

אסאך געפארן קיין רימנוב זיך מסתופף זיין בצלו פונעם צדיק הדור רבי הערשעלע מרימנוב זי"ע, אויך פלעגט זיך דער צדיק רבי דוד'ל אסאך מסתופף זיין בצלו פונעם צדיק **רבי ישכר בער הסבא קדישא מראדושיץ** זי"ע.

נאך פון זיין יוגענט אן האט זיך דער צדיק רבי דוד'ל געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה ופרישות, **ער האט כל ימי חייו נישט געטרינקען קיין קאווע אדער טיי מיט צוקער**, צוליב א מעשה וואס ער האט געהאט אלס קליין קינד ביים טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע.

איין טאג ווען ער איז נאך געווען א קליין יונגל, און מען האט אים געגעבן א קאווע צו טרינקען, האט ער געבעטן אז מען זאל אים געבן א צוקער פאר די קאווע, ווען זיין הייליגע טאטע האט דאס געהערט, האט ער געפרעגט זיין יונגל, "**דוד'ל, וואס מיינסטו, מען קען נישט טרינקען אן צוקער**", פון דעמאלט אן האט דער צדיק רבי דוד'ל זיין גאנץ לעבן נישט געטרינקען קיין קאווע אדער טיי מיט צוקער.

אויך דערציילט מען, אז אויף די עלטערע יארן איז דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע זייער נישט געזונט געווארן, און די דאקטורים האבן נישט געוויסט וואס דאס איז, ביז מען איז געוואר געווארן די סיבה, אז דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן נישט געוואלט הנאה האבן פון דאס עסן, **דערפאר האט ער קיינמאל נישט צוקייעט דאס עסן, נאר ער האט אראפגעשלינגען דאס עסן גאנצערהייט**,

אבער דאן אויף די עלטערע יארן האט דאס אייניקל הרה"ק רבי אהרן אב"ד ביאלא-בילית זי"ע הי"ד גע'פועל'ט ביים זיידן, אז צוליב זיין מצב הבריאות זאל ער יא צוקייען דאס עסן, און דאן איז דער צדיק געזונט געווארן.

בזיווג ראשון האט דער צדיק חתונה געהאט מיט
**הרבנית הצדקת מרת עכסה גיטל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי יוסף זאב מטארניגראד** זי"ע,
מצאצאי **האר"י הקדוש** זי"ע,
און פון דעם זיווג האט דער צדיק געהאט צוויי זוהן.

בזיווג שני האט דער צדיק חתונה געהאט מיט
**הרבנית הצדקת מרת לאה זיסל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יצחק זאב** זי"ע,
נכד הגה"ק **רבי דוב בעריש גוטליב בעל היד הקטנה משינאווא** זי"ע.

בשנת תרי"א האט מען דעם צדיק רבי דוד'ל אויף גענומען אלס **אב"ד קשאנוב** וואס איז אין גאליציע, אבער דער צדיק האט בשום אופן נישט געוואלט פירן קיין רבנות, וויבאלד ער איז געווען באמת א עניו מאוד און בכלל נישט געהאלטן אז ער איז ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, און דערפאר האט ער בחייו פונעם טאטן נישט געפירט קיין רבנות, אבער מיט דעם אלעם האבן זיך טויזענטער אידן מדבק געווען אין דעם צדיק און זענען געקומען זעהן זיין עבודת הקודש.

ערשט בשנת תרל"ו ווען זיין הייליגע טאטע דער דברי חיים מצאנז זי"ע איז נסתלק געווארן, האט דער צדיק בלית ברירה אנגעהויבן פירן רבנות, דאן האבן זיך אסאך פונעם טאטן'ס חסידים מדבק געווען מיט א געוואלדיגע קשר צום הייליגען זוהן רבי דוד מקשאנוב זי"ע, טויזענטער אידן זענען געקומען צום צדיק פאר א דרך אין עבודת השם און פאר א ברכה וישועה, הונדערטער מעשיות האבן אידן דערציילט פון גרויסע מופתים און ישועות וואס מען האט גע'פועל'ט ביי דעם צדיק וקדוש.

דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע התמדת התורה, דאס איז געווען חוץ פון זיין געוואלדיגע קדושה ופרישות מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט, דער צדיק האט אויס געניצט יעדע רגע פון זיין לעבן אויף תורה ועבודת השם, ווי עס וואלט געווען א אוצר נפלא.

די תלמידים האבן מעיד געווען, אז ווען דער צדיק רבי דוד'ל האט געלערנט, איז דאס געווען מיט א געוואלדיגע ברען, מיט די רמ"ח אברים און מיט א מוראדיגע יגיעת התורה, אז דער צדיק האט ממש געשוויצט ביים לערנען, דער צדיק איז אפילו ביי די אייגענע שמחות נאר געקומען, ווען מען האט אים געלאזט וויסן, אז דער חתן איז גרייט צו גיין צום חופה, כדי ער זאל נישט פארלירן קיין צייט פון לערנען די הייליגע תורה.

זיין גרויסע טאטע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע האט גאר שטארק משבח געווען דעם גדלות בתורה און קדושה פונעם זוהן רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, ווי זיין טאטע שרייבט בזה"ל, "**בני הרב הגאון הגדול מה"ר דוד נ"י אבד"ק קרשאנוב, והוא תלמיד חכם גדול וראוי לסמוך עליו**", אויך שרייבט דער טאטע אויף א אנדערע פלאץ בזה"ל, "**בני ידידי חביבי הרב המאור הגדול החריף ובקי החסיד המפורסם ירא ד'**".

אויך ווערט געברענגט, אז דער צדיק רבי דוד'ל מקשנוב זי"ע האט באקומען א ברכה פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע.

**א) אידן זאלן ביי דיר געהאלפן ווערן.**

**ב) אבער די ישועה זאל נישט תיכף קומען, כדי מען זאל עס נישט באמערקן.**

**ג) און אויב מען וועט יא וויסן פון א מופת, זאל עס פארגעסן ווערן.**

און אידן האבן דערציילט שפעטער, אז גאר אסאך מאל ווען מען איז געקומען צום צדיק פאר א ברכה און ישועה, האט דער צדיק געוואונטשן א ישועה, אבער מען האט געמוזט האלטן דעם מופת בסוד.

הרה"ק רבי אברהם בעל מגן אברהם המגיד מטריסק זי"ע האט גאר שטארק מפליא געווען די גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה פונעם צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, איינמאל האט זיך דער הייליגער טריסקער מגיד זי"ע אויס געדריקט בזה"ל, "**איך האב עפעס געקענט אלטע צדיקים, אזוי מען זאל האבן אויף זיך דעם "צלם אלקים" אינגאנצן אזוי ווי מען האט אים איבערגעגעבן, איז דער צאנזער רב זוהן ר' דוד'ל, ער האט געהאט דעם גאנצן צלם אלקים**".

ווי עס איז באוויסט האט זיך דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע אסאך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור, ער איז געווען שטארק מקושר צום צדיק וקדוש **רבי אשר'ל מרופשיץ** זי"ע, איינמאל ווען ער איז געווען ביים הייליגען ראפשיצער רב זי"ע, האט ער זיך שטארק אפגערעדט צום ראפשיצער רב, "**יעדעם וויל מען העלפן, אבער נישט יעדעם קען מען העלפן**", האט ער דאן באקומען א ברכה פונעם הייליגען ראפשיצער רב זי"ע בזה"ל, "**די זאלסט נישט האבן אסאך חסידים**", און דאס איז געווען א שטארקע ברכה פארן צדיק, ווייל ער האט באמת נישט געברויכט קיין חסידים, ווייל דער צדיק האט יעדע רגע געוואלט נאר מקדיש זיין פאר תורה ועבודת השם.

הגה"ק רבי פנחס הורוויץ בעל פתחא זוטא מקאסוב זי"ע האט דערציילט, אז אמאל איז ער געפארן צוזאמען מיטן רבין'ס ברודער הרה"ק רבי ברוך מגארליץ זי"ע אויף א שבת קיין קשאנוב זיך מסתופף זיין ביי זיין עלטערע ברודער רבי דוד'ל זי"ע, און די מקורבים פינעם הייליגען גארליצער רב האבן זייער געוואלט זעהן ווי אזוי דער ברודער רבי דוד'ל רעכט אפ דעם ליל שישי.

האבן זיי זיך געשטעלט ביים פענסטער פין זיין שטוב, כדי מען זאל אים ח"ו נישט שטערן פון לערנען, האבן די מקורבים געזאגט, **אז לויט זייער השרה האט דער צדיק עוסק געווען בתורה גאנצע 20 שעה אין א מעת לעת**.

הגה"ק רבי הערשעלע מרודניק זי"ע האט דערציילט, אז דער הייליגער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט גדענקט **בעל פה יעדע רש"י פון תנ"ך און פון ש"ס מיטן לשון**, אלע גדולים וגאונים בדורו האבן זיך גערעכנט מיט זיין דעה בהלכה, ווי מען קען זעהן וואס דער צדיק רבי הערשעלע שרייבט בזה"ל, "**החריף ובקי בכל חדרי תורה הצדיק בנש"ק**", אויך אין זיין הסכמה אויפן ספר דרכי דוד שרייבט דער צדיק בזה"ל, "**הגה"ק הכנף רננה זצ"ל שמתארהו הרב הגאון הגדול המפורסם בתורתו ובצדקתו וחסידתו ורב ענוותנותו, נר ישראל, עמוד הימיני, פטיש החזק, קדוש ד' מכובד צדיק יסוד עולם**".

ווי באוויסט האט דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע כמעט נישט נהנה געווען פון די וועלט, דער צדיק האט כמעט נישט געגעסן נאר טועם געווען און אסאך טעג האט ער דאס אויך נישט געטון, און אויף די עלטערע יאר זענען די מקורבים געוואר געווארן, אז דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן אראפ געשלינגען זיין עסן אן דאס צוקייען, כדי ער זאל נישט הנאה האבן פונעם עסן, נאר שפעטער האט א אייניקל שוואר גע'פועל'ט

ביים זיידן, אז ער זאל אויפהערן מיט דעם מנהג וויבאלד דאס שאדט פאר זיין געזונט.

ביים זיך צו לייגן ביינאכט האט דער צדיק געהאט א מנהג קדוש, אז ווען ער האט זיך געהאט אויפגעכאפט פון שלאף צוליב א גרודער אדער סיי וואס, איז ער תיכף אויפגעשטאנען, אפילו עס איז געווען א גאר קורצע צייט פון ווען ער האט זיך געלייגט, און ער האט זיך תיכף געזעצט לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה ביז אינדערפרי, און נאכדעם האט דער צדיק אפ געראכטן זיין עבודת הקודש ביים דאווענען מיט א אש קודש, אז מען האט בכלל נישט געזעהן אויפן צדיק אז ער איז נישט געשלאפן ביינאכט.

דער צדיק האט געלעבט א גאר פשוטע לעבן ער האט באמת נישט געברויכט גארנישט פאר זיך, ער האט זיך באגניגט מיט גאר ווייניג, אבער פאר צדקה וחסד האט דער צדיק זיך מוסר נפש געווען אויפן דרך פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער דברי חיים.

און עס ווערט געברענגט אין ספר ארזי הלבנון, אז הרה"ח ר' אלימלך אלעזר ארנברג ע"ה האט דערציילט, אז אין אמעריקע האט ער אמאל געטראפן איינע וואס איז אמאל געווען אין קור ארט וויסאווא וואס איז נעבן קשאנוב, האט זי געזעהן איין נאכט צווישן די שפאלטן פונעם הויז, ווי דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע **האט זיך געברענט די הענט אין פייער אזוי ווי זיין גרויסן טאטן, אבער האט דאס אייביג באהאלטן פון יעדן איינעם**.

ער האט מחנך געווען די קינדער אין שטוב, אז מען זאל זיך אפ האלטן פון לעבן א לעבן פון מותרות, אמאל איז דער צדיק אריבער ביים שוחט, און האט געהערט ווי איינע פון די קינדער זאגן אויף א מאכל, **אז ער האט דאס נישט ליב, האט דער צדיק געהייסן, אז מען זאל די גאנצע וואך געבן דעם מאכל, כדי מען זאל דעם קינד צו געוואוינען, אז א מאכל ברויך מען נישט ליב האבן, ווייל דאס עסן איז נאר אן עבודה צו קענען מיט דעם דינען דעם גרויסן באשעפער, און א איד טאר נישט קלויבן וועלכע עסן ער האט ליב**.

דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט געהאט אן גאר אינטערסאנטע מנהג, אז ער פלעגט טיילן פאר די קינדערלעך **א צוקער'ל בעפארן דאווענען**, ווייל חז"ל זאגן (בבא בתרא דך י') **ר' אליעזר יהיב פרוטה לעני והדר מצליה, אז דער תנא ר' אליעזר האט געגעבן א פרוטה פאר א ארימאן, און דערנאך האט ער געדאווענט, און ווער איז נאך אזא גרויסער ארימאן ווי קינדער ווען עס קומט צו א צוקער'ל**.

דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט געהאט א גרויסע עבודה **מיטן דערציילט סיפורי צדיקים פון די צדיקים הקודמים און זייערע מנהגים**, און הרה"ק רבי לייבוש בעל אמרי יהודה מברעזאן זי"ע פלעגט כסדר זאגן בשם דעם צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, "**ווען א איד הערט ווי אידן דערציילן סיפורי צדיקים, איז כדי צו מאכן א קנייטש אין די גמרא, און גיין הערן וואס זיי דערציילן**".

ער האט איבער געלאזט זיינע הייליגע קינדער.

בנו, הרה"ק **רבי יוסף זאב דומ"ץ קשאנוב** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי מנחם מענדל רובין מגלאגוב** זי"ע, בן הרה"ק **רבי אשר בעל אור ישע מרופשיץ** זי"ע),

בנו, הרה"ק **רבי ארי' לייבוש אב"ד דוקלא** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי אביגדור אב"ד דוקלא** זי"ע, אחיו של **הדברי חיים מצאנז** זי"ע, וזקינו של הרה"ק **רבי חנה מקאלשיץ** זי"ע),

בנו, הרה"ק **רבי משה מקשאנוב** זי"ע, (זיווג ראשון חתן הרה"ק **רבי ישראל אלימלך אב"ד זאבנא** זי"ע, בן הרה"ק **רבי יוסף מדאמבראווא** זי"ע, בזיווג שני חתן הרה"ק **רבי מרדכי שניאור זלמן אב"ד זיטאמיר** זי"ע),

בנו, הרה"ק **רבי נפתלי מקשאנוב** זי"ע, (בזיווג ראשון חתן הרה"ק רבי **אברהם יהושע העשיל קצנלבויגן אב"ד טלוסט** זי"ע, בזיווג שני חתן הרה"ק **רבי משה האגער מראדאוויץ** זי"ע),

בתו, **הרבנית הצדקת מרת בריינדל** ע"ה, (אשת הרה"ק **רבי אלעזר וייסבלום הנקרא ר' אלעזר ריישער** זי"ע),

בתו, **הרבנית הצדקת מרת מרים** ע"ה, (אשת הרה"ק **רבי יחיאל הורוויץ אב"ד פאקשאוויץ** זי"ע, בן הרה"ק **בעל אמרי נועם מדז'יקוב** זי"ע),

בתו, **הרבנית הצדקת מרת הינדא** ע"ה, (אשת הרה"ק **רבי משה יוסף טייטלבוים אב"ד אוהעל** זי"ע),

בתו, **הרבנית הצדקת מרת נחמה** ע"ה, (אשת הרה"ק **רבי שלום שפירא מפשיטיק** זי"ע, נכד הרה"ק **השרף ממאגלניצא** זי"ע),
בתו, **הרבנית הצדקת מרת שרה גיטל** ע"ה, (אשת הרה"ק **רבי שמעון אלטר תאומים אב"ד פאדגורזש** זי"ע, נכד הגה"ק **בעל ברוך טעם** זי"ע).

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ה אלול בשנת תקנ"ד**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קשאנוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**הגה"ק רבי יעקב גראנער מקשאנוב זי"ע האט דערציילט**, אז ער האט געלערנט בחברותא מיטן צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, איין טאג האט ער געבעטען פונעם צדיק רבי דוד'ל זי"ע, אז ער וויל האבן א זכי' **צו זעהן אליהו הנביא ז"ל**, האט אים דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע מבטיח געווען, אז ווען עס וועט קומען די ריכטיגע צייט וועט ער אים ווייזן אליהו הנביא, אבער דער צדיק האט צו געלייגט בזה"ל, "**זאלסט זיין א בר שכל**".

איין מוצש"ק האט אים דער צדיק רבי דוד'ל גערופן, אז ער זאל קומען מיט אים שפאצירן אויסער די שטאט צו שעפן פרישע ליפט, פלוצלונג איז זיי קעגן געקומען א שיינעם וואגן, און פון דארט איז אראפ געקומען א מענטש שיין געקליידעט, און דער מענטש איז צו געגאנגען צום צדיק רבי דוד'ל און געשמיעסט מיטן צדיק.

דאן האט זיך דער רבי יעקב זי"ע דערמאנט, וואס די רבי האט אים נישט לאנג צוריק געזאגט, איז ער צו געגאנגען צום מענטש און געגעבן **שלום עליכם**, און דער מענטש האט אים צוריק געזאגט **עליכם השלום**, און פלוצלונג איז דער מענטש נעלם געווארן, דאן האט דער צדיק רבי דוד'ל געזאגט, **יעצט בוסטו אויך צווישן די אויף וועם עס שטייט די פסוק, אַשְׁרֵי מִי שֶׁנָּתַן לוֹ שָׁלוֹם, וְהֶחֱזִיר לוֹ שָׁלוֹם, ובסוד קדושים מי יעמוד.**

• • •

**הרה"ק רבי משולם פייש בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע האט דערציילט**, אז גאנץ אנפאנג ווען דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע איז געווארן רב אין שטאט קשאנוב, האט אויס געבראכן א שרעקליכע מחלוקה צווישן די צאנז חסידים און די חסידים פונעם הייליגען תפארת שלמה מראדומסק, און דאס האט ליידער גורם געווען גרויסע חלישות הדעת און צער פארן צדיק רבי דוד'ל.

ווען זיין טאטע דער הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע איז געוואר געווארן פון די מחלוקת, האט ער זיך מתבונן געווען פארוואס עס קומט אזויפיל צער פאר זיין הייליגען זוהן רבי דוד'ל, און נאכדעם וואס ער האט זיך מתבונן געווען, האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געזאגט, אז די צער פארן זוהן קומט, **ווייל ער דער דברי חיים האט זיך מתייחס געווען נאכען גרויסן גאון וקדוש רבי צבי אשכנזי בעל שו"ת חכם צבי זי"ע, און דעם נאמען דוד האט דער זוהן געטראגן נאכן זיידן דער זוהן פונעם חכם צבי הגה"ק רבי דוד זי"ע**.

און וויבאלד דער רבי דוד איז געווען רב אין שטאט **יארטשוב** וואס איז דאן געווען א קליינעם שטאט, אבער עס איז געווען א עיר ואם בישראל, וויבאלד די צדיקי הדור האבן דעם שטאט שטארק ליב געהאט, ווייל די נאמען פונעם שטאט האט מען געזאגט "**יראה תשובה**", און דערפאר האבן זיך דארט אין שטאט באזעצט אסאך גדולים און גאונים בתורה.

דארט אין שטאט האט דער רבי דוד נישט געדינט אלס דער שטאט'ס רב, נאר א אנדערע גאון האט געדינט אלס רב, און יענער רב פלעגט זיך כסדר מפלפל זיין בתורה מיט דעם גאון רבי דוד, און וויבאלד דער רבי דוד איז געווען א גרעסערע גאון ווי יענער רב, האט דער רב געהאט א גרויסע קפידה אויף רבי דוד, און דערפאר וויבאלד דער זוהן רבי דוד'ל מקשאנוב טראגט דעם נאמען פונעם זיידן,ליידט ער אויך אסאך עגמת נפש און חלישות הדעת פון די אלע מחלוקת, דערפאר האט דער טאטע דער הייליגער דברי חיים זי"ע געהייסן פארן זוהן רבי דוד'ל, אז ער זאל אריבער פארן צום שטאט **יאריטשוב**, און זאל ארויף גיין צום ציון פין יענעם רב און בעטן מחילה.

לפלא ווען דער זוהן רבי דוד'ל איז צוריק געקומען פון די נסיעה, איז אנגעקומען א

טעלעגראם קיין צאנז, אז דער צדיק דער הייליגער תפארת שלמה מרדומסק זי"ע האט מודיע געווען, אז ער וועט קומען מיט א גרויסע קבוצה פון זיינע חסידים אויפן יו"ט שבועות קיין צאנז, כדי צו אויס גלייכן די מחלוקה פון זיינע חסידים אין שטאט קשאנוב, און טאקע נאך דעם יו"ט האט זיך אפ געשטעלט די מחלוקת און מען האט געלאזט דעם צדיק רבי דוד'ל במנוחה.

• • •

**ווי באקאנט איז דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע** געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, אבער דער צדיק האט כסדר פראבירט צו באהאלטן זיינע מופתים כדי קיינער זאל נישט באמערקן זיין כוח, ער פלעגט כסדר געבן סגולות פאר אידן, אזוי האט מען געמיינט אז די ישועה איז געקומען דורך די סגולה.

איינמאל איז א איד א חולה געקומען צום צדיק, און ער האט זיך אויס גערעדט, אז די דאקטורים ווייסן שוין נישט ווי אזוי מען זאל אים העלפן מיט זיין מחלה, האט דער צדיק געהייסן פארן איד, **אז ער זאל זיכן א מין גראז, און פון דעם וועט ער האבן א רפואה,** כך הוה נאכדעם וואס דער איד האט גענומען דעם גראז, האט ער געהאט א רפואה.

• • •

**אין ספר רבינו הקדוש מצאנז ווערט געברענגט,** אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי ארון מקראקא זי"ע דער זוהן פונעם הייליגען מאור ושמש זי"ע געווען אויף די עלטער אין שטאט קשאנוב אויף א שבת קודש, שבת ביינאכט האט דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע געמאכט קידוש, דערנאך האט מען געגעבן פארן צדיק רבי ארון א כוס אז ער זאל אויך קידוש מאכן.

אבער דאן האט דער צדיק רבי ארון מקראקא זי"ע געזאגט פאר די חסידים, הערט וואס איך זאג אייך, איך האב זוכה געווען צו זיין אין לובלין און צו קענען אסאך צדיקי הדור, אלע מעלות וואס איך האב געזעהן ביי די צדיקים, און אפילו אסאך מער ווי דעם האב איך געזען ביים הייליגען דברי חיים מצאנז זי"ע, יעצט אויף די עלטערע יארן האב איך שוין נישט קיין כוח ארום צו פארן צי די צדיקי הדור וואס וואוינען ווייט אוועק, דערפאר בין איך געקומען אהער קיין קשאנוב וואס איז נאנט צו קראקא, אבער איך זאג אייך, **דער צדיק רבי דוד איז באמת א רבי**, און דער צדיק רבי ארון מקראקא זי"ע האט שוין נישט געוואלט אליין קידוש מאכן.

• • •

**צו אביסל זעהן די הייליגע אויגן וואס דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט פארמאגט,** ווערט דערציילט, אז איינמאל איז דער צדיק געזעצן צוזאמען מיט זיין גרויסן בדורער דער הייליגער שינאווא רב זי"ע אין א וואגן, איז א איד צו געקומען און געגעבן א קוויטל מיט א פדיון פארן צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, אבער גלייך האט דער צדיק צוריק געגעבן דאס געלט פאר דעם איד זאגענדיג, **"דאס בלאנגט נישט פאר מיר"**.

דאן האט מען געזעהן דעם רוח הקודש פונעם צדיק, ווייל דער איד האט געהערט, אז דעם הייליגען צאנזער רב'ס זוהן קומט, אבער באמת האט ער געוואלט געבן דעם קוויטל און פדיון פארן שינאווא רב, אבער אזוי ווי ער האט קיינמאל נישט געזעהן דעם שינאווא רב, האט ער געמיינט אז רבי דוד'ל איז דאס, **אבער דער צדיק האט גלייך מרגיש געווען אז דאס געלט באלאנגט נישט צו אים**.

• • •

**דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע** איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע **מידת האמת,** איינמאל איז די משפחה געפארן צו א חתונה אין א ווייטע שטאט, און איינע פון די יונגע אייניקלעך האבן זייער געוואלט מיט פארן צו די חתונה, אבער וויבאלד די וועג איז געווען א שווערע האבן די עלטערן נישט געוואלט מיט נעמען דעם קינד, האבן די עלטערן געגעבן פארן קינד א תנאי, אז אויב ביז מען פארט צום חתונה, **וועט ער מסיים זיין א מסכת און דאס קענען גוט בעל פה, וועט מען אים מיט נעמען**, און די עלטערן וויסענדיג אז דאס איז כמעט אומעגליך צו באווייזן, וועלן זיי זיך מיט דעם קענען ארויס דרייען פון מיט נעמען דעם קינד.

אבער דער קינד האט זייער געוואלט מיט פארן, האט ער זיך אריין געלייגט מיט א געוואלדיגע התמדה, און האט טאקע באוויזן צו דורך לערנען א גאנצע מסכת און זיך פארהערט בעל פה, אבער די עלטערן האבן געוויסט אז די וועג איז גאר א שווערע, האבן זיי ווייטער פראבירט צו משפיע זיין אויפן קינד אז ער זאל נישט מיט קומען צו די חתונה, אבער ווען דער

זיידע דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע האט דאס געהערט, האט ער געזאגט פאר די עלטערן, **מען זאל מאכן זיכער מיט צו נעמען דעם קינד, ווייל מען ברויך מחנך זיין א קינד מיטן מידת האמת, וואס דאס איז די גרעסטע מידה אין די וועלט, און דאס איז די בעסטע חינוך וואס מען קען געבן פאר א קינד.**

• • •

**עס האט פאסירט אין די צייטן ווען עס האט ליידער געהערשט די מחלוקה אין שטאט קשאנוב** צווישן דעם צדיק רבי דוד'ל און די חסידים פון ראדומסק, האט איינמאל דער צדיק זיך מפלפל געווען אין א שווערע הלכה מיט זיין גרויסן איידעם הגה"ק **רבי משה יוסף מאוהעל** זי"ע, און פון גרויס דביקות און התמדת התורה האט דער צדיק רבי דוד'ל ארויס באגלייט זיין איידעם פון שטוב, און ער האט נישט געכאפט אז ער איז געגאנגען **אן זיין בעקיטשע און הוט**.

דארט איז דורך געגאנגען צוויי פון די מתנגדים, און זעענדיג דעם רב פון שטאט גיין אן די בעקיטשע און הוט אויפן גאס, האט איין חבר זיך אויס געדריקט פארן אנדערן חבר מיט א שווער לשון אויפן צדיק רבי דוד'ל, "**קוקט אויפן רב ווי ער גייט אויפן גאס ווי חסר דעה**".

ווען די ווערטער זענען אנגעקומען צום אויער פונעם צדיק רבי דוד'ל, האט ער געזאגט בזה"ל, "**ראוי כינוי זה למי שאמרו**", זאגענדיג, אז דער כינוי וואס דער איד האט געזאגט, איז ראוי פאר דעם וואס האט דאס געזאגט, ליידער איז מקיים געווארן די פסוק (ישעיהו נ"ה י"א) **דְבָרִי אֲשֶׁר יֵצֵא מִפִּי לֹא יָשׁוּב אֵלַי רֵיקָם, און דער איד איז ליידער פון דאן פאר זיין גאנץ לעבן געווען א שוטה און נישט קיין געזונטע מענטש**.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק וקדוש רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע געפארן צום מרחץ, אויפן וועג איז ער דורך געפארן דעם שטאט סיגוט, און דער מחותן דער הייליגער ייטב לב זי"ע איז ארויס מקבל פנים זיין דעם מחותן, אזוי שטייענדיג אויפן גאס האבן די צוויי צדיקים געהערט א קול פון געוויין וואס איז געקומען פון א אידיש שטוב, ווען זיי האבן זיך נאכגעפרעגט האט מען דערציילט, **אז דארט ליגט ליידער א פרוי וואס איז קראנק מיט חולה נפש און דאס איז די געוויין וואס זיי הערן, און מען וויל יעצט אריין טראגן די פרוי אין שפיטאל**.

האט דער צדיק רבי דוד'ל זי"ע געזאגט פארן מחותן, דער מחותן איז זיכער נישט מסכים אז מען זאל א אידישע פרוי אריין פירן אין שפיטאל, איז דאך ראטזאם אז דער מחותן זאל זיך משתדל זיין פאר א רפואה פאר די פרוי, דער הייליגער ייטב לב האט גלייך געהייסן, אז מען זאל די פרוי לאזן אינדערהיים, און מען זאל איר שבת קודש ביינאכט ברענגען צום טיש.

ביים טיש זענען געזעצן די צוויי צדיקים דער רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע און דער הייליגער ייטב לב זי"ע, נאכדעם וואס דער הייליגער ייטב לב האט קידוש געמאכט, האט ער מכבד געווען דעם מחותן רבי דוד'ל אז ער זאל קידוש מאכן, דאן האט מען אויס געמישט די וויין פון די צוויי כוסות אין איין כוס, און מען האט געשיקט פון די שיריים פאר די פרוי, **לפלא אזוי ווי די פרוי האט געטרינקען פין די וויין, איז די פרוי אויפן פלאץ געזונט געווארן**.

• • •

**איינמאל ווען דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע** איז געווען אין מרחץ סבוסוביץ, איז מען געקומען מזכיר זיין ביים צדיק רבי דוד'ל א נאמען "**דוב בן לאה**" פאר א רפואה שלימה, דער צדיק האט גלייך געפרעגט פון די ארומיגע, אויב איינער ווייסט ווער דער דוב בן לאה איז, ווען קיינער האט נישט געוויסט צו זאגן ווער דער חולה איז, האט זיך דער צדיק אראפ געלייגט דעם קאפ אויפן טיש פאר אפאר מינוט.

דאן הייבט דער צדיק אויף זיין קאפ און זאגט, דער דוב בן לאה איז בעריש ר' יעקב'ס דער שערער פון שטאט קשאנוב, און דער צדיק פרעגט פון די חסידים, אויב איינער האט עפעס גוטס צו זאגן אויף דעם ר' בעריש, אז מען ברויך אים נאך האבן אויף די וועלט.

האט איינע פון די חסידים געזאגט, **אז ער שערט דאך דעם עולם מיט א נאמנות און דער עולם האט זייער הנאה פון אים**, דאן האט דער צדיק טאקע געגעבן א ברכה, אז ער זאל בקרוב האבן א רפואה שלימה, ווען מען איז צוריק געקומען קיין

קשאנוב, האט מען נאך געטראפן דעם ר׳ בעריש אין א מצב סכנה, אבער נישט לאנג נאכדעם איז ער געזונט געווארן און נאך געלעבט 15 יאר.

• • •

**א פרוי וואס האט ליידער געהאט א קראנקן פוס ל״ע** איז געווען ביי גרויסע דאקטורים זיך אונטער זיכן, און זיי האבן אלע געהייסן פאר די פרוי, אז זי זאל פארן צו דעם גרויסן פראפעסאר אין שטאט קראקא, אבער ווען זי האט פראבירט צו אנקומען צום גרויסן פראפעסאר, האט מען איר געזאגט, אז עס איז זייער שווער צו קענען אנקומען צו דעם פראפעסאר, האט זי געבעטן פון די צדקת מרת שרה גיטל ע״ה אשת רבי שמעון אלטר תאומים זי״ע, א טאכטער פונעם צדיק רבי דוד׳ל מקשאנוב זי״ע, אז זי זאל זעהן אויב זי קען העלפן באקומען אן אפוינטמענט ביים גרויסן פראפעסאר.

זי איז טאקע אנגעקומען צום גרויסן פראפעסאר, און די צדקת מרת שרה גיטל ע״ה האט איר באגלייט, אבער ווען די דאקטאר האט אונטער זיכט די פרוי האט ער באשטעטיגט, אז זי ליידט רח״ל אויף א שווערע צוקער קראנקהייט, און די איינציגסטע וועג צו ראטעווען די פרוי, **איז רח״ל צו אראפ נעמען די פוס**, ווייל איר לעבן איז ח״ו איינגעשטעלט אויב מען טוט דאס נישט, און די דאקטאר האט באשטימט א טאג ווען מען זאל מאכן די אפעראציע.

עס איז פאר די פרוי פינסטער געווארן פאר די אויגן אז זי גייט ח״ו פארלירן איר פוס, האט די רעבעצין די צדקת מרת שרה גיטל ע״ה גענומען די פרוי צו איר הייליגען טאטן רבי דוד׳ל מקשאנוב זי״ע, און די פרוי האט אויס געבראכן אין א ביטער געוויין אויף איר ביטערע צרה, און זי האט געבעטן דעם רבין אז ער זאל איר אנוואונטשן א רפואה שלימה.

האט דער צדיק רבי דוד׳ל מקשאנוב זי״ע געהייסן זיין טאכטער, **אז זי זאל נעמען פון זיין כוס של ברכה און אנשמירן די פוס פון די פרוי, און זי וועט בעזהשי״ת האבן א רפואה שלימה**, מען האט טאקע אן געשמירט די כוס של ברכה אויף די פוס פון די פרוי, און לפלא איז די פוס גלייך אויס געהיילט געווארן, און ווען די פרוי איז צוריק געגאנגען צום גרויסן דאקטאר נאך עטליכע טעג, האט דער דאקטאר באוואונדערט דעם גרויסן נס וואס השי״ת האט מיט איר געמאכט, און דער דאקטאר האט גאר שטארק מפליא געווען דעם רבין׳ס כוח, און עס איז ארויס געקומען א גרויסע קידוש השם.

• • •

**ביי איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק רבי דוד׳ל מקשאנוב זי״ע** האט פאסירט א גרויסע אומגליק ל״ע, אז זיין טאכטער איז פארשוואונדן געווארן פון שטוב און ער האט נישט געוויסט ווי זי איז אהין געקומען, איז דער חסיד גלייך אריבער געפארן צו זיין רבין רבי דוד׳ל מקשאנוב זי״ע, און מיט קולות האט ער געוויינט צו זיין רבין, אז ער זאל אים פועל׳ן א ישועה און זיין טאכטער זאל צוריק אהיים קומען.

זאגט אים דער צדיק רבי דוד׳ל זי״ע, דער גלח פונעם דארף פלאזע איז דאך דיינס א גוטע פריינט, ווייל זיי פלעגן טון אסאך געשעפטן צוזאמען, **זאלסט תיכף אריבער גיין צו אים און פארלאנגען, אז ער זאל דיר צוריק געבן דיין טאכטער**, דער חסיד איז געשטאנען דארט אויפן פלאץ פארוואונדערט און נישט פארשטאנען וואס דא קומט פאר, אבער זיין רבי ר׳ דוד׳ל זאגט אים, **וואס שטייסטו דא, הייב פוס און גיי קיין פלאזע**.

דער חסיד מיט זיין גרויס אמונת צדיקים איז גלייך אריבער געפארן קיין פלאזע, און אזוי ווי ער קומט אריין צום שטוב פונעם גלח, הייבט ער זיך אן בעטן מיט טרערן אז ער זאל אים צוריק געבן זיין טאכטער, אבער דער גלח האלט זיך ביי זיינס, אז ער ווייסט נישט וואס ער וויל פון אים ווייל ער האט נישט זיין טאכטער, דער טאטע פון גרויס ביטערניש און צובראכענקייט האט ער געגעבן א קלאפ אויף דעם קליידער שאנק, **און פלוצלונג מאכט זיך אויף דעם טיר, און ער זעהט דארט זיין טאכטער ווי זי שטייט דארט מיט פחד באהאלטן**, פארשטייט זיך אז ער האט גלייך אהיים גענומען זיין טאכטער און גדאנקט דעם באשעפער אויף די שנעלע ישועה.

• • •

**אין שטאט קשאנוב האט געוואוינט א סוחר** וואס פלעגט כסדר נעמען געלט פון מענטשן, און ער פלעגט פארן אויף מוסחר צו קויפן סחורה, און

דאן האט ער צוריק געצאלט דאס געלט פאר די אידן, אמאל ווען ער איז געווען אויפן באן אויפן וועג צום מארק, האט דער סוחר געהאט אנגעבארגט געלט פון אידן פון שטאט קשאנוב, אויפן באן איז ארויף געקומען איינע פון די שוחטים פונעם קשאנובער געגנט, און ער גייט צו צום סוחר און זאגט אים, איך ווייס אז די האסט ביי דיר אסאך געלט, איך וועל דיך הרג'ענען ר"ל מיט מיין שוחט מעסער, און צו נעמען דאס גאנצע געלט פאר מיר.

זאגט אים דער סוחר, איך געב דיר אהין דאס גאנצע געלט, איז פארוואס ברויכסטו מיך הרג'ענען, זאגט אים דער שוחט, איך האב דאך מורא אז די וועסט נאך גיין דערציילן וואס איך האב געטון און אז איך האב דיך געוואלט הרג'ענען, זאגט אים דער סוחר, איך זאג דיר צו אז איך וועל קיינעם נישט דערציילן דערוועגן, האט דער שוחט געזאגט, אויב בוסטו מסכים מיר צו געבן א שבועה דאורייתא אז די וועסט קיינעם נישט דערציילן, וועל איך דיך לאזן לעבן, און בלית ברירה האט דער סוחר געגעבן א שבועה פארן שוחט און ער האט אים געלאזט לעבן.

דער סוחר איז שוין נישט געפארן צום מארק, וויבאלד ער האט דאך סיי ווי נישט געהאט דאס געלט פאר געשעפטן, ווען ער איז צוריק אהיים געקומען איז ער געווען פול מיט שרעק, סיי פונעם גנב, אבער אויך פון די אלע אידן וואס האבן אים געגעבן געלט, פארשטייט זיך אז די אידן האבן אים געמיטשעט אז ער זאל זיי דערציילן וואס האט פאסירט מיט די געלט, אבער דער איד האט מורא געהאט צו רעדן אפילו א ווארט.

ווען מען האט דערציילט די גאנצע מעשה פארן צדיק וקדוש רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע, האט דער צדיק געלאזט רופן דעם סוחר און געבעטן, אז ער זאל אים דערציילן די מעשה, האט דער סוחר געזאגט, אז ער האט דאך געגעבן א שבועה דאורייתא אז ער וועט קיינעם נישט דערציילן, און דערפאר ווייסט ער נישט וואס צו טון, האט דער צדיק געזאגט, **די שבועה איז געווען אז די וועסט נישט זאגן די נאמען ווער עס איז געווען, אבער די מעשה קענסטו א דערציילן ווייל עס איז דאך געווען א שבועת אונסין**.

האט דער סוחר דערציילט פארן רבין, די מעשה, אז א שוחט האט אים אנגעשראקן און געסראשעט מיט טויט, און דערפאר האט ער בלית ברירה געמוזט געבן דאס גאנצע געלט פארן שוחט, אבער ער האט פארן רבין נישט געזאגט דעם נאמען פונעם שוחט, און דארט אינעם אומגעגנט זענען געווען אסאך שוחטים.

דאן האט דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע געלאזט אויסרופן, אז ער פארלאנגט אז אלע שוחטים פון די גאנצע געגנט וואס זענען געווען אונטער זיין הנהגה, זאלן אלע קומען ווייזן זייער מעסער'ס פארן רב, וואס דאס איז געווען א געווענליכע פאסירונג פון צייט צו צייט, אז דער רב וויל זעהן די מעסער'ס פין די שוחטים.

אלע שוחטים זענען טאקע געקומען צום רב, און ווען דער רוצח דער שוחט איז דורך ביים רב, האט דער צדיק אנגעהויבן שרייען מיט קולות, "**דו בוסט א רוצח, זיי שוין מודה וואס די האסט געטון**", פארשטייט זיך אז דער שוחט האט גלייך מודה געווען, און דער איד האט צוריק באקומען דאס געלט, און מען האט גלייך אפגעזאגט דעם שוחט פון זיין פאזיציע.

• • •

**אין ספר עטרת דוד ווערט דערציילט**, אז א איד א קרעמער איז געקומען צום צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע מיט א ביטער געוויין, **ער האט געקויפט א גרויסע פעסל שמאלץ פאר פסח צו פארקויפן אין שטעטל**, אבער א חבר וואס איז אריינגעקומען אין קעלער האט באמערקט **א שטיקל חמץ לעבן דעם אפענעם פעסל**, און עס איז געווען א שווערער חשש אז דאס שמאלץ איז געווארן חמץ.

דער צדיק רבי דוד'ל האט זיך פארטראכט, געעפנט פארשידענע ספרי שו"ת, און נאכן מעיין זיין אין דער הלכה פסק'נט ער מיט א פשטות, "**דאס שמאלץ איז כשר למהדרין מן המהדרין, דו מעגסט דאס פארקויפן פאר אידן אויף פסח**", דער איד איז געווען פרייליך, אבער די קונים אין שטעטל האבן מורא געהאט און קיינער האט נישט געוואלט קויפן פון אים, דער איד איז צוריקגעלאפן צום רב און מיט טרערן געוויינט פארן צדיק און געזאגט, "**רבי, מען קויפט נישט ביי מיר גארנישט**".

האט דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע אנגעקוקט דעם איד און געזאגט, **"זארג נישט, גיי צוריק אין געשעפט, מען וועט די סחורה ביי דיר אפקויפן ביזן לעצטן טראפ"**, קיין פאר שעה זענען נישט אריבער, און א מחנה פון מיליטערישע זעלנער זענען אנגעקומען אין שטעטל אויף א דורכגאנג, דער קאמאנדיר האט געזוכט א גרויסע מאס שמאלץ פאר די פערד און וואגאנען, **דער קאמאנדיר איז אריינגעגאנגען גראד אין זיין קרעמל, און אפגעקויפט דאס גאנצע פעסל אויפאמאל פאר א גאר הויכע פרייז.**

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז א גבאי פונעם צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע איז אמאל געפארן אויפן וועג צו ברענגען געלט פאר פדיון שבויים און עניי ארץ ישראל, אינמיטן וואלד זענען ארויפגעשפרונגען באוואפנטע גזלנים און אים ארומגערינגלט, דער גבאי, זעענדיג אז זיין לעבן איז אין געפאר, האט אויסגעשריגן פון טיפן הארצן, **"רבי דוד בן רחל פייגא, ראטעווע מיך"**.

פלוצלונג האט דער הויפט גזלן געעפנט זיין מויל צו ארויסגעבן א באפעל פאר זיינע מענטשן ח"ו צו הרג'ענען דעם גבאי'ן, אבער עס איז נישט ארויסגעקומען קיין איין ווארט פון זיין מויל, ער איז געווארן אינגאנצן שטום און פארלאזירט, די איבעריגע רויבער זענען דערשראקן געווארן פון דעם וואונדער און זענען אלע אנטלאפן אין וואלד אריין.

ווען דער גבאי איז אנגעקומען צוריק קיין קשאנוב און אריין צום צדיק רבי דוד'ל, האט דער צדיק רבי דוד'ל אים באלד ביים שוועל אנגעקוקט מיט זיין הייליגן בליק און געזאגט, **"דו האסט געשריגן אזוי הויך, אז מ'האט געמוזט פארשטאפן יענעם דאס מויל כדי דו זאלסט בלייבן ביים לעבן"**, ויהי לפלא.

• • •

**אין סיפורי חסידי צאנז ווערט דערציילט**, אז א גרויסער נגיד וואס איז אראפ פון זיינע נכסים איז געקומען צום צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע אינגאנצען צעבראכן, צוליב וואס ער איז שולדיג א ריזיגע סומע געלט פאר א גאר שטרענגער בעל חוב וואס סטראשעט אים אריינצושליידערן אין תפיסה ביז עטליכע טעג.

דער הייליגער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט דעם נגיד געפרעגט, **"האסט שוין אמאל געטוהן א חסד פאר א איד אן קיין שום חשבונות"**, האט דער איד דערציילט, **אז יארן צוריק האט ער מוחל געווען א גרויסן חוב פאר אן אלמנה מיט יתומים ווייל ער האט רחמנות געהאט אויף זיי, און ער האט פארברענט דעם שטר חוב**, האט דער צדיק געזאגט, **"אזוי ווי דו האסט מוחל געווען און פארגעסן פונעם חוב, וועט דער באשעפער טוהן מיט דיר "מדה כנגד מדה"**.

דער נגיד איז אהיימגעפארן, און האט מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געגלייבט אז ישועה קרובה לבוא, ביים טאג פונעם באשטימטן משפט, איז דער בעל חוב געקומען צו לויפן אינגאנצן צומישט, און ער האט דערציילט, **אז א שריפה האט אויסגעבראכן אין זיין ביורא און אלע פאפירן און שטרות זענען פארברענט געווארן, און ער האט נישט געדענקט דעם פונקטליכן סכום פונעם חוב**, און אויפן פלאץ האט דער בעל חוב זיך צוגעזעצט און מסכים געווען צו א קליינעם פשרה-באצאלונג, און דער איד איז געראטעוועט געווארן פון תפיסה.

• • •

**אין ספר עטרת דוד ווערט דערציילט**, אז א איד א גרויסע חסיד פון צאנז איז געקומען צו לויפן צום הייליגן בעל דברי חיים זי"ע מיט א ביטערן הארץ, און האט דערציילט פארן הייליגן דברי חיים זי"ע, אז זיין איינציג קינד איז געפאלן אין בעט מיט א שווערע קראנקהייט, און די גרעסטע דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף זיין לעבן רח"ל.

דער הייליגער דברי חיים האט אויסגעהערט דעם חסיד, און האט אים אנגעקוקט מיט גרויס רחמנות, און דאן האט דער הייליגער דברי חיים געזאגט, **"פארוואס ביזטו געקומען צו מיר, פאר גלייך קיין קשאנוב צו מיין זון דוד'ל, זאל ער מתפלל זיין פאר דעם קינד, און ביי אים וועסטו זעהן די ישועה"**.

דער חסיד האט נישט געטראכט קיין צוויי און איז גלייך אפגעפארן קיין קשאנוב, ווען ער איז אריין צום צדיק רבי דוד'ל און איבערגעגעבן דעם טאטנ'ס שליחות, האט זיך דער הייליגער צדיק רבי דוד'ל זייער דערשראקן פון זיין טאטנ'ס עניוות,

**און ער האט געהייסן געבן דעם טאטן א שטיקל עפל פארן קינד**, און געזאגט מיט א שטילן קול, "**דער רבונו של עולם איז א רופא כל בשר, גיב דאס פארן קינד און ער וועט האבן א רפואה שלימה**", דער פאטער איז אהיימגעלאפן, אריינגעגעבן דאס שטיקל עפל אין מויל פונעם קראנקען קינד, און פונקט אין יענע מינוט האט זיך דער פיבער געבראכן, און ביז עטליכע טעג איז דאס קינד געשטאנען אויף די פיס געזונט און שטארק.

• • •

**אין ספר מאיר עיני הגולה ווערט דערציילט**, אז אמאל איז פארגעקומען א גרויסע גניבה אין שטעטל קשאנוב, ווען פון אן ארימען שמש איז פארשוואונדן געווארן א גאנצע קאפע געלט וואס איז געווען באשטימט פאר צדקה און הכנסת כלה, די גאנצע שטאט איז געווען אויפגעברויזט, אבער קיינער האט נישט געוואוסט ווער עס האט געוואגט צו טוהן אזא שלעכטע מעשה.

דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע האט געהייסן, אז יעדער איינער וואס איז יענעם טאג געווען אין ביהמ"ד זאל אריינקומען צו אים אין שטוב שלום נעמען, אלע זענען דורכגעגאנגען אין א רייע, און ווען א געוויסער מענטש איז צוגעגאנגען און אויסגעשטרעקט די האנט, האט דער צדיק רבי דוד'ל זיך אפגעשטעלט, אים אריינגעקוקט טיף אין די אויגן מיט א שארפן בליק, און געזאגט שטיל פאר יענעם אין די אויער, "**גיי גלייך אהיים, לייג צוריק דאס געלט אויפן טיש פונעם שמש, ווייל אין הימל זעהט מען אלעס**".

דער מענטש איז געווארן בלאס ווי די וואנט, ער האט אנגעהויבן ציטערן איבערן גאנצן קערפער, און עס האט אים אנגעכאפט א שרעקליכע פחד און א שרעק, און ביז א שעה איז דאס גאנצע געלט געלעגן אויפן פלאץ ביים שמש אן דעם וואס קיינער זאל וויסן ווער ס'איז געווען דער וואס האט גע'גנב'ט דאס געלט, אויסער דער צדיק מיט זיין רוח הקודש **וואס האט געראטעוועט דעם איד פון ח"ו בלייבן פארשעמט אויף דורו דורות**.

• • •

**אין סיפורי דרכי דוד ווערט דערציילט**, אז אין א ביטער קאלטן ווינטערדיגן נאכט, ווען דער שניי האט פארשאטן אלע וועגן ארום קשאנוב, איז דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב זי"ע געזעסן ביי זיך אין שטוב און עוסק געווען בתורה ביז שפעט אין דער נאכט, פלוצלונג האט ער זיך אויפגעשטעלט, גערופן דעם משמש און געזאגט, "**מאך שנעל א גרויסע הייסע טעפל קאווע מיט עפעס צו עסן, און גיי ארויס צום עק שטאט אויפן וועג**".

דער משמש האט נישט פארשטאנען פארוואס ער דארף ארויסגיין אין אזא קעלט, אבער ער האט באלד געפאלגט, ווען ער איז אנגעקומען צום עק פון שטאט, האט ער באמערקט א שליטן מיט א פערד וואס איז געווען איינגעזונקען אינעם טיפן שניי, און דערויף איז געזעסן אן עלטערער איד וואס איז שוין געווען האלב פארפרוירן און נאנט צום חלש'ן.

דער משמש האט אים שנעל אריינגעברענגט, אים אנגעווארעמט מיט דער הייסער קאווע און געראטעוועט זיין לעבן, שפעטער האט דער צדיק רבי דוד'ל מקשאנוב געזאגט מיט זיין גרויס עניוות און מיט א מורא'דיגע פשטות, "**איך האב געשפירט אין מיין הארץ א קאלטן ציטער פון א אידישע נשמה וואס ראנגלט זיך אויפן וועג, האב איך געמוזט שיקן הילף**".

**יארצייט כ"ו אלול**

**הרה"ק רבי מאיר אברהם ב"ר משה יוזפא זי"ע**
**(קליין)**
**בעל פרי צדיק, אב"ד טשאבא**

ער איז געבוירן צו זיין טאטן הגה"ק **רבי משה יוזפא** זי"ע.

קיין סאך איז נישט דא קיין אינפארמאציע פון דעם צדיק, ווי ער איז געבוירן און ווער די משפחה איז געווען, אויך די נאמען פון זיין טאטן איז מען יארן שפעטער געוואר געווארן דורך זיין חתימה, אבער דאס ווייסט מען זיכער, אז דער צדיק האט געשטאמט פון א גאר געהויבענע משפחה וואס די יוחס איז פון גרויסע גדולים וגאונים בתורה, אויך איז דא בקבלה, אז ער איז געווען א נאנטער קרוב מיט **רבי חיים בעל נפש החיים מוולוז'ין** זי"ע פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגן גר"א מווילנא זי"ע.

ער איז געווען א גאון וחריף עצום בתורה, ער איז געווען מפורסם **אלס א בעל מקובל נורא**, דער צדיק איז געווען באוויסט מיט זיין געוואלדיגע צדקת און פרישות, פון גאר יונג האט ער זיך שוין געפירט מיט א געוואלדיגע זהירות ופרישות, ער איז שוין דאן געווען אפ געשיידט פון הנאת עולם הזה, ער איז שוין דאן געזעצן און עוסק געווען בתורה מיט גרויסע גדולים וגאונים בדורו, ער האט רוב פון זיין לעבן געלעבט אין שרעקליכע דחקות און באמת נישט נהנה געווען פן די וועלט, יומם ולילה האט מען דעם צדיק געזען עוסק זיין בתורה ועבודת השם, גרויסע גדולים בדורו האבן מעיד געווען אויף זיין גדלות און קדושת התורה, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות.

רוב פון זיין תורה האט ער געלערנט פון זיין רבו מובהק הגה"ק **רבי שמואל הלוי קעלין בעל מחצית השקל** זי"ע, וואס דער רבי האט דעם תלמיד גאר שטארק מעריץ געווען און מחבב געווען, זיין רבי האט כסדר גערעדט און משבח געווען זיין התמדת התורה און די געוואלדיגע קדושה פון דעם הייליגן תלמיד.

מען קען זעהן דאס גרויסע הערצה וואס די גדולי הדור האבן געהאט צו דעם צדיק, פון די ווערטער וואס דער גאון הגה"ק **רבי דוד דייטש בעל אהל דוד אב"ד עיר חדש** זי"ע שרייבט אויפן צדיק מטשאבע בזה"ל, "**חבל נביאים מתנבאים ושפה אחת לכולם משבחין להאי גברא רבא ויקירא ה"ה הרב המאה"ג המופלג בתורה בחריפות ובקיאות הצדיק המפורסם מו"ה מאיר אברהם זצלה"ה אשר היה אב"ד בק"ק טשאבא, וזה שנים רבות נתאכסן אצלי ואדם יראה וכו', וראיתי שכל מעשיו לשם שמים וגם שמעתי ממנו כמה פלפולים בדרך נכון מיוסדים על קיטב היושר**".

אויך האבן די גדולים וואס האבן געלערנט צוזאמען מיט דעם צדיק נאך אלס בחור מעיד געווען, אז ער האט געקענט פאר טעג אויף טעג זיצן אויסער די שטאט אין א מערה, און דער צדיק האט דאן געדינט דעם באשעפער מיט א מסירת נפש זייעדניג ממש אויסגעטון פון די וועלט, שוין דאן איז דער צדיק געווען באוויסט מיט זיין גדלות בתורת הנגלה והנסתר.

ער האט זיך שוין פון אלס בחור געפירט מיט א געוואלדיגע קדושה וואס איז געווען א חידוש יענע צייט, צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק האט זיך מסגף געווען און פאר צוואנציג יאר נישט געגעסן קיין דבר מן החי**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת פרומעט פעסיל** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי יהודה אב"ד שעניא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי שאול וואהל** זי"ע.

מען דערציילט גאר געהויבענע זאכן אויף די רעבעצין די צדקת **מרת פרומט פעסיל** ע"ה, אז צדיקי הדור האבן מעיד געווען אויף איר גדלות בצניעות ופרישות, די רעבעצין פלעגט יעדן טאג דאווענען אין א חדר מיוחד, און דאס דאווענען איז געווען מיט קולי קולות וואס מען האט נישט געזען ביי קיין אנדערע פרוי, און דאס דאווענען האט גענומען ביז נאכמיטאג.

די רעבעצין איז געווען א גרויסע מלומדת און כמה פעמים געזאגט דברי תורה, די צדקת איז איר גאנץ לעבן געשטאנען צו די האנט פון איר הייליגע

מאן, אז ער זאל קענען זיצן און עוסק זיין בתורה ועבודת השם יומם ולילה מיט א גוואלדיגע התמדה.

דער גאון הגה"ק רבי יהושע בריסק זי"ע האט מעיד געווען, אז די רעבעצין האט זוכה געווען צו **רוח הקודש ממש**, און אידן האבן דערציילט א דבר פלא, אז אסאך מאל אינמיטן זיין פארנומען מיט די צרכי הבית, האט מען די רעבעצין געזען טאנצן כאילו זי טאנצט קדושה, און ווען מען האט איר געפרעגט די סיבה, האט זי מיט א גוואלדיגע פשטות געזאגט, **אז זי הערט יעצט די מלאכי השרת זאגן קדושה אויבן אין הימל, און דערפאר זאגט זי מיט קדושה**.

אויך האבן צדיקים דערציילט, אז איינמאל איז די רעבעצין געווען אין **אוהעל ביים הייליגען ישמח משה מאוהעל** זי"ע, און די רעבעצין האט געוואלט אריין גיין צום הייליגען ישמח משה, אבער ווי דער מנהג איז געווען ביים ישמח משה, אז די צדיק האט קיינמאל נישט געוואלט רעדן צו קיין אשה, האט די רעבעצין געהייסן מען זאל לאזן וויסן פארן צדיק, **אז די רעבעצין פון די טשאבע רב איז דא**.

לפלא, אזוי ווי דער הייליגער ישמח משה האט געהערט ווער עס איז דא, האט ער זיך אויף געשטעלט און געהייסן דעם משמש זאל אריין לאזן די רעבעצין פון טשאבע, און די רעבעצין איז טאקע אריין געקומען צוזאמען מיטן רעבעצין פונעם ישמח משה, און ווען זי איז אריין געקומען האט זיך דער ישמח משה אויף געשטעלט און מכבד געווען מיט א בענקל צו זיצן, און דער צדיק האט מיט איר גערעדט פאר א שטיק צייט, און דאס איז געווען א גרויסע פלא ביי די מקורבים.

צדיקים האבן דערציילט דאס קדושה וטהרה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן, ער איז געווען א גאר אפגעהיטענע איד וואס האט אלעס געטון לשם שמים און געווען דבוק בשם כל ימיו, דער צדיק האט דאן נאך די חתונה עוסק געווען בתורה יומם ולילה ממש מיט א גוואלדיגע התמדה און קדושה, און דאס אלעס איז געווען בזכות זיין רעבעצין וואס איז געווען א צדקת וואס איז געשטאנען און באדינט איר מאן מיט א גוואלדיגע מסירת נפש.

שפעטער האט דער צדיק זיך מדבק געווען אינעם דרך החסידות, און ער איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממזריטש** זי"ע, דארט ביי זיין רבין האט ער געשעפט גאר אסאך תורה און זיין דרך אין עבודת השם אויפן דרך פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, און דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן געווען עוסק צו פארשפרייטן די תורה פון זיין הייליגען רבי דער מגיד ממזריטש זי"ע.

בשנת תקל"ג ווען דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע איז נסתלק געווארן, האט זיך דער צדיק מדבק געווען אלס א תלמיד מובהק **צום הייליגען חוזה מלובלין** זי"ע, ער האט זוכה געווען צו א גוואלדיגע אהבה און חביבות פונעם הייליגען חוזה מלובלין.

אויך האט אים די חוזה געשיקט פארשפרייטן דעם דרך הבעש"ט הקדוש אין אונגארן, און יעדעס מאל דער צדיק איז אנגעקומען צום חוזה, האט ער אים אויף גענומען מיט א גוואלדיגע חיבה יתירה.

בשנת תקס"ט איז דער צדיק געווארן רב אין שטאט **טשאבע**, און דארט האט דער צדיק געדינט אלס רב פאר בערך צוואנציג יאר כולן שוין לטובה, דארט האבן אידן געהאט א זכי' צו מיט האלטן זיין געהויבענע עבודת השם וואס דער צדיק האט אפ גערעכטן, ער האט דארט מרביץ תורה געווען פאר תלמידים גאונים בדורו, און דער צדיק האט אריין געלייגט אין זיינע תלמידים תורה וקדושה און אהבת התורה און אמונה אינעם גרויסן באשעפער.

דער צדיק האט דארט אין שטאט טשאבע גאר אסאך אויף געטון, ער האט מיט א מסירת נפש געמאכט זיכער אז מען פירט זיך אויפן דרך ישראל סבא וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, ער האט מתקן געווען תיקונים אין יעדע זאך וואס האט געהאט מיט ערליכקייט פארן שטאט, ער האט קובע געווען שיעורי תורה קבועים און געמאכט זיכער אז די אידן פון שטאט לערנען און דאווענען ווי עס ברויך צו זיין, ער האט זוכה געווען צו א גוואלדיגע הערצה פון די מענטשן אין שטאט צוליב זיין ערליכקייט און מידת האמת.

דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין צדקת און קדושה, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און נעמען ברכות, און גאר אסאך אידן האבן דערציילט גרויסע מופתים און ישועות וואס מען האט געזען ביי דעם צדיק בחייו, ער האט מיט זיין גרויסע קדושה און אמונה משפיע געווען תורה וקדושה פאר אידישע קינדער פאר איבער 20 יאר אין שטאט טשאבע.

דער צדיק האט געזאגט גאר אסאך דברי תורה און אפילו אויף דרך הקבלה, א קליינעם חלק איז געדריקט געווארן נאך זיין פטירה אינעם **ספר פרי צדיק**, וואס האט דרך אגב באקומען הסכמות פון גדולים און צדיקים בדורו ובתוכם הרה"ק **בעל ישמח משה מאוהעל** זי"ע, הגה"ק **בעל החתם סופר** זי"ע, הגה"ק **רבי דוד דייטש בעל אהל דוד** זי"ע, הגה"ק **בעל המהר"ם א"ש מאונגווואר** זי"ע.

צו פארשטיין זיין גדלות און קדושה איז ראוי צו זעהן די שבחים וואס די צדיקי הדור האבן געשריבן אין די הסכמה, הגה"ק בעל החתם סופר זי"ע שרייבט אין די הסכמה בזה"ל "**חיבור על סדר התורה מלא ברכת ד', דברי פי חכם חן ומתוקים לחיך נטועם, יראת ד' ותורתו רוכבים צמודים, לעשות רצון צדיק, למען יהיה שפתות הצדיק דובבות בקבר איש אלקים**".

הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע שרייבט אין זיין הסכמה בזה"ל, "**והיו נכונים לשום נחלת אבות תפארת לבנים, אשר הנחיל ה"ה הרב הצדיק המופלג בתורה בחריפות ובקיאות מו"ה מאיר אברהם זצלה"ה מטשאבע, אמנם יען ידעתי והכרתו בצדקת הצדיק הנ"ל, והן כל ראתה עיני ושמעה אזני משבחיו, ומצוה רבה וגדולה היא לעשות נייחא לנשמת הצדיק הנ"ל, ויהיה שפתיו דובבות**".

ער האט איבער געלאזט זיינע איידעמער גדולים און גאונים בתורה.

הגה"ק **רבי שמעון ליבערמאן אב"ד שעניא** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק יוסף בליך אב"ד גאווע** זי"ע,
הגה"ק **רבי פנחס דוד אב"ד בוקין** זי"ע,
הגה"ק **רבי יוסף פינקלשטיין בעל צפנת פענח שו"ב במישקאלץ** זי"ע, שהוציא לאור ספר פרי צדיק,
הגה"ק **רבי שמעי' וויזנער מגאווע** זי"ע,
הגה"ק **רבי יצחק יודא הלוי לאווי מליסקא** זי"ע,
הגה"ק **רבי ישכר בער קאהן בעל בינת יששכר אב"ד ערדא סענזשארץ** זי"ע.

בעפאר זיין הסתלקות האט דער צדיק וקדוש געבעטן, **אז מען זאל אים באערדיגן אין ביה"ח אין שטאט מישקאלץ און נישט אין טשאבע**, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די מקורבים און משפחה, אבער יארן שפעטער נאכן הסתלקות, האבן די ממשלה אין שטאט טשאבע געוואלט בויען א נייע וועג פארן באן, און זיי האבן געלאזט וויסן אז מען זאל אוועק נעמען אלע קברים פונעם ביה"ח, און מען האט טאקע ליידער געברויכט מפנה זיין אלע קברים, **דאן האט מען געזען די ווייטע בליק וואס דער צדיק האט געהאט יארן פריער**.

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ו אלול בשנת תקפ"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **מישקאלץ**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**יארצייט כ"ו אלול**

**הרה"ק רבי שמואל אבא ב"ר זעליג זי"ע**
**(זיכלינסקי)**
**בעל להב אש, ראש השושלת זיכלין**
**"הנקרא הזקן מזיכלין"**

ער איז געבוירן אין שטאט לויביטש, **י"ט כסלו בשנת תק"ע**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי זעליג מלויביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק איציק מזיכלין** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי פישל מסטריקוב** זי"ע, מגדולי תלמידי הבעש"ט הקדוש זי"ע),
בן הרה"ק **רבי שמואל מטשערנוויסק** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת יוטל** ע"ה,
מגזע הגה"ק **רבי יואל סירקיש בעל הב"ח** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי שמואל הלוי בעל הטו"ז מלבוב** זי"ע.

ביים ברית האט מען פארן קינד א נאמען געגעבן **שמואל אבא**, **שמואל** נאכן זיידן הגה"ק **רבי שמואל מטשערנוויסק** זי"ע וואס מען פלעגט אים ריפן "**ר' שמואל רש"י**", ווייל צדיקי הדור האבן מעיד געווען, אז דער זיידע ר' שמואל האט אמאל געהאט גילוי רש"י הקדוש זי"ע, און **אבא** נאכן פעטער הגה"ק **רבי אבלי חריף מקאליש** זי"ע.

ער איז געווען א קדוש עליון נורא מאוד, א גאון הגאונים און א חריף עצום און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, ער האט פארשיינט די וועלט מיט זיין תורה און קדושה און צו זיך צי געצויגען אידן יראים ושלמים, אויך גאר אסאך צדיקי הדור האבן זיך מסתופף געווען בצלו, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם, וואס איז געווען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע דביקות און התלהבות פארן בורא בריך היא, ער האט זיין גאנץ לעבן מקפיד געווען נישט צו רעדן קיין דברי חול שבת קודש, און זיינע דברי תורה האט ער געזאגט בסתרי תורה פאר שעות אריכות אבער נאר בלשון הקודש, דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, צדיקים וקדושים האבן מעיד געווען, אז ביים צדיק איז מקיים געווען וואס די פסוק זאגט (שמואל ב' כ"ג ג') **אָמַר אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל מוֹשֵׁל בָּאָדָם "צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת אֱלֹקִים", אז צדיק גוזר והקב"ה מקיים**.

פון אלס יונג קינד האט מען שוין געזען דאס גדולות אויף דעם צדיק, ער איז שוין דאן געווען מפורסם מיט זיינע געוואלדיגע כשרונות און חריפות בתורה, ער איז שוין דאן געווען באוויסט מיט זיין זכרון נפלא, און עפעס וואס דער קינד האט איינמאל געלערנט, איז שוין געבליבן איינגעקריצט אין זיין הייליגע מוח, זיין טאטע האט געברויכט טוישן מלמדים פארן קינד כסדר, ווייל דער קינד האט גאר שנעל געלערנט און אויף געכאפט אלעס מיט א גאר שנעלע תפיסה.

ביי די פינף יאר אלט האט ער שוין געלערנט גמרא תוספות, און ביי די 8 יאר אלט האט ער שוין נישט געברויכט קיין מלמד, זייענדיג **א גאון און עילוי נפלא** לערנענדיג די שווערסטע מסכתות אליין מיט א געוואלדיגע חריפות, דאן איז זיין נאמען מפורסם געווארן אלס **דער עילוי פון לויביטש**.

יענע צייט ווען דער צדיק איז געווען א יונג קינד, איז אמאל געקומען דער גאון הגה"ק **רבי משה אהרן אב"ד קוטנא** זי"ע, וואס איז נאך דאן געווען דער רב אין שטאט **סטריקוב**, ווייל מען האט דעם גאון געריפן צו מברר זיין עפעס אין שטאט לויביטש, און וויבאלד דער גאון רבי משה אהרן זי"ע האט געהערט פון דעם עילוי אין שטוב פון רבי זעליג זי"ע, האט ער געשיקט בעטן דעם טאטן, אז ער וויל זייער זיך משתעשע זיין מיטן קינד.

דער קינד שמואל אבא איז טאקע געקומען צום גאון, און די צוויי האבן פאר אפאר שעה גערעדט אין גאר שווערע סוגיות הש"ס, און פארשטייט זיך אז דער גאון האט ממש באוואונדערט דעם חריפות און גאונות פון דעם קינד, דערנאך האט דער גאון איבער גענעכטיגט אין שטאט ביי איינע פון די מענטשן אין שטאט.

לפלא דעם קומענדיגן טאג האט מען געטראפן דער גאון רבי משה אהרן זי"ע, **ווי ער**

**ליגט אין בעט מיט שמאטעס ארום זיין קאפ**, מען האט זיך קודם דערשראקן, אז אפשר איז דער גאון נישט געזונט, אבער דער גאון האט גלייך דערציילט, **אז ביים פארברענגען מיט דעם קינד דער עילוי שמואל אבא, האב איך באקומען אזא שטארקע קאפ ווייט, און די גאנצע נאכט האט די פלפולים און חידושים פונעם קינד, ממש געברענגט פארן גאון קאפ וויי**, און דער גאון האט געזאגט, **מען זאל דעם קינד מער נישט רופן עילוי מלוביטש, נאר בשם גאון בתורה, נאה ויאה לו.**

ווען ער איז געווארן א בחור ביי די בר מצוה, איז ער געפארן לערנען ביי הגה"ק **רבי משה לייב צינץ בעל גט מקושר מפלאצק** זי"ע.

אויך האט ער דאן אסאך תורה געלערנט ביי הגה"ק **רבי משה יהודה לייב זילבערבערג בעל זית רענן מקוטנא** זי"ע, אוןביידע זיינע רבי'ס זענען ממש ארויס פון התפעלות פון זיין גאונות און חריפות בתורה, און דאן איז דער גאון גאר אסאך געוואקסן אין תורה.

זיין רבי אין עבודת השם און חסידות איז געווען זיין הייליגע זיידע הרה"ק **רבי פישל מסטריקוב** זי"ע, דער זיידע האט דעם אייניקעל ארויס געוויזן א שטארקע חביבות, גאר אסאך תורה האט דער אייניקעל מקבל געווען פון דעם זיידן וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע.

דער צדיק האט זיך גאר אסאך מסתופף געווען ביי די צדיקי הדור בדורו ובתוכם איז דער צדיק כמה פעמים געווען זיך מסתופף זיי בצלו פון הרה"ק **רבי שמחה בונם מפשיסחא** זי"ע.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת גולדה רייצא** ע"ה,
בת **דודו** הרה"ק **רבי מרדכי מבודזאנוב** זי"ע.

נאך די חתונה האט זיך דער צדיק צוריק געצויגען צום שטאט **לוביטש**, דארט האט ער געוואוינט ביי זיין גרויסן טאטן וואס האט דעם זון אויס געהאלטן מיט אלעם, כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק זיין בתורה, דארט איז דער צדיק געזעצן יומם ולילה און עוסק געווען בתורת הנגלה והנסתר מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה.

אפאר יאר שפעטער האט זיין טאטע ליידער פארלוירן זיין פרנסה, און מער נישט געקענט אויס האלטן דעם זון, האט ער זיך דאן צוריק געצויגען צום שטאט פון זיין שווער, און דארט איז דער צדיק מפורסם געווארן מיט זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס ער האט זיך געפירט, אידן יראים ושלמים האבן זיך שוין דאן מדבק געווען אין דעם צדיק און געשעפט גאר אסאך תורה און עבודת השם פונעם צדיק.

בשנת תר"ד איז צום צדיק געבוירן געווארן זיין בן יחיד הרה"ק **רבי משה נתנאל** זי"ע, און דאן האט זיין שווער אויך ליידער פארלוירן זיין פרנסה, און בלית ברירה האט דער צדיק זיך אריבער געצויגען צום שטאט **זיכלין** צום שוועסטער פון זיין שווער וואס איז געווען א עשירה, און נישט לאנג נאכדעם האט דער גאון אן גענומען דאס רבנות שטעלע אין **זיכלין**, און דארט איז דער צדיק געווארן מפורסם מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע כח פון פועלן ישועות למעלה מדרך הטבע, און דארט איז דער צדיק שוין געבליבן ביז צו זיין הסתלקות.

דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע עבודת השם, וואס ער האט יעדע רגע אפ געראכטן, זיין עבודת התפלה איז געווען מיט א אש קודש און א ברען צום הייליגען באשעפער, ער איז געווען זיין גאנצע לעבן דבוק אינעם גרויסן באשעפער, דורך די גאנצע דאווענען האט מען געקענט זעהן דאס פנים פונעם צדיק וואס האט ממש געברענט פון קדושה, ער האט דאס אויך אריין געלייגט אין זיינע געהויבענע תלמידים און חסידים.

טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק און געקומען שעפן יראת שמים און א דרך אין עבודת השם, טויזענטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק, און הונדערטער מעשיות דערציילן אידן **פון מופתים און ישועות חוץ לדרך הטבע**, וואס מען האט געזען ביי דעם צדיק וקדוש.

זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען און דביקות, און דער צדיק איז ממש צו געקומען צו א **התפשטות הגשמיות בשעת**

**די עבודה**, אויך סתם אן עבודה פונעם צדיק איז געווען מיט א מסירת נפש און מיט א געוואלדיגע דביקות, דער צדיק איז ממש יעדע רגע געווען דבוק אינעם באשעפער, און אפילו דער צדיק איז באמת געווען א שוואכע מענטש בטבע, האט מען אבער געזען עין בעין ווי דער פסוק, **וְקוֹיֵ ד' יַחֲלִיפוּ כֹחַ**, איז מקיים געווארן ביי דעם צדיק, און ער האט געדינט דעם באשעפער מיט כוחות **למעלה מדרך הטבע**.

דער צדיק האט געהאט א גאר געהויבענע עבודה מיט **תיקון חצות**, דער צדיק איז קיינמאל נישט דורך געשלאפן חצות, ער האט געהאט איינע פון זיינע גבאים וואס איז געווען געשטעלט, צו אריין קומען אין שטוב פונעם צדיק ביי חצות פונקטליך, און ביי חצות ממש, האט זיך דער צדיק אליין דערוועקט, און איז יעדע נאכט אויף געשטאנען ביי חצות און אפ געראכטן תיקון חצות מיט בכיות נוראות, קיינער האט דארט נישט געקענט זיין בשעת די עבודה, חוץ זיין הייליגע זון הרה"ק רבי משה נתנאל זי"ע.

ווערט דערציילט, אז אין שטאט זיכלין האט געוואוינט א גר, וואס מען האט גערופן **אברהם גר צדק**, אדער ווי מען האט אים גערופן **"דער גלאוונער גר צדק"**, דער גר האט זיך געדרייט בעפאר ביים הייליגען **אוהב ישראל מאפטא** זי"ע, און דערנאך ביים הייליגען **חוזה מלובלין** זי"ע און נאכן פטירה פונעם חוזה, האט ער זיך מדבק געווען **אינעם צדיק מזיכלין** זי"ע.

איין נאכט האט ער זייער געוואלט זעהן דעם עבודה פונעם צדיק ביי תיקון חצות, האט ער זיך אויף געשטעלט ביים פענסטער פונעם רבין'ס שטוב, אבער אזוי ווי ער האט נאר א בליק געטאן אינעם פענסטער, האט זיך דער צדיק אויס געדרייט, און פון גרויס פחד פון די צורה פונעם צדיק, איז דער גר אראפ געפאלן, און זיך גאר שטארק צעקלאפט, און ער האט דאן דערציילט די מחזה נורא פונעם צדיק בשעת תיקון חצות.

דער צדיק האט גאר שטארק מקפיד געווען צו גיין אין מקו' אפאר מאל א טאג, די עבודה אין מקו' האט געקענט אסאך מאל נעמען איבער א שעה, אפילו אין די גאר קאלטע ווינטער נעכט, וואס די וואסער איז ממש געווען געפרוירן, האט דער צדיק געקענט פון מאל צו מאל זיצן אין דעם קאלטע מקו' פאר איבער א שעה, און דער צדיק האט דאן אויס גע'פועל'ט גרויסע ישועות פאר אידן וואס זענען זיך געקומען מזכיר זיין ביי אים.

דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן קיינמאל נישט באזיכט ביי קיין דאקטאר, און ווען עס האט זיך געמאכט א חולה אין שטאט, איז געווען א איד א ירא אלקים וואס מען האט גערופן דער באזיכער, און דער צדיק האט געשיקט צו יענעם איד, און דער איד האט אין קיין חכמה פון רפואה נישט געווען בכלל באהאווענט, **יעדער האט געוויסט א די רפואה קומט פונעם צדיק'ס כח, נאר ער האט דאס באהאלטן אין דרך הטבע**.

ווען דער איד האט געזאגט פארן חולה, אז די מחלה איז גארנישט, איז דער צדיק געווען צעפרידען און נישט לאנג דערנאך איז דער חולה געזונט געווארן, און אידן האבן דאן ביי דעם צדיק געזען ישועות בצרכי רפואה ממש חוץ לדרך הטבע, און דער צדיק האט כסדר געזאגט, אז די דאקטוירים ווייסן באמת נישט וואס זיי זאגן, ווי דוד המלך ע"ה זאגט (תהילים קמ"ד) **אֲשֶׁר פִּיהֶם דִּבֶּר שָׁוְא וִימִינָם יְמִין שָׁקֶר, אז די דאקטוירים זאגן ליגענט, און וואס זיי שרייבן רעצעפטן איז אויך שקר**.

דער צדיק וקדוש האט אריין געלייגט זיין גאנצע כוח צו משפיע זיין ריינע אמונה אין זיינע חסידים, און ער האט גאר שטארק מקפיד געווען אז מען זאל דינען דעם גרויסן באשעפער מיט שמחה און הרחבת הדעת, און ער האט מיט זיינע גרויסע מופתים אריין געברענגט אמונה אפילו אין גאר שוואכע אידן, און מיט זיינע הייליגע ווערטער האט ער מקרב געווען און מחזיר בתשובה געווען הונדערטער אידן לאביהם שבשמים, ורבים השיב מעון.

דער צדיק האט אויף קיין שום נשמה נישט נאכגעגעבן, נאר האט יעדן איד וואס איז געקומען נאנט צום צדיק מחזיר בתשובה געווען אדער מתוך אהבה, אדער האט דער צדיק בלית ברירה געברענגט דינים אויפן מענטש, און אזוי אים צוריק געברענגט צום גרויסן באשעפער, דאס איז

געוועז זיין גרויסע כוח און הונדערטער מעשיות דערציילט מען, פון אידן וואס זענען סוף כל סוף צוריק געקומען אויפן ריכטיגען וועג דורכן גרויסן כח פון דעם צדיק וקדוש.

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן **אינעם ספר להב אש**.

דער צדיק וקדוש האט מחבר געווען **א זמר קודש**, וואס די חסידים האבן גערופן **זמר צדק**, אדער **אבינו שבשמים**, און די ניגון איז נתחבר געווארן אויף די **שבעה רועי ישראל**, און יעדע שטיקל הייבט זיך אן מיט א נאמען פון איינע פון די אושפיזין קדישין, און דער צדיק האט דעם זמר געזינגען **יעדע וואך שבת קודש ביי שלש סעודות**, אויך ביי די **הקפות שמיני עצרת און שמחת תורה**.

ער האט איבער געלאזט זיין **בן יחיד** הרה"ק **רבי משה נתנאל** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי חיים צבי אשכנזי אב"ד זוויחוואסט** זי"ע.

ווערט דערציילט, אז אסרו חג סוכות בשנת תרל"ט ווען די רבי איז ארויס פון זיין סוכה, האט ער געזאגט פאר זיינע מקורבים, עטס זאלטס וויסן, אז ביי די גאנצע עבודה ימים נוראים ביי אלע תפילות קדושים האב איך דאס יאר נישט געהאט קיין שום עיכובים, אבער קיין שמחה האבן מיר נישט געהאט אפילו א חוט השערה, לפלא פון יענעם טאג און ווייטער האט מען געזען א פארענדערונג אויפן צדיק אין זיין געזונט.

פון יענעם יאר חמשה עשר בשבט, האט דער צדיק ממש נישט אריין גענומען קיין שום מאכל אין מויל, נאר אביסל וואסער האט דער צדיק טועם געווען, וויפיל די מקורבים און זיין קינד רבי משה נתנאל האט זיך געבעטן צום צדיק אז ער זאל עפעס טועם זיין, האט אבער דער צדיק נישט געוואלט, איינמאל האט ער זיך אויס געדריקט צו זיין זון בזה"ל, "**וואס זאל איך טון, אז עס איז מיר ממש מאוס דאס עסן פון עולם הזה, און אפילו דאס ליפט קען איך שוין מער נישט סובל זיין**", און אזוי האט דער צדיק נאך אסאך איטערסאנטע זאכן געטון.

פונעם יו"ט שבועות איז שוין דער צדיק נישט ארויס פון זיין שטוב, ער האט מקפיד געווען מען זאל נישט אויף מאכן קיין פענסטער ביי זיך אין שטוב, דער צדיק האט דאן ליידער גאר שטארק געליטן יסורים נוראים, אבער האט בשום אופן נישט געלאזט קיין דאקטאר קומען אים באזיכן כמנהגו זיין גאנץ לעבן, די לעצטע וואך האט דער צדיק נישט יעדן איינעם צו געלאזט צו זיך, נאר אייניגע תלמידים, און דער צדיק האט דאן עוסק געווען אין געהויבענע זאכן.

לפלא סוף ימיו האט ער איינמאל געפרעגט פון זיינע נאנטע די ווערטער, **"יא אדערניין"**, און וויבאלד די מקורבים האבן נישט פארשטאנען וואס דער צדיק פרעגט, האט דאך קיינער נישט געוואלט ענטפערן פארן צדיק.

אבער די קומענדיגע טאג האט זיך דער צדיק אויס געדריקט פאר זיינע נאנטע, נע**כטן איז מען געקומען בעטן אן הסכמה אויף מיין הסתלקות, דערפאר האב איך געפרעגט די קשיא "יא אדער ניין", און וויבאלד איר האט דאך נישט גענטפערט, זאגט דאך די גמרא שתיקה כהודאה דמי', דאן האבן די מקורבים פארשטאנען אז די הסתלקות איז נאנט**.

די לעצטע שבת קודש בחייו האט דער צדיק געהייסן פארן זון רבי משה נתנאל זי"ע אז ער זאל קידוש מאכן, דער זון האט נישט געוואלט און זייער געוויינט, אבער דער טאטע האט געזאגט פארן זון, **פון היינט און ווייטער וועסטו מקדש זיין דעם עולם**, און יענע נאכט האט מען געהערט דעם צדיק וקדוש שרייען בקול גדול די ווערטער, "רב**ונו של עולם די ווייסט אז איך בין גרייט יעדע רגע, אבער וואס זאל איך טון אז זיי לאזן מיך נישט**", מיינענדיג זיינע שטוב מענטשן.

מוצאי שבת קודש איז דער צדיק געלעגן זייער שוואך אין בעט, פלוצלונג האט זיך דער צדיק אויף געהויבן און זיך געגאנגען רייניגען, מען האט ממש געזען ווי דער צדיק גרייט זיך אויפן הסתלקות, דאן האט זיך דער צדיק צוריק געלייגט אין בעט, ער האט אריבער געפירט זיינע הייליגע הענט אויף די בארד און פיאות, און דאן האט דער צדיק ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף די אויגן, און ליינענדיג קר"ש האט דער צדיק וקדוש צוריק געגעבן זיין אויס געלייטערטע נשמה

ליוצרה, **וְנִצְּחוּ אֶרְאֶלִּים אֶת הַמְּצוּקִים וְנִשְׁבָּה אֲרוֹן הַקֹּדֶשׁ**.

די גרויסע פלא וואס האט פאסירט, אז **ממש די רגע פון זיין הסתלקות האט זיך צעבראכן איין פיס פונעם טיש אין שטוב ווי דער צדיק איז געלעגן, אויך צוויי זייגער'ס אויפן וואנט פון זיין שטוב, האבן זיך יענע רגע אפ געשטעלט, און מען האט די צוויי זייגער'ס קיינמאל מער נישט געקענט פאריכטען.**

נסתלק לגנזי מרומים **מוצאי שבת קודש פרשת נצבים וילך א' דסליחות כ"ו אלול בשנת תרל"ט**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **זיכלין**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווערט דערציילט**, אז די עלטערן פונעם צדיק הרה"ק רבי זעליג זי"ע און די רעבעצין מרת יוטל ע"ה, האבן פאר יארן נישט זוכה געווען צו קיין זש"ק, און ליידער האבן די דאקטוירים פאר געזאגט, אז די רעבעצין האט נישט קיין וועג פון האבן בדרך הבטע קיין קינדער, און נאך יארן האט דער צדיק רבי זעליג געזאגט פאר זיין רעבעצין, אז ער וויל זייער אויף שטעלן דורות, און דערפאר וויל ער זיך גט'ן און חתונה האבן מיט א אנדערע פרוי, די רעבעצין האט נישט געוואלט דאס טון, וויבאלד זי האט געפילט פאר א זכי' צו זיין חתונה געהאט צו אזא צדיק וקדוש.

דאן האט די מאמע געזאגט פאר איר מאן, אז אויב ער איז מסכים צו גיין צום זיידן הרה"ק **רבי פישל מסטריקוב** זי"ע, און וואס דער צדיק וועט הייסן טון וועט זי אויך מסכים זיין, זענען די צוויי געפארן צום צדיק רבי פישל זי"ע, ווען זיי זענען אנגעקומען צום זיידן, און די רעבעצין האט פארגעלייגט וואס דער מאן וויל טון, און וואס די דאקטורים זאגן.

האט דער הייליגער זיידע רבי פישל זי"ע געזאגט, "**זעליג ווי אזוי ווילסטו אפילו אזאנס טון, און ווי אזוי קען איך אפילו מסכים זיין צו דעם, דאס איז זיכער א עצה פונעם בעל דבר, ווייל איך זעה אז פון ענק ברויך ארויס קומען א קינד וואס וועט נאך באלייכטן די אויגן פון אידישע קינדער, און וועט נאך זיין א גרויסע פועל ישועות און מושיען של ישראל**", און דאן האט דער זיידע געהייסן, מען זאל פארן קיין קאזניץ **צום הייליגען מגיד מקאזניץ** זי"ע, און ער וועט געבן א קמיע און איר וועט בקרוב געהאלפן ווערן.

זענען זיי טאקע אריבער קיין קאזניץ, און אזוי ווי דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט געזען דעם בריוו פון רבי פישל מסטריקוב זי"ע, האט ער זיי געגעבן א קמיע און געזאגט בזה"ל, "**הביטו וראו נא איך פקוחות עיניו של הסבא קדישא מסטריקוב ורואה בכל דבר**", און דער קאזניצער מגיד האט צו געלייגט די ווערטער "**אמת, אמת, בצדק דיבר הס"ק מסטריקוב, מחלציכם יצא בן שיאיר את העולם**", און טאקע נישט לאנג נאכדעם איז צו זיי געבוירן געווארן **דער גרויסער צדיק וקדוש הרה"ק רבי שמואל אבא מזכילין זי"ע**.

•••

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק וקדוש איז געווען נאר 8 יאר אלט, איז ער איינמאל מיט געפארן מיטן טאטן צום זיידן דער הייליגער צדיק רבי פישל מסטריקוב זי"ע, און ווען זיי זענען אן געקומען צום זיידן, האט דער זיידע דאן געהאלטן אינמיטן דאווענען שמונה עשרה.

האט דער טאטע נישט געוואלט שטערן דעם זיידן פון דאווענען, איז ער געבליבן ווארטן אינדרויסן פון שטוב, אבער דער קינד שמואל אבא איז יא אריין אין שטוב, און איז צו געגאנגען צום זיידן בטראכטן ווי אזוי ער דאווענט.

אבער גלייך קומט דער קינד ארויס צו לויפן צום טאטן און זאגט, **טאטע דער זיידע האט אינזין די און די כוונה ביים דאווענען שמונה עשרה**, דער טאטע האט זיך בשעת מעשה נישט וויסענדיג געמאכט פון די ווערטער, וויבאלד ער איז נאך דאן געווען א קליין קינד, און די טאטע האט נאך דאן נישט געוויסט דאס גדלות און קדושה מיט וואס דער קינד האט זיך שוין דאן געפירט, און נישט געוויסט **אז פארן קינד איז שוין דאן נתגלה געווארן די סודות התפילה**.

אבער ווען דער זיידע רבי פישל האט געענדיגט דאווענען, איז ער ארויס געקומען און זיך גאר שטארק משתעשע געווען מיטן אייניקעל שמואל אבא און ארויס געוויזן א גרויסע חביבות.

און דאן האט דער זיידע געזאגט פארן אייניקעל, "**איך וועל דיר זאגן עפעס וואס וועט דיר צינוץ קומען דיין גאנץ לעבן, נישט אלעס וואס מען זעהט ברויך מען מגלה זיין פאר אנדערע**", אזוי ווי דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער דאן געזען דאס גדלות פון זיין זון, אז אפילו זייענדיג אזוי קליין, האט ער שוין פארשטאנען צו די הייליגע סודות התפלה.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק רבי שמואל אבא זי"ע האט נאך געוואוינט אין שטאט **לויביטש**, איז איינמאל דורך געפארן די שטאט דער גרויסער גאון הדור הגה"ק **רבי עקיבא איגר** זי"ע, און די שטאט מענטשן האבן זייער געבעטן דעם גאון, אז ער זאל אריין קומען צו זיי אין שטאט פאר א שטיק צייט, און די גאנצע שטאט איז ארויס מקבל פנים זיין דעם גאון הדור, ובתוכם איז געווען דער צדיק רבי שמואל אבא זי"ע.

ווען יעדער איז דורך דעם גאון רבי עקיבא איגר און געגעבן שלום, האט זיך דער גאון אפגעשטעלט ביים צדיק רבי שמואל אבא, און געפרעגט די שטאט מענטשן, **ווער איז דער יונגערמאן**, האט מען געזאגט פארן גאון רבי עקיבא איגר, **אז דאס איז דער עילוי מלויביטש**, דער גאון האט דאן געגעבן שלום פארן צדיק רבי שמואל אבא מיט א געוואלדיגע חביבות.

דאן ווען דער גאון רבי עקיבא איגר איז אריין אין שטוב, האט ער גלייך ארויס גענומען כמנהגו זיין גמרא און זיך גלייך געזעצט לערנען, און בתוך הדברים האט דער גאון געפרעגט אפאר גאר שווער קשיות, און יעדער פון די גדולים דארט אין שטאט האבן פראבירט צו ענטפערן א תירוץ.

אבער עס האט זיך געמאכט איין גאר שווערע קשיא, וואס קיינער האט נישט געקענט ענטפערן, אבער פארן גאון רבי שמואל אבא איז גלייך איין געפאלן א גאר גוטע תירוץ, אבער ער האט מיט זיין גרויס עניוות נישט געוואלט אריין רעדן.

אבער דאן האט דער גאון רבי עקיבא איגר זיך אנגעריפן, **מען זאגט דאך אז דא אין שטאט געפינט זיך א עילוי מלויביטש, איז ווי איז דער גאון**, דאן האט דער צדיק שוין נישט געהאט קיין ברירה, און ער האט פארן גאון רבי עקיבא איגר פאר ענטפערט דעם קשיא, און דער גאון רבי עקיבא איגר איז ממש ארויס פון התפעלות פון דעם גאונות און חריפות פון דעם גאון רבי שמואל אבא, און דער גאון רבי עקיבא איגר האט זיך אנגעריפן, "**וויסן זאלט איר, אז דאס נאמען עילוי מלויביטש איז גאר שיין פאר דעם גאון, און דער איז א יקר המציאות**".

ווערט דערציילט, אז דאן ווען דער גאון רבי עקיבא איגר זי"ע איז נאך געווען אין שטאט, איז אנגעקומען א גאר שווערע שאלה צום גאון, און דער גאון האט זיצענדיג אויפן וואגן געשריבן א גאר שטארקע תשובה אויף די שאלה, אבער דאן האט דער גאון געזאגט פארן צדיק רבי שמואל אבא, אז וויבאלד ער האט דעם תשובה געשריבן אזוי שטייענדיג אויפן וועג ארויס, בעט ער אים אז ער זאל די תשובה דורך טון, און מאכן זיכער אז עס איז ריכטיג, דאס איז געווען דאס געוואלדיגע חביבות וואס דער צדיק האט באקומען פונעם גרויסן גאון נאך זייענדיג גאר יונג, און זייענדיג דאס ערשטע מאל וואס דער גאון רבי עקיבא איגר זאל אים האבן געזען.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז ווען דער צדיק האט געוואוינט ביים שווער אין שטאט **באדזאנוב**, האט ליידער דער שווער פארלוירען זיין פרנסה, און ער האט מער נישט געקענט אויס האלטן דעם איידעם, האט דער שווער געהאט א שוועסטער **הצדקת מרת ביילא** ע"ה, וואס איז געווען א גרויסע צדקת און רייכע פרוי, און הערענדיג פון די מצב ביי איר ברודער אין שטוב, האט זי זיך פאר גענומען אריין צו נעמען דעם איידעם ביי זיך אין שטוב, און אויס האלטן מיט אלעם כדי ער זאל קענען ווייטער עוסק זיין בתורה.

דער צדיק האט טאקע מסכים געווען, און ער האט זיך דאן אריבער געצויגען וואוינען אין שטאט זיכלין ביים שוועסטער פונעם שווער, דערציילט מען, אז די שוועסטער האט געהאט א זון רבי ישראל הירש ע"ה וואס האט ליידער געהאט א

גרויסע צרה אין שטוב, עס האט זיך ביי דעם זון נישט געהאלטן קיין קינדער, ביים ברית זענען די קינדער ליידער נפטר געווארן, און די צדקת האט געהאט גרויס צער פון דעם.

און ממש דאן ווען דער צדיק איז אריבער געקומען קיין זיכלין, איז צו דעם זון רבי ישראל הירש געבוירן געווארן א קינד, און די נאכט פונעם וואכט נאכט האט מען געזען אויפן קינד אז ער איז ממש נוטה למות, און עס איז געווארן א גרויסע רעש אין שטוב, און די מאמע די צדקת מרתביילא איז אריין געלאפן צום צדיק רבי שמואל אבא אין שטוב, און מזכיר געווען דאס קינד.

אזוי ווי דער צדיק האט געהערט וואס עס קומט פאר, איז ער גלייך ארויס געלאפן צום שטוב פונעם יולדות, און אזוי ווי דער צדיק איז אנגעקומען צום שטוב, האט ער ארויף גלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן מזוזה פונעם שטוב.

און אזוי איז דער צדיק געשטאנען פאר בערך פופצן מינוט אין א געוואלדיגע דביקות, און דאן האט זיך דער צדיק אן געריפן, בעזהשי"ת וועט זיין גוט.

לפלא איז פארן קינד גלייך בעסער געווארן, און מען האט געמאכט דעם ברית בשעה טובה ומוצלחת, און דער קינד איז געווען געזונט און שטארק און געבליבן לעבן.

פארשטייט זיך אז דאס האט פארשפרייט דעם גרויסן כח פונעם צדיק אין די גאנצע שטאט, און פון דאן זענען הונדערטער אידן געקומען זיך מזכיר זיין ביים צדיק און געזען ישועות ממש חוץ לדרך הטבע, און ער האט דאן אנגעהויבן פירן זיין רבנות אין שטאט זיכלין, און מען האט אים דאן אנגעהויבן ריפן "**דער זיכלינער רבי**".

• • •

**צו פארשטיין דעם געוואלדיגע זכרון** וואס דער צדיק האט געהאט, איז ראוי צו דערציילן די מעשה, ווי באוויסט איז דער צדיק געווען א בקי בתורת הנסתר און קבלה, און איינמאל וואוינענדיג אין שטאט זיכלין, **האט זיך דער צדיק דערמאנט פון א ספר קבלה וואס ער האט געלערנט מיט 20 יאר צוריק**, און דער צדיק האט זייער געוואלט האבן דעם ספר.

די מקורבים האבן טאקע מיט שווערקייטן פארשאפט דעם ספר, אבער דער צדיק האט גלייך געזען, אז עס פיעלט אפאר בלעטער פונעם ספר, **אבער לפלא האט דער צדיק איבער געשריבן די פאר בלעטער ווארט ביי ווארט ווי אזוי עס איז געשטאנען**, און שפעטער האט מען געטראפן נאך אזא ספר וואס האט געהאט אלע בלעטער, און מען האט געזען אז עס האט נישט געפעילט אפילו איין אות אינעם ספר וואס דער צדיק האט אליין געשריבן.

• • •

**איין יאר יו"ט סוכות**, ווען דער צדיק האט שוין געוואוינט אין שטאט זיכלין, האט פאסירט, אז מען האט שטארק פראבירט צו האבן פיש לכבוד יו"ט, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק גאר שטארק מקפיד געווען צו האבן פיש אויף שבת קודש און יו"ט, אבער די לעצטע שעות בעפאר יו"ט, האט דער פיש סוחר אויס געשפילט די שטאט, און מען האט זיך דערזעהן אן פיש אויף יו"ט, דער צדיק האט געהאט גרויסע צער פון דעם, אבער בלית ברירה האט מען זיך געמיזט גרייטן צום יו"ט אן קיין פיש.

סוכות ביינאכט נאכן וואשן און טועם זיין פון די מוצא, האט דער צדיק אנגעהויבן זאגן תורה אויפן ענין פון די גרויסקייט פון עסן פיש יו"ט, און דער צדיק האט גאר לאנג גערעדט בדרך הנגלה והנסתר די גדלות און קדושה און די גרויסע זאכן וואס מען טוט מיטן עסן פיש יו"ט.

עס איז געווען פאר די חסידים א גרויסע וואונדער, אבער גלייך נאכדעם וואס דער צדיק האט געענדיגט די דברי תורה, האט ער געזאגט מיט א שמחה און צהלות פנים, "**יהי רצון כאילו שעשינו התיקונים במאמר הזה, ממש כאילו אכלנו דגים בעצמם**", און ער האט געבעטן אביסל ברוינפען, און ער האט געטרינקען לחיים כאילו ער האט ממש געגעסן פיש, **מי לנו בסוד קדושים**.

• • •

**דער צדיק וקדוש האט געהאט א מנהג**, אז ער איז יעדן טאג ארויס אינדרויסן פון שטאט מאכן התבודדות, וואס דאן האט דער צדיק עוסק געווען אין גאר געהויבענע זאכן, דארט ווי דער צדיק פלעגט יעדן טאג גיין, האט געוואוינט א גוי א פריץ וואס איז געווען דער פארוואלטער אויף א גאר

גרויסע פאלאץ, האבן זיינע באדינער'ס און אויך זיין איינציגסטע טאכטער אפ געמאכט, אז דעם קומענדיגע טאג וועט דער צדיק קומען מאכן התבודדות דארט, **וועלן זיי ח"ו אן רייצן די הינט קעגן דעם צדיק**.

כך הוה יענעם טאג זענען די באדינער'ס געשטאנען גרייט מיט די הינט און געווארט אויפן צדיק, דארט האט אויך געוואוינט א איד וואס האט געהאט א פעלד געדינגען פון דעם פריץ, און ווען ער האט געזען ווי די גוים שטייען מיט די הינט, און זיי האבן אים דערציילט וואס זיי ווילן טון, איז דער איד קעגן געלאפן דעם צדיק, און דערציילט וואס די גוים ווילן טון, אבער דער צדיק איז געווען אין אזא דביקות און התלהבות דקדושה, אז ער האט אפילו נישט געהערט וואס דער איד זאגט אים.

אזוי ווי דער צדיק איז אנגעקומען אויף זיין פלאץ, האבן די גוים ארויס געשיקט די הינט קעגן דעם צדיק, אבער לפלא אזוי ווי די הינט זענען נאנט געקומען צום צדיק, האבן זיי זיך מיט א ווילדקייט אויס געדרייט צו די גוים, און ארויף געשפרינגען אויף זיי און זיי ממש כמעט דער'הרג'ט, אויך דעם טאכטער פונעם פריץ האבן די הינט כמעט דער'הרג'ט, און אזוי ווי דער פריץ קומט אהיים און דערזעהט וואס דא גייט פאר, האט אים דער איד דערציילט וואס דא איז פאר געקומען מיטן צדיק.

דער פריץ האט גלייך פארשטאנען וואס דא איז געשעהן, און ער איז גלייך אריבער צום צדיק און געפאלן צו די פיס, אז ער האט גארנישט געהאט מיט דעם, נאר די גוים האבן דאס אלעס געטון ווען ער איז נישט געווען אין זיין שטוב, און ער האט געבעטן דעם צדיק, אז כאטש זיין בת יחידה זאל בלייבן לעבן.

האט דער צדיק געהייסן אז ער זאל פרעגן פונעם טאכטער, **אויב זי נעמט זיך פאר, אז זי וועט מער קיינמאל נישט טשעפען קיין איד, און אזוי ווי זי האט דאס צו געזאגט, איז זי אינגאנצן געזונט געווארן**, און די אנדערע גוים האבן געכאפט א פגירה, און דאס איז געווען קעגן וואס די דאקטורים האבן געזאגט פארן פריץ, אז זי וועט דאס נישט דורך לעבן, אבער דער צדיק מיט זיין גרויסע כח האט איבער געדרייט דעם דרך הטבע און אויס געהיילט די טאכטער.

• • •

**דערציילט איינע פון די חסידים פונעם צדיק מזיכלין**, אז דאס עבודה פונעם צדיק יום הקדוש איז געווען ממש עד כלות הנפש, צענדליגע מאל האט זיך געקענט מאכן, אז אידן זענען ממש צעזאם געפאלן פון גרויס פחד פון די קולות וואס דער צדיק האט געשריגן ביים דאווענען, דאס עבודה פארן עמוד האט דער צדיק אליין געדאווענט גאנץ יום הקדוש, און גאר אסאך מאל האט דער צדיק געענדיגט די עבודה כמעט ביי חצות לילה, און נאר דאן האבן די חסידים אויס געפאסט.

איין יום הקדוש איז דער צדיק אריין געקומען אין ביהמ"ד גאר פרי בעפארן דאווענען, און דארט איז געשטאנען א גאר פשוטע אידל מיט זיין קינד, און זיי האבן געזאגט תהילים מיט א געוואלדיגע תמימות, אינמיטן האט זיך דער איד צעשריגן מקירות לבו די ווערטער "**אוי ג-ט**", דער קינד האט דאן געפרעגט דעם טאטן, "**טאטע ווי איז ג-ט**", ווען דער צדיק האט געהערט די פראגע פונעם קינד, האט זיך דער צדיק אפ געשטעלט ווארטענדיג אויפן ענטפער פונעם טאטן צום קינד.

הערט דער צדיק, ווי דער טאטע זאגט פאר זיין קינד די ווערטער, "**נאריש קינד, די ווייסט נישט ווי ג-ט איז, ג-ט איז אומעטים, אפילו ביי אונז אין שטאהל איז אויך ג-ט**", אזוי ווי דער צדיק האט געהערט דעם ענטפער פונעם טאטן, איז דער צדיק ארויף אויפן ארון הקדוש און אנגעהויבן זייער וויינען מיט בכיות נוראות און געזאגט, "**רבוש"ע, אונז פלאגן זיך יעדע רגע צו פארשטיין דיין מציאות בפשטות און גלייבן אז לית אתר פנוי מיניה, און דא האסטו א פשוטע אידל וואס ווייסט דאס קלאר מיט א תמימות, און גלייבט באמת, אז אפילו אין זיין שטאהל ווי די בהמות פאשענען, דארט איז אויך דא דער גרויסער באשעפער**".

• • •

**דער צדיק וקדוש האט זייער מקפיד געווען** צו מאכן קידוש לבנה מוצאי יום הקדוש בעפאר ער האט אויס געפאסט, איין יאר מוצאי יום הקדוש איז געגאנגען א גאר שטארקע רעגן אינדרויסן, און עס האט נישט אויס געזען במציאות אז מען זאל

קענען מאכן קידוש לבנה, אבער דאן האט דער צדיק צוזאמען גענומען דעם גאנצן עולם און ארויס אויפן גאס, און ער האט זיך אנגעריפן פארן גבאי בזה"ל, "**אמור שיעמוד הגשם מלירד ותראה הלבנה**", לפלא יענע רגע האט אויף געהערט רעגענען, און עס איז ארויס געקומען א הערליכע לבנה, און תיכף ווען דער צדיק האט געענדיגט מאכן קידוש לבנה, האט זיך צוריק גענומען גיסן.

• • •

**הרה"ח רבי ישראל סופר סת"ם מקאליש ע"ה האט דערציילט**, אז איין יאר די ערשטע נאכט סוכות, האט גאר שטארק גערעגנט, און מען האט נישט געגלייבט אז מען וועט נאך קענען מקיים זיין די מצות סוכה ביינאכט, אבער דאן האט דער צדיק מזכילין גענומען זיין **סידור האריז"ל** און געשפאנט צום סוכה, און דאן האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד רבי ישראל בזה"ל, "**ישראל, זאג פארן רעגן אז עס זאל אויף הערן**".

דער רבי ישראל האט נישט גלייך געענטפערט זייענדיג אין גרויס פחד פונעם צדיק, אבער דאן האט רבי ישראל געזאגט די ווערטער, "**די רבי האט געהייסן עס זאל אויפהערן רעגענען**", לפלא יענע סעקונדע האט זיך די רעגן אפגעשטעלט, און די גאנצע יו"ט סוכות האט מער נישט גערעגנט.

• • •

**הרה"ח רבי יוחנן מוולאצלאוועק בעל מחבר קול יבשר ז"ל האט דערציילט**, אז איין יאר איז ער געווען ביים צדיק מזכילין אויף יו"ט פורים, און ווי באוויסט איז די עבודה ביום הפורים געווען גאר געהויבען ביים צדיק, דער רבי יוחנן האט דאן זייער געליטן **מיט א געפערליכע מחלה אויף די לינגען**, ביים טיש פורים צופרי האט דער צדיק אנגעגאסן א גרויסע גלאז ברוינפען, און ער האט דאס געגעבן פאר רבי יוחנן, און געהייסן אז ער זאל דאס גאנצע אויסטרינקען.

דער רבי יוחנן האט נישט געוויסט וואס צו טון, ווייל ברוינפען אליין און נאך אזא גרויסע סכום איז דאך ממש א סכנה פאר זיין מחלה, אבער די רבי האט נישט נאך געלאזט, און בלית ברירה האט דער רבי יוחנן אויסגעטרינקען דעם גאנצן גלאז בנשימה אחת.

לפלא גלייך נאכדעם האט ער ממש געשפירט ווי עס ווערט אים שוין בעסער אויפן לינגען, און נאך פורים איז דער רבי יוחנן געווען געזונט כאחד אדם, און ער האט מאריך ימים געווען נאך 20 יאר נאכדעם, ווייל דער צדיק האט מיט זיין גרויסע כוח, האט איבער געדרייט דעם דרך הטבע און באוויזן דעם מופת פון בורא רפיאות ממש.

• • •

**חסידים דערציילן די גרויסע עבודה וואס דער צדיק האט אפ געראכטן שביעי של פסח**, ביים זאגן די שירה האט דער צדיק ממש געברענט, אז די חסידים האבן ממש געשפירט ווי מען גייט יעצט דורך דעם ים, אויך איז געווען מפורסם ביי חסידי זיכלין, **אז דער צדיק האט שביעי של פסח משפיע געווען פרנסה און עשירות פאר זיינע חסידים מיט א געוואלדיגע שפע**.

הרה"ח רבי אברהם יצחק מליפנא ע"ה האט דערציילט, אז איין שביעי של פסח נאכן טיש, איז ער געזעצן אין ביהמ"ד און געלערנט, אינמיטן קומט אריין דער צדיק וקדוש רבי שמואל אבא מזיכלין זי"ע און זאגט אים בזה"ל, "**אברהם יצחק די ברויכסט ביזת הים**", דער אברהם יצחק האט געזאגט פארן רבין "**הלואי רבי הלואי**", לפלא נאך פסח האט דער חסיד אנגעהויבן טון מסחר, און ער האט מצליח געווען גאר שטארק, ביז ער איז געווארן א עושר אדיר, אלעס מיטן ברכה פונעם צדיק וקדוש.

• • •

**די מקורבים דערציילן דאס גדלות פונעם צדיק לגבי געלט**, ער האט ממש נישט געוויסט קיין צורת המטבע און ביי דעם צדיק האט קיין געלט בכלל נישט געהאט קיין שוויות, אבער לפלא האט ער געהאט אן הקפדה אויף קופערנע מטבעות וואס ער האט קיינמאל נישט צו גערירט דערצו, און ווען א איד האט געגעבן געלט אלס א פדיון, האט דער צדיק נאר מיט א שמעק געבן געוויסט אויב עס איז כשר געלט.

גאר אסאך געלט האט דער צדיק אפילו נישט צו גערירט דערצו, נאר ער האט געהייסן מען זאל עס מבער זיין, אבער לפלא מיט די אלע גרויסע געלטער וואס דער צדיק האט כסדר באקומען פון אידן, האט אבער ביים צדיק אין שטוב געהערשט א שרעקליכע דחקות, ווייל דער צדיק האט כמעט גארנישט גענומען פאר זיך, נאר האט אוועק געטיילט אלעס פאר צדקה.

• • •

**ווען דער הייליגען צדיק מזיכלין זי"ע** האט נאך געוואוינט אין שטאט **אוזערקוב**, איז געווען דארט א איד א חסיד פונעם רבין, און ער פלעגט **יעדע וואך שיקן א באטל וויין פארן צדיק לכבוד שבת קודש**, איין וואך האבן די מתנגדים אין שטאט געוואלט חוזק מאכן פונעם צדיק, זענען זיי געגאנגען צום משרת פון דעם איד, און האבן אים משכנע געווען, **אז ער זאל רח"ל שיקן א באטל וויין פארן צדיק וואס איז יין נסך, און אזוי האבן זיי געוואלט חוזק מאכן פונעם צדיק**.

ערב שבת קודש האט דער משרת מקיים געווען וואס די מתנגדים האבן געבעטן, און ער האט איבער געגעבן א באטל יין נסך פארן גבאי, און איינע פון די מתנגדים איז פרייטאג ביינאכט געגאנגען, און זיך געשטעלט ביים פענסטער פונעם ביהמ"ד, כדי ער זאל הערן ווי דער צדיק מאכט קידוש אויף יין נסך, אבער לפלא אזוי ווי מען האט אנגעגאסן דעם כוס צו קידוש, און די רבי האט גענומען דעם כוס אין די האנט, האט זיך דער כוס אנגעהויבן ווארפן, און דער צדיק איז גלייך צו געלאפן אינדערזייט און אויסגעגאסן דעם גאנצן וויין, און געהייסן מען זאל ברענגען אנדערע וויין און א אנדערע כוס.

ווי נאר דער מתנגד האט דאס געהערט, איז אויף אים געפאלן א שרעקליכע פחד זעענדיג דעם רוח הקודש פונעם צדיק, און ער האט זיך אויס געדרייט און געוואלט אנטלויפן, אבער ער האט נישט געכאפט אז ער שטייט הויעך אויף עפעס ביים פענסטער, און ער איז אראפ געפאלן און זיך גוט צע'מזיק'ט, און ער האט אנגעהויבן שרייען פון גרויס ווייטאג, און ווען דער גאנצער עולם איז ארויס געלאפן און געזען דעם איד ליגן אויף דער ערד, האט ער דערציילט די גאנצע מעשה וואס זיי האבן דא געוואלט אפטון פארן צדיק, דאן האבן שוין די חסידים פארשטאנען וואס דא איז פאר געקומען.

• • •

**איין יאר איז ביים צדיק אין שטאט זיכלין** נישט געווען צו באקומען שיינע הדסים פאר די מצות לולב, און דער צדיק האט געהאט דערפון גרויס צער, איז דארט געווען א איד א גביר הרה"ח **רבי יצחק זשעפקאוויץ** ע"ה, און ער האט געוויסט פון א פריץ וואס האט נישט ווייט פון דעם שטעטל א פעלד, ווי עס וואקסט גאר שיינע הדסים, האט ער צו געזאגט פארן רבין, אז גלייך נאך יום הקדוש וועט ער אליין אריבער פארן און ברענגען פארן רבין שיינע הדסים לכבוד סוכות, און די רבי האט גאר שטארק הנאה געהאט דערפון.

אבער ווען דער גביר איז אנגעקומען צום פריץ, האט אים דער פריץ מבשר געווען די בשורה לא טוב, אז ער האט שוין דאס גאנצע הדסים פארקויפט פאר א אנדערן, און עס איז נישט געבליבן גארנישט, און ווען דער פריץ האט געזען די צובראכענקייט פונעם גביר, אז ער וועט נישט קענען דערפילן די פארלאנג פון זיין רבין, האט ער אים געזאגט, **אז דא נישט ווייט וואוינט א אנדערע פריץ, וואס האט אויך א שיינע פעלד מיט הדסים, און דער פריץ האט אריבער געשיקט זיין משרת, אז ער זאל ברענגען פארן גביר א בינטל הדסים פון יענעם פריץ**.

און טאקע נישט לאנג נאכדעם איז דער משרת צוריק געקומען מיט גאר שיינע הדסים, און דער גביר האט גענומען א שליח וואס זאל דאס תיכף אריבער טראגן צום רבין, אבער לפלא אזוי ווי דער צדיק האט גענומען די הדסים אין די האנט און א קוק געגעבן דעראויף האט ער געזאגט, **"איך וועל אויף די הדסים נישט מאכן קיין ברכה, ווייל איך זעה אויף דעם א צורת שתי וערב רח"ל**", און דער צדיק האט תיכף געהייסן מען זאל די הדסים מבער זיין.

דער גביר הערענדיג פון זיין משרת די גאנצע מעשה, האט ער געהאט גרויס עגמת נפש דערפון, אבער האט גלייך פארשטאנען אז דער צדיק מיט זיינע הייליגע אויגן ווייסט גאר גוט וואס ער זאגט, און דעם ערשטן טאג חוה"מ איז דער גביר אריבער געפארן צו יענעם פריץ, און לפלא האט ער געזען, **אז די הדסים זענען געוואקסן אין א גוישע בית הקברות, וואס דארט זענען געלעגן אויף די קברים שתי וערב'ס**, און דאן האט ער פארשטאנען די הייליגע אויגן פון דעם צדיק, אז נאר מיטן קוקען אויף די הדסים, האט דער צדיק גלייך מרגיש געווען די טמאה.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל איז דער צדיק מזיכלין זי"ע געפארן מבקר חולה זיין איינע פון די

צדיקי הדור, און יענער צדיק האט דעם רבין גאר שטארק מכבד געווען, און דארט צווישן די חסידים איז געווען אפאר נארישע אידן וואס האבן נישט אויס געהאלטן, אז זייער רבי איז אזוי מכבד דעם רבין, האבן זיי געטון מעשה אשר לא יעשו, און זיי זענען ארויס צום בעל עגלה פונעם רבין, און זיי האבן דעם בעל עגלה גאר שטארק אנגעטרינקען, ביז ער איז געווארן ממש שיכור, **און דאן האבן זיי שוואך געמאכט די רעדער פון די וואגן, אז כדי ח"ו ווען דער צדיק הייבט אן פארן וועט דאס גאנצע וואגן צעפאלן**.

לפלא אזוי ווי דער צדיק איז ארויס געקומען, און ארויף געלייגט דאס ערשטע טריט אויפן וואגן, האט זיך דער צדיק אן געריפן, **מיט דעם וואגן וועל איך נישט פארן**, און דער צדיק האט געהייסן מען זאל ברענגען א אנדערע פערד און וואגן, אבער אזוי ווי דער צדיק האט אנגעהויבן פארן מיטן אנדערן וואגן, איז דער ערשטער בעל עגלה געווארן אין כעס, אז דא האט מען אים געלאזט אזוי לאנגווארטן, און יעצט נעמט מען א אנדערע בעל עגלה.

האט ער אנגעהויבן נאכלויפן דעם רבין'ס וואגן, אבער יענע מינוט האבן זיך די רעדער פונעם וואגן צעטיילט, און דער בעל עגלה איז אראפ געפאלן און זיך ביטער צעקלאפט, דאן האבן אפילו די חסידים פונעם אנדערן רבין געזען, **אז דער צדיק האט רוח הקודש, און מיט זיינע הייליגע אויגן האט ער דאס אלעס מרגיש געווען גלייך**.

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה פלא**, וואס האט פאסירט ביים הייליגען צדיק וקדוש רבי שמואל אבא מזיכלין זי"ע, ווי באוויסט האט דער צדיק אייביג מקפיד געווען נישט צו זיין אין קיין שום שטאט אויף א שבת, נאר האט אייביג געמאכט זיכער צו זיין ביי זיך אין שטאט אויף א שבת, גרויסע שטעט זענען זיך געקומען בעטן אז דער צדיק זאל קומען צו זיי אפרעכטן זיין הייליגע עבודה שבת קודש, אבער דער צדיק האט זיי אלע אפ געזאגט.

איין וואך האט זיך געמאכט, אז איינע פון די גבירים פון שטאט לאדזש האט געהאט א קינד, און די ברית האט געברויכט זיין פרייטאג, איז דער גביר אויף געקומען מיט א פלאן, אז ער וועט מכבד זיין דעם רבין מיט סנדקאות, און מען וועט די סעודת ברית פארציען ביז שפעט, וואס ווי דער מנהג ביים רבין איז געווען, אז ער איז נישט געפארן אויפן וועג נאך חצות ערב שבת קודש, און אזוי וועט די רבי בלית ברירה מיזן בלייבן ביי זיי אויף שבת.

דער גביר איז געפארן קיין זיכלין, און האט טאקע מכבד געווען דעם רבין מיט סנדקאות, און ווי זיין מנהג האט דער צדיק קיינמאל נישט אפ געזאגט קיין מצוה, אבער דער צדיק האט זיך אויס געגומען מיטן גביר, אז ער וועט מיזן ארויס פארן פון שטאט גענוג צייטליך צו זיין צוריק ביי זיך אין שטאט אויף שבת קודש, דער גביר האט דאס צו געזאגט פארן רבין, אבער האט געטראכט, אז מען וועט שוין אויף קומען מיט א פלאן פרייטאג ווי אזוי מען זאל דעם צדיק אפהאלטן ביי זיי אין שטאט.

דער צדיק איז טאקע געקומען קיין לאדזש צום ברית, און די חסידים זענען געגאנגען **און האבן צוריק גערוקט מיט צוויי שעה אלע זייגער'ס אין שטוב ווי דער ברית האט געברויכט פארקומען**, און אזוי האבן זיי געטראכט אז דער רבי וועט נישט וויסן וויפיל די זייגער איז פונקטליך, און מען וועט אזוי קענען אויספאפן דעם רבין, די ברית איז טאקע פאר געקומען, און די רבי האט זייער געיאגט דעם סעודת ברית, די חסידים זענען צו געגאנגען צום רבין און געוויזן אויפן זייגער און געזאגט, פארוואס יאגט די רבי אזוי דעם סעודה, עס איז דאך נאך דא גענוג צייט אן צו קומען צוריק אהיים בעפאר חצות.

דאן האט דער צדיק זיך אנגעריפן צו די חסידים, **איר מיינט אז איר קענט מיך אויס נער'ן מיטן זייגער, און דער צדיק האט געגומען זיינע הייליגע ציצות אין די האנט, און ער האט זיי געזאגט פונקטליך וויפיל די זייגער האלט יעצט מיט די רגעים ממש**, פארשטייט זיך אז די חסידים זענען ארויס פון התפעלות פון דעם מופת.

אבער ווען דער צדיק האט געזען ווי די אלע וואונדערן זיך אזוי, פון ווי ער האט געוויסט וויפיל די זייגער איז פונקטליך, האט דער צדיק דערציילט פאר זיי פון ווי ער האט באקומען דעם

מתנה, אז ווען ער איז נאך געווען א קליין קינד פון 6 יאר אלט אין שטאט לויביטש, פלעגט איינמאל א יאר קומען אין שטאט דער צדיק וקדוש **רבי שמעון מיערסלוב** זי"ע אויף א שבת, און דאן פלעגן די קינדער פון שטאט גיין זאגן די ברכות פארן צדיק, און ער האט נאך געזאגט אמן.

די לעצטע מאל וואס דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע איז געווען ביי אונז אין שטאט לויביטש פאר א שבת, נאכן זאגן די ברכות פארן צדיק, האט מיך דער צדיק צו געריפן און געזאגט, **איך ווייס נישט אויב איך וועל נאכאמאל קומען צו ענק אין שטאט, דערפאר געב איך דיר א געזעגענונג מתנה וואס מען האט דאן געריפן "לעצט געלט"**, און דאן האט מיר דער צדיק רבי שמעון מיערסלוב זי"ע געגעבן דעם סוד, **אז ווען איך נעם מיינע ציצות אין די האנט און איך קוק אויף זיי, ווייס איך די פונקטליכע צייט ווי דער זייגער האלט**, און נאך די מעשה איז דער צדיק אהיים געפארן אויף שבת.

• • •

**עס איז געווען א בחור שמואל לייב פון שטאט ליטערמורסק**, וואס האט געהאט א מנהג טוב, אז ער פלעגט יעדן ערב שבת קודש אריבער פארן צום שטאט **סטריקוב**, און ער האט אן געצינדן ליכט ביים ציון הקדוש פונעם צדיק **רבי פישל מסטריקוב** זי"ע, און ער איז שוין געבליבן אין שטאט סטריקוב פאר שבת, און נאך שבת איז ער אהיים געפארן, און דער בחור האט פאר א לאנגע צייט אן געהאלטן דעם מנהג.

איין טאג איז געקומען זיין צייט זיך צו שטעלן צו די מיליטער, און יענעם ערב שבת קודש ווען ער איז געפארן קיין סטריקוב, האט ער געצינדן די ליכט און זייער געוויינט און מתפלל געווען ביים צדיק, אז ער זאל ניצל ווערן און נישט ברויכן דינען אין די מיליטער, און פון גרויס טרדת הדרך און פון זיין געוויין, **איז דער בחור איין געשלאפן ביים ציון**, און בחלומו זעהט ער דעם צדיק רבי פישל מסטריקוב, און דער צדיק זאגט אים בזה"ל, **"עס איז פארפאלן, די מוסט גיין מיט א ביקס"**.

פארשטייט זיך ווען דער בחור האט זיך דערוועקט, איז ער געווען שטארק צעטראגן, דא קומט ער יעדע וואך און איז זיך מטריח פארן צדיק צו צינדען ליכט ביי זיין ציון הקדוש, און דא איז דער צדיק אים מבשר אזא ביטערע בשורה, אז ער וועט מיזן דינען אין די מיליטער, און מיט גרויסע צעבראכענקייט איז דער בחור דאן געפארן קיין לאדזש, דארט האט ער אנגעטראפן איינע פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק מזיכלין הרה"ח **רבי אברהם אזערקאווער** ז"ל.

ווען דער רבי אברהם האט געהערט די מעשה פונעם בחור, האט ער גלייך פארשטאנען, אז דא איז נישט פאר געקומען קיין פשוטע זאך, האט ער גע'עצה'ט פארן בחור, **אז ער זאל קומען מיט אים קיין זיכלין צום אייניקעל דער צדיק רבי שמואל אבא זי"ע**, און ער זאל פארן צדיק פשוט דערציילן זיין צרה, אז ער ברויך זיך שטעלן צו די מיליטער, און ער וויל א ברכה אז ער זאל ניצל ווערן.

דער בחור האט געפאלגט דעם חסיד, און איז מיט אים געפארן קיין זיכלין, און דער בחור איז אריין צום צדיק, און זיך אויס גערעדט זיין צובראכענע הארץ, אז ער ברויך זיך שטעלן צו די מיליטער, און ער האט געבעטן א ברכה פונעם צדיק.

דאן האט אים דער צדיק מזיכלין געפרעגט, **איז דא ביי ענק אין שטאט א חברה גמילות חסדים, הכנסת כלה, ביקור חולים**, האט דער בחור געזאגט אז יא, האט די רבי געפרעגט פונעם בחור, **ווי אזוי האבן די אלע געלט צו געבן**, האט דער בחור געזאגט, אז עס זענען דא גבאים אין שטאט וואס גייען ארום יעדע וואך און נעמען צוזאם נדבות פון אידן אין שטאט.

דאן האט דער צדיק געזאגט פארן בחור, בעט פון איינע פון די גבאים, **אז ער זאל דיך לאזן פאר אראפ וואכן ארום גיין מיט די פושקע צוזאמען נעמען געלט**, און דאן האט דער צדיק אויס געפירט בזה"ל, **"ויהי קופסא תחת קופסא"**, און דער צדיק האט צו געלייגט די ווערטער **"א ביקס פאר א ביקס"**, דער בחור האט אויס געפאלגט דעם רבין, און ווען ער האט זיך געשטעלט צו די מיליטער, איז דער בחור ארויס פריי ממש חוץ לדרך הטבע, און דאן האט ער געזען דעם רוח הקודש פונעם צדיק, **אז אפילו ער האט בכלל נישט דערציילט דעם חלום, האט דער צדיק געוויסט צו זאגן וועגן א "ביקס"**.

• • •

**איינמאל איז דער צדיק וקדוש געקומען צום שטאט פאדעמביץ**, און ער איז דארט איין געשטאנען אין שטוב פון הרה"ח **רבי שמעון וואלדמאן** ע"ה, וואס איז געווען פון די גרויסע חסידים פונעם צדיק, ווען דער צדיק איז אנגעקומען צום שטוב און ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף די מזוזה, האט דער צדיק גלייך געזאגט, **אז אין דעם שטוב וועט ער נישט אריין גיין, ווייל ער איז מרגיש א ריח פון מינות אין דעם שטוב**.

פארן חסיד איז דאס געווען א גרויסע פלא, ווייל ער איז געווען א גאר ערליכער איד און קיינמאל נישט אריין געברענגט קיין ספרים חיצונים אין זיין שטוב, אבער דער צדיק האט זיך געהאלטן ביי זיינס, און בשום אופן נישט געוואלט אריין גיין אין שטוב, דער רבי שמואל איז אריין מיט די גבאים, און מען האט אינטער זיכט דעם גאנצן שטוב, **און לפלא האט מען צווישן די ספרים געטראפן א חימוש מיטן פירוש פון מענדלסאהן שר"י**.

אבער פארשטייט זיך אז דאס איז בטעות אריין געקומען אין שטוב, ווייל דער רבי שמואל איז געווען א מחבב ספרים, און ער האט איינמאל איין געקויפט א גרויסע סכום מיט ספרים, און בטעות איז דער ספר אויך מיט געקומען, אבער דער צדיק מיט זיין גרויסע קדושה האט דאס גלייך מרגיש געווען, און ערשט נאכדעם וואס מען האט דעם ספר טמא ארויס געטראגן, איז דער צדיק אריין געקומען צו רבי שמואל אין שטוב.

• • •

**הרה"ח רבי הירש ליב מפלאצק ז"ל** וואס איז געווען א גרויסע חסיד פונעם רבין מזיכלין זי"ע, האט דערציילט, אז איינמאל איז ער געפארן מיט נאך א חסיד אויף די צווייטע טעג שבועות צום רבין, אויפן וועג האבן זיי געטראפן א פיש סוחר, וואס האט געהאט מיט זיך א גרויסע פיש, און דער פיש סחור האט זיי אן געטראגן צו פארקויפן די פיש.

אבער זיי האבן דאך נישט געברויכט די פיש, האבן זיי זיך פראבירט צו אפשאקלן פונעם סוחר, אבער דער סוחר האט נישט נאך געלאזט און אראפ געריקט די פרייז, ביז דער סוחר האט זיי געגעבן דעם פיש ממש כמעט פאר בחינם, און זיי האבן גענומען דעם פיש און ווייטער געגאנגען קיין זיכלין צופיס.

אזוי קומענדיג נאנט צום שטאט זיכלין, האבן זיי געזען דעם משמש בקודש פונעם רבין, ווי ער גייט ארום צעבראכן, און ווען ער האט זיי דערזעהן האט ער זיך זייער געפרייט צו זיי, און זיי ארויף גענומען אויף זיין וואגן און זיי געטראגן קיין זיכלין.

און דאן פרעגט דער משמש פון רבי הירש ליב, וואס האסטו דארט אין דאן זאק, זאגט דער ר' הירש ליב, **דאס איז א פיש וואס א סוחר האט ממש ארויף געצווינגען אויף אונז צו קויפן**, ווען דער משמש האט דאס געהערט, **האט זיין פנים אויף געלאכטן**.

און דער משמש דערציילט פאר די צוויי חסידים, אז אין שטאט זיכלין איז שוין די לעצטע פאר טאג נישט דא צו באקומען קיין פיש, און די רבי איז זייער בצער אז ער האט נישט קיין פיש אויף יו"ט, דאן האבן די חסידים שוין פארשטאנען, פארוואס דער סוחר האט זיי אזוי געמיטשעט צו קויפן דעם פיש, **אז מען האט זיי דא מן השמים מזכה געווען צו ברענגען א פיש פארן רבין אויף יו"ט**.

אבער לפלא אזוי ווי ר' הירש ליב קומט אריין מיטן פיש צום רבין, זאגט אים דער הייליגער צדיק מזיכלין בזה"ל, "**הא, הירש לייב, איבער אפאר גילדין האנדעלט מען זיך, ארויס צו ראטעווען א נשמה פון א צדיק פון א גוי'ס האנט ארויס, וואס טוסטו ווען ער וויל דיך נישט פארקויפן פאר וויפיל די ווילסט**".

דאן האט שוין דער חסיד הירש לייב גאר גוט פארשטאנען וואס דא איז פאר געקומען, און ביים טיש ווען דער צדיק האט געגעסן דעם פיש האט ער געזאגט בזה"ל, "**הא הא א צדיק גדול, נאך צוליב א קלייניגקייט האט ער געברויכט מגולגל ווערן אין דעם פיש, און יעצט ב"ה קען דער נשמה פונעם צדיק ארויף גיין למקום מנוחתו**", און דאס אלעס האט דער צדיק געזען ברוח קדושו, און האט געארבעט מיט זיינע מעשים און מתקן געווען א נשמה קדושה.

• • •

**דערציילט מען א מעשה פון תחיית המתים וואס האט פאסירט ביי דעם צדיק רבי שמואל אבא מזיכלין זי"ע**, דער חסיד דער גביר רבי ליב קושמעראק ע"ה איזליידער קראנק געווארן אויף זיינע עלטערע יארן מיט די מחלה טיפוס רח"ל, און ער איז געווארן אין א שרעקליכע מצב אז ער האט שוין נישט געקענט רעדן, זיין ווייב וואס איז געווען יונגער פון אים איז געווען זייער צובראכן פון די מצב פון איר מאן, איז זי גלייך געפארן קיין זיכלין צום צדיק און מזכיר געווען איר מאן.

דער צדיק האט איר אויס געהערט, און דאן האט ער איר געזאגט בזה"ל, "**ווייַן נישט, ווייל דיין מאן וועט נאך געזונט ווערן און די וועסט נאך האבן קינדער פון אים**", און דער צדיק האט אהין געגעבן פאר די ווייב א סגולה וואס זי זאל לייגן אויפן קאפ פונעם חולה, און ער וועט אי"ה האבן א רפואה שלימה, די פרוי זייענדיג שטארק אין אמונת צדיקים, איז גלייך אהיים געפארן צו איר מאן.

ווען זי איז אנגעקומען אין שטוב, האט שוין ליידער געהאלטן די מצב ביי איר מאן ביי גסיסה, די חברא קדישא זענען שוין געווען גרייט ביים שטוב פון דעם גביר רבי ליב, אבער די ווייב מיט איר גרויסע אמונת צדיקים האט געזאגט, אז די רבי האט געשיקט א סגולה וועט דאס זיכער ארבעטן, און ווען די חברא קדישא האבן געהערט, אז דער צדיק מזיכלין האט געשיקט א סגולה, האבן זיי צו געלאזט די ווייב צום בעט.

אזוי ווי זי האט ארויף געלייגט דעם סגולה פונעם רבין אויפן קאפ פון איר מאן, האט זיך דער מצב גלייך געטוישט און די מצב האט זיך געהאלט און איין פארבעסערן, ביז דער חולה איז ממש צו זיך געקומען, עס איז געווען א חידוש נפלא פאר אלע ארום, **ווייל מען האט ממש געזען תחיית המתים בפועל**, און אזוי ווי דער צדיק האט געזאגט, **האט זי נאך געהאט אפאר קינדער מיטן איר מאן, ווייל צדיק גוזר והקב"ה מקיים**.

• • •

**איין טאג האט דער חסיד דער גביר אדיר הרה"ח רבי ליב קושמערק ע"ה**, געקויפט א גרויסע נייע הויז נעבן דעם שטאט **בערשזין**, און לכבוד דעם חנוכת הבית האט ער געריפן דעם רבין הרה"ק רבי שמואל אבא מזיכלין זי"ע, אז ער זאל קומען באשיינען דעם חנוכת הבית, פארשטייט זיך אז ווען דער עולם האט געהערט פון די חנוכת הבית און אז דער גרויסער צדיק מזיכלין גייט קומען, זענען זיך צוזאמען געלאפן טויזענטער חסידים פון אלע שטעט ארום, צו קומען נעמען א ברכה פונעם גרויסן צדיק.

אין שטאט **טומשוב** וואס איז נישט ווייט פונעם שטאט בערשזין, האט דאן געוואוינט א איד א חסיד און א בעל מלאכה וואס האט שווער געארבעט אויף פרנסה.

אבער ליידער איז דער איד קראנק געווארן מיט א מחלה, און ער איז פארלעזירט געווארן אויפן גאנצן גוף רח"ל, דאס איינציגסטע וואס ער האט געקענט איז געווען רעדן, און אזוי איז דער איד שוין ליידער געלעגן פאר 12 יאר אן קיין רפואה, און פארשטייט זיך אז ער האט מער נישט געקענט ארבעטן און געברויכט צו קומען צו נדבות פון אידן, און דער איד האט ליידער שוין געהאט אפאר קינדער אין שידוכים, אבער קיין געלט האט מען נישט געהאט א שידוך צו טון.

ווען דער איד דער חולה האט געהערט, אז דער צדיק מזיכלין קומט קיין בערשזין, **האט ער זייער געבעטן אז מען זאל אים אויך טראגן צום צדיק, ווייל ער וויל נעמען א ברכה פונעם צדיק**, און אויך וועט ער אפשר קענען נעמען א שיינע נדבה פון דעם גביר רבי ליב.

די קינדער האבן זיך פראבירט צו טענה'נען מיטן טאטן, אז ווי אזוי טראכט ער פון גיין, ווען עס וועט דאך זיין א גרויסע עולם דארט, און ער אין זיין מצב איז דאך נישט דא קיין וועג צו קענען שטיין צווישן אזא גרויסע עולם.

אבער דער טאטע האט ממש מיט טרערן זיך געבעטן צו די קינדער, אז ער וויל זייער גיין זעהן דעם צדיק, און בלית ברירה האבן די קינדער געטראגן דעם טאטן מיט א וואגעלע קיין בערשזין, און אזוי ווי די קינדער האבן געטראכט, איז דארט געווען אזא גרויסע גדרענג, אז עס איז זיי אפילו נישט איינגעפאלן צו קענען טראגן דעם טאטן ביז צום טיר.

אבער זיי האבן געהערט פונעם עולם, אז נאכן סעודה פלאנט דער גביר ארויס צו טראגן דעם צדיק צום **גארטן פון זיין הויז, צו ווייזן פארן צדיק דעם שיינע גארטן**, האבן די קינדער גענומען דעם טאטן מיטן ווענעגלע, און מען האט זיך געשטעלט ממש ביים טיר פונעם הויז וואס פירט צום גארטן, ווייל דארט איז נאכנישט געווען אזא שטיפעניש, און דארט האבן זיי צו געווארט ביז דער צדיק וועט ארויסקומען.

דאן האט דער חולה געבעטן פון זיינע קינדער, אז מען זאל אים ארויס נעמען פונעם ווענעגלע, און מען זאל אים אראפ לייגן אויף דער ערד, ווייל ליגענדיג דארט אויף דער ערד וועט דער עולם רחמנות האבן אויף אים, און מען וועט זיכער אבאכט געבן אז מען זאל אים נישט ציטרעטן, און אזוי וועט ער אפשר קענען זיך מזכיר זיין ביים צדיק.

טאקע נאך א שטיק צייט, איז דער צדיק ארויס געקומען אין גארטן, און גלייך האט דער חולה אנגעהויבן ביטערליך וויינען, **און ער האט געבעטן אז דער צדיק זאל זיך מרחם זיין אויף אים, ווייל שוין 12 יאר וואס ער ליגט שוין אזוי פארלעזירט און קען זיך רח"ל נישט באוועגן**, און אזוי האט דער איד געוויינט מיט ביטערליכע טרערן צום צדיק.

פארן גביר האט דאס זייער געשטערט, ווייל ער האט נישט געוואלט דא מצער זיין דעם רבין מיט די צרה פון דעם איד, האט ער תיכף דערלאנגט פארן חולה א שיינע נדבה, און ער האט געבעטן דעם צדיק זאל געבן א ברכה פארן חולה.

דאס רחמנות פון דעם צדיק וקדוש האט זיך דערוועקט פונעם געוויין פון דעם חולה, און דער צדיק האט דאן געזאגט, **מיר גלייבן אז יעדעס ווארט אין די תורה איז אמת ויציב, און עס איז ח"ו נישט דא קיין איין איבעריג ווארט אין תורה שבכתב אדער אין תורה שבעל פה, און די גמרא (ברכות ה' ע"ב) דערציילט די מעשה רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא חֲלַשׁ. עָל לְגַבֵּיהּ רַבִּי יוֹחָנָן אֲמַר לֵיהּ: חֲבִיבִין עָלֶיךָ יִסּוּרִין, אֲמַר לֵיהּ: לֹא הֵן וְלֹא שְׂכָרָן. אֲמַר לֵיהּ: הַב לִי יְדָךְ. יְהַב לֵיהּ יְדֵיהּ, וְאוֹקְמֵיהּ, און איך בין זיכער אז די גמרא דערציילט די מעשה, איז זיכער דא א נצחיות אין דעם.**

ווען דער צדיק רבי שמואל אבא זי"ע האט געענדיגט די ווערטער, האט ער דערלאנגט די הענט פארן חולה וואס איז געלעגן אויף דער ערד, און געזאגט, קום מיט מיר אינעם גארטן שפאצירן, **צום וואונדער פונעם גאנצן עולם, האט זיך דער חולה אויף געשטעלט אויף די פיס און אנגעהויבן גיין כאחד אדם**, אבער דאן האט דער צדיק געהייסן, **מען זאל דעם איד גלייך אוועק טראגן פון שטאט, און דער צדיק מיט זיין גרויס עניוות איז אויך גלייך אוועק געפארן פון שטאט, נישט וועלענדיג מען זאל מאכן א רעש פון זיין מופת, און דער איד איז פון דאן געווען געזונט כאחד אדם.**

**יארצייט כ"ז אלול**

**הרה"ק רבי שלום ב"ר אלעזר זי"ע, (רוקח)**
**השר שלום, ראש שושלת בעלזא**

ער איז געבוירן אין שטאט בראד, **חודש שבט בשנת תקמ"ג**.

צו זיין טאטע הגה"ק **רבי אלעזר מבראד** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי אלעזר רוקח בעל מעשה רוקח אב"ד אמסטרדם** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי נפתלי הכהן בעל סמיכת חכמים מפרנקפורט** זי"ע,
ומגזע הגה"ק **רבי צבי הירש אשכנזי בעל חכם צבי** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רבקה העניא** ע"ה,
בת הגה"ק **המקובל רבי יהודה זונדל רמר"ז מחכמי בראדי** זי"ע.

ער איז געווען א גאון הגאונים און א בקי וחריף עצום בתורת הנגלה והנסתר ומפורסם בכל קצוי תבל, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק וחסיד, ער האט עוסק געווען בתורה ועבודת השם כל ימיו במסירת נפש, אלע צדיקים בדורו האבן מעיד געווען אויפן גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה וטהרה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט כל ימיו, ער האט מרביץ תורה געווען פאר טויזענטער תלמידים ובתוכם גאר אסאך צדיקי הדור.

צדיקים האבן מעיד געווען אויף די הייליגע אויגן וואס דער צדיק האט געהאט, און ער איז געווען מפורסם אלס **א בעל רוח הקדוש אמיתי**, מען האט געזען בחוש אז דער צדיק זעהט אלעס, ער איז געווען א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, הונדערטער מעשיות ווערן דערציילט פון ישועות בעניני רפואה **וואס דער צדיק האט באוויזן נאר מיטן ארויף לייגן ידיו הקדושת אויף א איד**, ער האט געפירט זיין רבנות מיט א געוואלדיגע שטארקייט און קדושה.

ליידער זייענדיג גאר יונג, האט דער צדיק פארלוירן זיין הייליגן טאטן וואס איז נסתלק געווארן ביי 36 יאר אלט, איבער לאזענדיג א שטוב פון 8 קליינע יתומים, און דער צדיק זייענדיג פון די יונגערע קינדער, האט אים די מאמע געשיקט לערנען ביים פעטער הגה"ק **רבי ישכר בער אב"ד סקאהל** זי"ע, און דער צדיק האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע חביבות ביים פעטער, און גאר אסאך תורה און עבודת השם האט דער צדיק קונה געווען וואוינענדיג ביים פעטער.

וויבאלד דער פעטער האט געזען דאס גדלות פון דעם גאון, האט ער אים גענומען אפילו זייענדיג גאר יונג אלס אן איידעם, דאן האט דער צדיק חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת מלכה** ע"ה, בת הגה"ק **רבי ישכר בער מסקאהל** זי"ע, וואס צדיקים וגדולים האבן מעיד געווען אויף די רעבעצין, **אז זי איז געווען א געוואלדיגע צנועה ובעלת השגה און א גאר קלוגע פרוי**.

און דער הייליגער שר שלום זי"ע האט כמה פעמים געזאגט, **אז זיין גדלות בתורה איז ער תולה אין זיין רעבעצין, וואס איז אים אייביג געשטאנען צו די האנט, און פיל ארויסגעהאלפן אין זיין עבודת הקודש**.

נישט לאנג נאך די חתונה, איז דער צדיק נתקרב געווארן צום דרך החסידות, ווען ער איז געגאנגען לערנען ביי הגה"ק **רבי שלמה לוצקער המגיד מסקאהל** זי"ע, וואס איז געווען פון די גרויסע תלמידים פונעם הייליגען מגיד ממזריטש זי"ע, וואס דער צדיק וקדוש דער שר שלום האט דעם מגיד מסקאהל געהאלטן פאר זיין רבו מובהק אין תורה, גאר אסאך תורה האט דער צדיק געלערנט ביי דעם מגיד, און גאר שנעל איז דער שר שלום געווארן מפורסם אלס איינע פון די גדולים בתורה בדורו.

ווערט דערציילט, אז לערנענדיג ביים גרויסן גאון הגה"ק רבי שלמה לוצקער המגיד מסקאהל זי"ע, האט דער צדיק גענומען נאך צוויי גדולים פון דעם רבין'ס תלמידים, און צוזאמען האבן זיי געמאכט א חבורה, **וואס וועלן אויף זיין טויזענט נעכט ברציפות און עוסק זיין נאר בתורה**, אבער נאך 200 נעכט האט זיך דער ערשטער חבר אפ געטיילט, און דער צווייטער האט זיך אפ געטיילט נאך 800 נעכט, **אבער דער צדיק דער הייליגער שר שלום איז ווייטער געגאנגען מיט א מסירת נפש**.

די לעצטע נאכט פון די טויזענט נעכט, **האט דער צדיק דער שר שלום זוכה געווען צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**, וואס האט מיט אים געלערנט די גאנצע נאכט סתרי תורה, און דאס לעצטע הלכה וואס אליהו הנביא האט געלערנט מיטן הייליגען שר שלום, איז געווען **הלכות בית הכנסת**, און שפעטער האט וועגן דעם דער צדיק דער שר שלום אריין געלייט גרויסע כוחות דקדושה, **צו בויען די גרויסע ביהמ"ד אין שטאט בעלזא, וואס איז געווען בקדושה וטהרה**.

לימים האבן די חסידים געפרעגט דעם איידעם הרה"ק **רבי חנוך העניך מאלעסק** זי"ע, אויב עס איז אמת אז דער שווער איז געווען אויף טויזענט נעכט און עוסק געווען בתורה, האט דער הייליגער איידעם רבי חנוך העניך זי"ע געענטפערט, **איך אליין בין אויף געווען מיטן שווער מער פון דריי טויזענט נעכט, און מיר האבן צוזאמען עוסק געווען בתורה**.

ביי די 18 יאר בערך איז דער צדיק געווען דאס ערשטע מאל אין לובלין **ביים הייליגען חוזה** זי"ע, און נישט לאנג נאכדעם האט ער זיך שוין געציילט צווישן די גרעסטע תלמידים פונעם הייליגען חוזה, דער חוזה האט גלייך דערשפירט דאס גדלות און קדושה פון דעם צדיק.

ער האט זוכה געווען צו א קרבה יתירה פונעם הייליגען חוזה זי"ע, אפילו זייענדיג נאר 18 יאר אלט, האט אים די חוזה מכבד געווען **מיט די עליה פון שישי שבת קדוש**, אויך האט ער שוין דאן געליינט קריאת מגילה ביי זיין רבין דער חוזה, און די רבי דער חוזה האט זיך דאן אויסגעדריקט בזה"ל, **"די מעשה פון די מגילה האב איך שוין געהערט אסאך מאל, אבער אזוי ווי דער יונגערמאן האט דאס דערציילט, האב איך נאך קיינמאל נישט געהערט**".

ווערט דערציילט, אז איינמאל האט דער צדיק דער הייליגער שר שלום זי"ע געהערט פון זיין גרויסן רבין דער חוזה מלובלין זי"ע בזה"ל, **"ווער עס וואוינט נאנט צום שטאט קאזניץ, און ער גייט נישט מקבל זיין דעם צדיק, ווען משיח וועט קומען, וועט יענער נישט קענען זוכה זיין צו געבן שלום פאר משיח צדקנו**".

אזוי ווי דער תלמיד דער שר שלום האט געהערט די ווערטער, איז ער זיך געגאנגען געזעגענען פון זיין רבין, כדי צו גיין צום הייליגען מגיד מקאזניץ, האט אבער די רבי זייער געבעטן זיין תלמיד, אז אויף שבת קודש זאל ער זיין צוריק ביי אים.

ווען דער הייליגער שר שלום איז אנגעקומען קיין קאזניץ, האט אים דער גרויסער מגיד גאר שיין מקבל פנים געווען און מכבד געווען, אבער תיכף איז דער שר שלום אריין זיך געזעגענען אז ער פארט צוריק אויף שבת צו זיין רבין קיין לובלין, האט דער הייליגער מגיד געזאגט, **אויב בוסטו מסכים צו בלייבן דא ביי אונז, וועסטו זוכה זיין צו גילוי אליהו הנביא ז"ל**.

אבער דער שר שלום האט זיך ווייטער געוואלט געזעגענען, האט דער מגיד פארבירט נאכאמאל און געזאגט, **אויב בלייסטו ביי אונז וועל איך דיר ווייזן די אבות הקדושים**, אבער דער הייליגער שר שלום האט בשום אופן נישט געוואלט ברעכן זיין צוזאג פארן חוזה, אז ער קומט צוריק אויף שבת קיין לובלין, און דער שר שלום האט זיך געזעגענט פונעם הייליגען מגיד מקאזניץ.

אזוי ווי ער איז אנגעקומען קיין לובלין צום הייליגען חוזה מלובלין, האט אים זיין רבי מקבל פנים געווען מיט א שמחה און צהלות פנים און געזאגט, "**צו מוותר זיין אויף גילוי אליהו הנביא ז"ל, און אויך מוותר זיין אויף גילוי האבות הקדושים, נאר כדי צוריק צו קומען צו דיין רבין, דאס הייסט א אמת'ע חסיד**".

אויך האט זיך דער צדיק גאר אסאך מסתופף געווען בצלו פון אנדערע צדיקי הדור ובתוכם.

הרה"ק **רבי אורי השרף מסטרעליסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי ישראל הופשטיין המגיד מקאזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי אברהם יהושע בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

ווערט דערציילט, אז איינמאל ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע איז אלס יונגערמאן געווען אין שטאט אפטא ביים הייליגען אוהב ישראל זי"ע, האט אים דער אפטא רב מכבד געווען מיט **ברכת המזון**, און דאס איז געווען א גרויסע וואונדער ביי די חסידים, ווייל דער הייליגער

אפטא רב האט מקפיד געווען אליינס צו בענטשן אויפן כוס, האט דאן דער הייליגער אוהב ישראל געזאגט פאר זיינע חסידים, **איך האב היינט געזאגט תורה אויף גאר א געהויבענע דרגה, און דער איינציגסטער וואס האט באמת פארשטאנען די תורה, איז געווען דער יונגערמאן דער שר שלום מבעלזא**, וואס האט זיך אסאך מסתופף געווען ביי די תלמידי בעש"ט הקדוש זי"ע.

גאנץ אנפאנג האט דער צדיק געוואלט עוסק זיין במסחר און נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, און דערפאר האט דער צדיק וקדוש געוואלט נעמען א ארבעט **צו זיין דער בעדער פון שטאט, ווייל אין די ארבעט איז נישט דא אזויפיל שאלות אין הלכה, וויבאלד עס איז נישט דא קיין ריבות אדער סיי וואסערע אנדערע שווערע הלכות שאלות**, און דער צדיק וואס איז געווען א גאון עולם בתורה, האט בכלל נישט געזען א פחיתות כבוד אין זיין א עוסק בצרכי ציבור באמונה און באדינען דעם עולם פון שטאט און זיין דער בעדער.

אבער די רעבעצין די צדקת וואס האט גוט געקענט איר מאן און געוויסט, אז דער צדיק איז אנגעגרייט צו משפיע זיין תורה און קדושה פאר כלל ישראל, האט זי געזאגט מיט חכמה פאר איר הייליגע מאן, **וואס וועט זיין מיט שידוכים פאר די קינדער, ווייל א שידוך ברויך מען דאך נעמען איינער וואס איז גלייך צו דיר, איז אויב ביסטו א מנהיג ישראל און א רבי, דאן קען מען טרעפן א אנדערע רבי וואס זאל זיין א גלייכע מחותן, אבער נאך א בעדער אזוי ערליך ווי דיר ווייס איך נישט אויב די וועסט קענען טרעפן, און דערפאר האלט זי נישט אז די ארבעט איז פאסיג פאר אים.**

יענע צייט איז דאס פאסטן פון די רבנות אין שטאט **בעלזא** געווען ליידיג, און די אידן פון שטאט זענען געקומען פרעגן דעם חוזה מלובלין זי"ע, ווער מען זאל נעמען פאר רב, **דער הייליגער חוזה האט גלייך געוויזן אויף זיין תלמיד דער שר שלום, אז ער איז ראוי צו נעמען דאס רבנות**, אבער דער הייליגער שר שלום מיט זיין גרויס עניוות האט נישט געוואלט מסכים זיין, האט מען דאן אויף גענומען דעם צדיק הרה"ק **רבי אהרן משיח** זי"ע אלס רב, אבער ליידער האט דער צדיק נישט מאריך ימים געווען, און נאך זיין הסתלקות האט מען שוין אויף גענומען דעם שר שלום אלס רב אין שטאט בעלזא.

בשנת תקע"ז איז דער שר שלום געווארן רב אין שטאט **בעלזא**, און גלייך האבן זיך אידן יראים ושלמים און אסאך גדולים וצדיקים בדורו מדבק געווען אין דעם צדיק וקדוש, גאר אסאך פון די חסידים פון זיין רבין דער חוזה האבן זיך דאן מדבק געווען אין דעם צדיק, פון גאנץ אירופה זענען אידן געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק, און גאר שנעל איז דער צדיק מפורסם געווארן מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה וטהרה, אויף זיין גרויסע כח פון פויעלן ישועות איז מפורסם געווארן און טויזענטער אידן זענען געקומען נעמען ברכות פון דעם צדיק.

ער האט געהאט גאר אסאך תלמידים גאונים וגדולים בתורה ובתוכם גאר אסאך פון די צדיקי הדור.

הרה"ק **רבי שמעון מיערסלוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים מאיר יחיאל שפירא השרף ממוגלניצא** זי"ע,
הרה"ק **רבי חיים הלברשטאם בעל דברי חיים מצאנז** זי"ע,
הרה"ק **רבי אלעזר הורוויץ מקאזניץ** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלום רוזנפלד מקאמינקא** זי"ע,
הרה"ק **רבי אורי מסאמבור** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלמה קלוגער** זי"ע,
הגה"ק **רבי שלום מרדכי הכהן שוואדראן בעל המהרש"ם מבערזאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי יחזקאל בעל דברי יחזקאל משינאווא** זי"ע,
**חתנו** הרה"ק **רבי חנוך העניך דב מייער בעל לב שמח מאלעסק** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוד שפירא מדינוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה זלמן פרענקל מוליפולי** זי"ע,
הרה"ק **רבי יצחק אייזיק בעל פירוש מהרי"א מזידיטשוב** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלמה שפירא בעל שם משלמה ממונקאטש** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהושע מלענטשנא** זי"ע,
הגה"ק **רבי משולם פייבוש בעל שפת אמת מברעזאן** זי"ע,
הרה"ק **רבי לייביש מטאמישוב** זי"ע.

קרוב צו 40 יאר האט דער צדיק וקדוש דער שר שלום זי"ע געדינט אלס רב אין שטאט בעלזא, טויזנטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין ביי דעם צדיק וקדוש, זיין עבודת התפילה איז געווען מיט א ברען און דביקות אינעם גרויסן באשעפער, ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה מיט וואס ער האט זיך זיין גאנץ לעבן געפירט.

ווי עס איז באקאנט האט דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע עוסק געווען און אריין געלייגט גרויסע כוחות **צו בויען דעם גרויסן שוהל אין שטאט בעלזא**, און דער צדיק האט אריין געלייגט גרויסע כוחות דקדושה ביים בויען דעם שוהל, און דער שר שלום זי"ע האט געזאגט, **אז די ביהמ"ד איז געווען מכיוון צום מקום המקדש אן קיין הפסק פון א שתי וערב**, און דער צדיק האט געזאגט, **אז דאס שוהל וועט זיין פון די נאנסטע שוהל'ן צום מקום המקדש**.

דערציילט מען, אז ווען די שוהל איז שוין געווען אינגאנצן געבויעט, נאר די ווייבער שוהל איז נאכנישט געווען גרייט, איז געקומען די ימים נוראים, און די חסידים האבן געוואלט באנייען דעם שוהל לכבוד די הייליגע טעג, האט אבער דער שר שלום בשום אופן נישט געוואלט און געזאגט, **איך ברויך די ווייבער שוהל אז זיי זאלן מעורר זיין רחמי שמים און ברענגען א גוט געבענטשט יאר, ווייל זיי דאווענען דאך מיט א תמימות און ערליכקייט, און דאס איז די בעסטע מילץ יושר אין די הייליגע טעג**.

דער צדיק איז געווען מפורסם מיט זיין גרויסן כוח פון פויעלען ישועות פאר אידישע קינדער און משפיע זיין שפע פאר אידיש קינדער, ספעציעל איז דער צדיק געווען מפורסם מיט זיין גרויסע כוח פון רפואה, אדער אויף אידן וואס האבן ליידער באקומען א רוח רעה רח"ל, אדער אידן וואס זענען ליידער געשלאגן געווארן מיט שגעון אדער חולי נופל ל"ע, הונדערטער מעשיות דערציילן אידן וואס האבן געהאט א רפואה, **נאר דורך דעם וואס דער צדיק האט ארויף געלייגט זיינע הייליגע הענט אויפן פלאץ פון די מחלה**, און דער צדיק האט אליינס מעיד געווען, **אז דעם גרויסן כח האט ער מקבל געווען פון זיין רבין דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי"ע**.

איינמאל ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט געזען, אז זיינע תלמידים און חסידים וואונדערן זיך אזוי אויף דעם כח וואס ער האט מיטן אויסהיילן אידן פשוט מיט זיינע הייליגע הענט, האט דער צדיק געזאגט, איר זאלט אייך נישט וואונדערן אויף דעם, **ווייל א מענטש וואס איז זיך מקדש ומטהר זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים, ביז יעדער אבר ווערט א מרכבה לשכינה, איז זיכער אז ווען דער אבר רירט נאר אן אויף סיי וועלכע פלאץ, וועט יעדעס שלעכטס און שאדן אנטלויפן פון דארט פון זיך אליין, און מען ברויך צו דעם נישט האבן קיין קמיע אדער שמות הקדושים**.

צדיקים בדורו און אויך שפעטערע צדיקים האבן מעיד געווען גרויסע זאכן אויף דעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע, די צדיקים האבן געהאלטן דעם רבין פאר **רבן של ישראל און דער צדיק הדור**, און אלע האבן גאר שטארק געערעדט פון זיין גדלות בתורה און זיין בקיאות בכל התורה כולו, און די געוואלדיגע קדושה און טהרה מיט וואס דער צדיק האט זיך געפירט.

הרה"ק רבי דוד שפירא בעל צמח דוד מדינוב זי"ע האט געזאגט, אז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט געהאט אזא גרויסע כח, **אז ער האט געקענט משפיע זיין צו מחזיר בתשובה צו זיין די גאנצע וועלט אין איין רגע**, נאר דער צדיק האט דאס נישט געטון, ווייל חז"ל זאגן דאך, אז אין פסוק שטייט (דברים י"א כ"ב) **לְאַהֲבָה אֶת ד' אֱלֹקֵיכֶם לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְדָבְקָה בוֹ**.

פרעגט דאך די גמרא, קען דען א בשר ודם זיך מדבק זיין אינעם גרויסן באשעפער, דער באשעפער איז דאך א אש אוכלה, נאר זאגט רש"י הקדוש זי"ע, לדבקה בו מיינט, **הדבק במידותיו, מה הוא רחום, אף אתה רחום**, און וויבאלד דער באשעפער קען דאך מאכן די גאנצע וועלט פאר בעלי תשובות, און ער טוט דאס נישט, דערפאר האט דער הייליגער שר שלום זי"ע דאס אויך נישט געטון.

הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע האט דערציילט, אז ער איז איינמאל געווען ביי זיין הייליגען רבין דער שר שלום אויף סוכות, און דער רבי איז צו געגאנגען צום עמוד צו הלל מיט די

אתרוג און לולב, האט דער תלמיד געזאגט, **אז די רבי האט געדאווענט מיט אזא ברען און דביקות און ממש מיט א התפשטות הגשמיות, אז ער האט די גאנצע הלל געזען נאר דעם אתרוג און לולב, אבער דעם רבין האט ער בכלל נישט געזען ביים עמוד.**

הרה"ק רבי מאיר מפרמישלאן זי"ע האט אמאל געזאגט א ווארט אויפן פסוק (בראשית י"ד י"ח) **וּמַלְכִּי צֶדֶק מֶלֶךְ שָׁלֵם**, האט דער צדיק געזאגט, **וּמַלְכִּי צֶדֶק, וויבאלד די רעבעצין הצדקת מלכ"ה, איז געווען א צדק"ת, מֶלֶךְ שָׁלֵם, איז דער שלו"ם א מלך**, מיינענדיג צו זאגן אויפן שר שלום, **אז א גרויסע חלק פון די גדלות און דער כח פון פויעלען ישועות איז געווען אין זכות פון זיין רעבעצין די צדקת מלכה ע"ה.**

הרה"ק רבי אליעזר מדזיקוב זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע בזה"ל, "**איך שפיר נישט אין דעם דור, אז עס זאל ווער קענען גיין צו א מלך פון די גוים און זאגן שַׁלַּח אֶת עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי, אויסער דער בעלזא רבי מיט די גרויסע פאנטאפל**".

זיינע הייליגע דברי תורה זענען געדריקט געווארן אין די ספרים.

**ספר מהר"ש**
**ספר מדבר קדש,**
**ספר לקט אמרי קודש,**
**ספר ביאורי החסידות,**
**ספר הבינה והברכה.**

ער האט איבער געלאזט נאך זיך זיינע הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי אלעזר רוקח** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי דוד מסקאהל** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהודה זונדל רוקח מאוחאן** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי שמואל צבי מדרישקופלי** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה רוקח מקארוב** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי פנחס זאב הורוויץ ממיעכאוו** זי"ע,
הרה"ק **רבי שמואל שמעלקא רוקח** זי"ע,
הרה"ק **רבי יהושע רוקח מבעלזא** זי"ע, ממלא מקום אביו, חתן הרה"ק **רבי שמואל אשכנזי** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי יצחק מאיר מזינקוב** זי"ע, בן הרה"ק **בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת פריידא** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי חנוך העניך דב מייער בעל לב שמח מאלעסק** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת איידל** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי יצחק רובין מסאקלאוו** זי"ע.

מען דערציילט פון צדיקים, אז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, האט א האלבע שעה בעפאר זיין הסתלקות געזאגט, **אז בעפאר ער איז געבוירן האט ער נישט געוואלט אראפ קומען אופן עולם הגשמי, און אפילו נאכדעם וואס מען האט אים געוויזן די גרויסע שכר וואס מען באקומט אויף מצוות און מעשים טובים, און אפילו נאכדעם וואס מען האט אים געוויזן די טויזענטער אידן וואס ווארטן צו ווערן נשפע פון אים מיט תורה און קדושה.**

**מיט דעם אלעם האט די נשמה נאכאלס נישט געוואלט אראפ קומען, ביז דער באשעפער בכבודו בעצמו האט מבטיח געווען, אז ער וועט נישט נכשל ווערן מיט קיין שום חטא, און וועט צוריק געבן זיין נשמה נאך זיין פטירה צח ונקי ריין פון יעדע חטא, דאן האט די נשמה הטהורה פונעם צדיק מסכים געווען אראפ צו קומען אויף די וועלט.**

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ז אלול בשנת תרט"ו**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח החדש אין שטאט **בעלזא**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער הייליגער שר שלום זי"ע** האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**אלעס וואס א איד טוט תשובה אדער וואס א איד וועט תשובה טון ביז משיח'ס טאג, איז דאס אלעס אין זכות פונעם הייליגע רבי אלימלך מליזענסק זי"ע**".

• • •

**דער הייליגער שר שלום זי"ע** איז איין יאר יום הקדוש צו געגאנגען צו א גאר פשוטע איד, און האט אים געפרעגט, **אויב ער ווייסט וואס עס טייטשט די ווערטער "אִם עֲוֹנֵינוּ עָנוּ בָנוּ"**, האט דער פשוטע איד געזאגט פארן שר שלום זי"ע, רבי אוודאי ווייס איך וואס דאס טייטשט, און דער איד האט געזאגט, **אִם עֲוֹנֵינוּ, אפילו מיר אידן האבן**

**ליידער געזינדיגט, עָנוּ בָנוּ מיט דעם אלעם זענען מיר דיינע קינדער**, דער שר שלום האט זייער הנאה געהאט פון דעם טייטש און געזאגט, **עס איז געווען א גרויסע קטרוג אין הימל, און דער איד מיט זיין תמימות האט מעבר געווען דעם קטרוג**.

• • •

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע איז געווען גאנץ אנפאנג ביים הייליגען קאזניצער מגיד זי"ע, און דער שר שלום האט דאן בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, וויבאלד ער האט ביי זיך באמת געהאלטן מיט זיין גרויס עניוות, אז ער איז נישט ראוי צו זיין א מנהיג ישראל, האט דער קאזניצער מגיד געזאגט בזה"ל, "**ווען עס איז פארכמארעט, מאכט מען פרי שבת**", ווי צו מרמז זיין פארן שר שלום, **אז וויבאלד די וועלט איז אזוי חושך, ברויך ער מקבל זיין דאס רבנות, אפילו ער איז טאקע נאך יונג**, און טאקע נישט לאנג נאכדעם איז דער שר שלום געווארן רב אין שטאט בעלזא.

• • •

**עס איז דא אן איגרת קודש פון רבי יהושע מבעלזא זי"ע** וואס ער האט געשריבן פאר הרה"ק צמח צדיק מוויזניץ זי"ע וואס איז דאן געווען גאר שוואך און א חולה מסוכן, און די קינדער האבן זייער מפציר געווען **אז דער טאטע זאל מסכים זיין צו עסן יום הקדוש אזוי ווי דער דאקטאר האט געהייסן**, שרייבט דער הייליגער בעלזא רב אינעם בריוו, איך וויל אייך נישט איינטיילן וואס צו טון, אבער איך וויל אייך דערציילן א מעשה, **וואס איז געווען ביים טאטן דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע**.

ווען דער טאטע דער הייליגער שר שלום זי"ע איז געווען סוף ימיו גאר שוואך און א חולה מסוכן, זענען מיר די קינדער ארום און קיין קאפ נישט וויסענדיג וואס עס וועט זיין יום הקדוש, אויב דער טאטע וועט מסכים זיין צו עסן אזוי ווי דער דאקטאר האט געהייסן, דערווייל האט דער טאטע דער הייליגער שר שלום זי"ע געגעסן יום הקדוש מיט אזא ברען, **אז דער ברען האט מען געזען ביים טאטן ביי אכילת מצה, ביי נטילות לולב, און אויך יענעם יום הקדוש ביינאכט**, ווייל דער זעלבער באשעפער וואס האט געהייסן נישט עסן יום הקדוש, האט אויך געהייסן עסן יום הקדוש ווען מען איז א חולה, און מען איז מקיים דעם זעלבן מצוה ביי ביידע.

• • •

**אין ספר שדה צופים ווערט געברענגט**, אז איינמאל האט רבי שלום מקאמינקא זי"ע דערציילט פאר זיין רבין דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע, אז ער האט זיך אונטער געהערט ביי א פשוטע מענטש, ווי אזוי יענער פירט דעם סדר פסח אויפדערנאכט, האט ער געהערט ווי יענער זאגט די הגדה, און ווען ער איז אנגעקומען אין די הגדה ביי אחד חכם, **האט ער ארויף געלייגט די הענט אויף די אויגן ביי יעדע אחד כאילו ער ליינט קריאת שמע**.

ווען דער הייליגער בעלזא רב האט דאס געהערט, האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט אזוי פשוט, נאר עפעס ליגט אין דעם באהאלטן, און ער האט דאס מסביר געווען און געזאגט, עס וועט קומען טעג וואס די רוח הטומאה וועט אפגעטון ווערן פון כלל ישראל, און דאן וועט יעדער איד נישט קיין חילוק אין וואסערע מצב ער איז, איינזען אז דער באשעפער איז איינס און אויסער דעם באשעפער איז נישט דא קיין איינער.

און דאס איז באהאלטן און דעם, אחד חכם, אחד רשע, אחד תם, אחד שאינו יודע לשאול, אז יעדער איד וועט זאגן "אחד" אז דער אייבערשטער איז איינס, און דאס זאגט די הגדה, **רַבּוֹתֵינוּ, הִגִּיעַ זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית**, וואס די ווארט "שחרית" איז נוטריקון "חכם, רשע, תם, שאינו יודע," אז אונז אידן בעטן מיר, אז עס זאל שוין קומען די צייט וואס יעדער וועט איינזען, אז עס איז נישט דא גארנישט אויף דער וועלט אויסער דער גרויסער באשעפער וואס ער פירט אלעס.

• • •

**אמאל די ערשטע נאכט פסח פארן סדר**, איז די בעלזא רב הרה"ק רבי שלום זי"ע געווען זייער ערנסט, האט אים זיין תלמיד הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע געוואלט דערפרייען זיין הארץ, האט ער אים אזוי געזאגט.

איך וועל פארציילען דעם רבי'ן וואס איך האב געהערט פון א דארפסמאן, וואס האט איינגעטייטשט דעם פסוק "**והיא שעמדה**", און אזוי געזאגט, בעלזא רב שטייט אצינד און בעט פאר אונז אז מיר זאלן געהאלפן ווערן מיט אלעם גוטס.

און דאס איז פשט אינעם פסוק, והיא בעלזא רב, שעמדה לאבותינו ולנו, וואס שטייט שטענדיג

און דאווענט פאר אונז, אבער די אמת איז, אז נישט נאר בעלזא רב דאווענט פאר אונז, ווייל אין א יעדען דור זענען דא צדיקים וואס דאווענען פאר אונז, און דאס מיינט די פסוק, שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותינו, נישט נאר בעלזא רב שטייט און דאווענט פאר אונז, (לכלותינו איז אזוי ווי לחלותינו צו בעטן), אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו.

אבער איין זאך בעטן מיר, והקב"ה מצילנו מידם, אז די אייבערשטער זאל אונז ראטעווען פון די צדיקים אזוי ווי בעלזא רב און דאס גלייכן, אז מ'זאל נישט דארפן אנקומען צו זייערע טובות אז זיי זאלן דארפן דאווענען פאר אונז, נאר ס'זאל אונז זיין גוט'ס אן זיי, ווען דער הייליגער בעלזא רב האט עס געהערט, האט ער זיך צו שמייכעלט און געווארן אין א פרייליכע גיסטע.

• • •

**איין שבת איז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** געווען ביים רבין דער הייליגער שרף מסטרעליסק זי"ע אויף שבת קודש, מוצאי שבת ווען דער הייליגער שרף האט געמאכט הבדלה, האט זיך דער כוס אויסגעגאסן אינמיטן הבדלה, מען האט דאס צוריק אנגעפילט, אבער גלייך האט זיך עס נאכאמאל אויס געגאסן, קיינער פון די תלמידים האבן נישט געוויסט קיין פשט.

זענען די תלמידים געגאנגען צום הייליגען בעלזא רב זי"ע, און געפרעגט וואס דער פשט איז, אבער דער בעלזא רב האט נישט געוואלט זאגן, אבער נאכדעם וואס מען האט אים שטארק געמיטשעט, האט ער געזאגט אז ער וועט זאגן די סיבה.

דאן האט ער געהייסן אז מען זאל רופן א איד וואס וואוינט אין א שטאט נישט ווייט פון סטרעליסק, און מען האט דעם איד געפרעגט וואס איז ביי ענק אין שטאט פאר געקומען די וואך, האט דער איד דערציילט, אז א איד איז נפטר געווארן ערב שבת קודש, און מען איז נאך אנגעקומען צו בערדיגן דעם נפטר ערב שבת בעפאר דעם זמן.

האט דער בעלזא רב דערציילט, אז דער איד איז געווען א גרויסער תומך פארן שרף מסטרעליסק זי"ע, און ווען ער איז ארויף געקומען בעולם העליון, האט מען אים אריין געפירט אין גן עדן, אבער ווען עס איז געקומען מוצאי שבת קודש, האט מען אים געוואלט אריין טראגן אין גיהנום, אבער דער הייליגער שרף האט געזאגט פאר די שליחים, אז ער איז נישט מסכים אז דער איד זאל גיין אין גיהנום.

אבער ווען די שליחים האבן געזאגט פארן שרף אז ער האט נישט קיין דעה, **האט דער הייליגער שרף געזאגט, אויב אזוי וועל איך אויסלעשן דעם גיהנום, און דאס האט דער הייליגער שרף געטון מיטן אויסגיסן די כוס ביי הבדלה, און יעדעס מאל ער האט דאס אויס געגאסן, האט ער מער אויס געלאשען דעם גיהנום.**

• • •

**צו פארשטיין אביסל דעם קדושה און דעם ריינעם אמונה** פונעם גרויסן הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע אין יעדע ווארט וואס שטייט אין תנ"ך, קען מען זעהן אביסל פון די מעשה, דער צדיק האט דערציילט, אז ווען ער איז געווען נאך די חתונה סמוך על שולחן חמיו הגה"ק רבי ישכר בער מסקאהל זי"ע, איז דאן געווען א שווערע גזירה אויף כלל ישראל, אז יעדער ברויך דינען אין די מיליטער, און גאר אסאך אידן זענען ליידער פארשלעפט געווארן אין די מיליטער.

איין טאג זענען די שוטרים אריין געקומען אין שטאט סקאהל ווי דער שווער האט געוואוינט, און זענען ארום זיכען די אידישע קינדער פאר די מיליטער, איין טאג האט דער שווער געזען, אז די שוטרים קומען צו זיין שטוב ווי זיין איידעם איז געווען, איז ער שנעל אריין געלאפן זאגן פארן איידעם, אז ער זאל זיך גיין באהאלטן פון די שוטרים אז זיי זאלן אים נישט טרעפן.

אבער לפלא איז דער איידעם דער הייליגער שר שלום בכלל נישט געווארן דערשראקן, נאר איז געגאנגען מיט א רואיגקייט און זיך ארום געוואשן מיטווארעם וואסער אזוי ווי ער טוט ערב שבת קודש, און דאן האט דער צדיק אנגעטון זיינע בגדי שבת, און ער האט זיך געזעצט ביים טיש לערנען, און לפלא ווען די שוטרים זענען אריין געקומען אין שטוב, האבן זיי בכלל נישט באמערקט דעם צדיק דארט זיצן, און נאך אפאר מינוט האבן זיי פארלאזט דעם פלאץ.

ווען די שוטרים זענען אוועק פון שטוב, האט דער שווער מיט וואונדער געפרעגט דעם איידעם,

ווי אזוי האט דאס פאסירט אז די שוטרים האבן דיך בכלל נישט געזען, אפילו די בוסט געזעצן ממש פארענט פון זיי ביים טיש, האט דער הייליגער שר שלום זי"ע געענטפערט מיט א פשטות, **אויב שטייט אין (מגילות רות ג' ג') וְרָחַצְתְּ וָסַכְתְּ וְשַׂמְתְּ שִׂמְלֹתַיִךְ עָלַיִךְ, אַל תִּוָּדְעִי לָאִישׁ, און רש"י הקדוש זאגט אויפן פלאץ אז שִׂמְלֹתַיִךְ מיינט בגדי שבת, דאן וועט מקיים ווערן דעם צווייטן חלק אז, אַל תִּוָּדְעִי לָאִישׁ, אז קיין שום מענטש וועט דיך נישט זעהן.**

• • •

**מען דערציילט**, אז אינעם ביהמ"ד פונעם הייליגען שר שלום זי"ע איז א גוי אריין געקומען אין ביהמ"ד יום הקדוש ביי נעילה, און ער האט מסדר געווען די ליכט פונעם עמוד אינעם ביהמ"ד, כדי די אידן אין ביהמ"ד זאלן קענען זעהן די מחזורים ביי נעילה, ווייל דאן איז שוין געווען כמעט נאכט, די רעבעצין די צדקת מרת מלכה ע"ה האט געזאגט פאר איר הייליגע מאן, אז עס פאסט דאך נישט אז אין אזא הייליגע טאג ווי יום הקדוש, זאל אריין קומען אין ביהמ"ד א גוי, האט דער צדיק געזאגט, **אדרבה, ווען דער גוי קומט אריין אין ביהמ"ד, איז דאס א מילץ יושר אויף די אדישע קינדער, אז דער באשעפער זעהט דעם גוי, און זעהט די חילוק צווישן דעם גוי און די אידן, ברענגט דאס ברכות און א גוט יאר אויף אידישע קינדער.**

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע איז געווען אויף א שבת אין שטאט זאלקאווע, וואס איז נישט געווען קיין חסידישע שטאט, האט דער שר שלום געוואלט דאווענען פרייטאג צו נאכט אויפן דרך החסידות און זאגן "**הודו**" בעפאר מנחה און "**כגוונא**" בעפאר מעריב, אבער ער האט נישט געוואלט מאכן קיין מחלוקה דארט אין שוהל.

האט דער הייליגער שר שלום זי"ע דאס געטון מיט גרויס חכמה, ער האט געפרעגט דעם שמש אין שוהל, **אויב ער קען בעפאר מנחה זאגן א קאפיטל תהילים**, דער שמש האט גערן מסכים געווען, און דאן האט דער צדיק געזאגט קאפיטל ק"ז "**הודו**" מיט א ברען, און דאן ביי מעריב האט ער געפרעגט פונעם שמש, **אויב ער קען זאגן א שטיקל זוהר בעפאר מעריב**, דער שמש האט אים געזאגט פארוואס נישט, האט דער הייליגער שר שלום געזאגט "**כגוונא**", דאס איז געווען זיין גרויסע חכמה, אז ער האט בשום אופן נישט געוואלט ברענגען קיין מחלוקה.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז א איד א חסיד וואס האט געהאט א פעלד מיטביימער פון עפל, און ער האט געהאט א פראבלעם, אז די עפל זענען אראפ געפאלן בעפאר די צייט, און ער האט געהאט א גרויסע שאדן דערפון, איז ער געפארן קיין בעלזא צום הייליגען שר שלום זי"ע, און ער איז קודם אריין צו די רעבעצין די צדקת מרת מלכה ע"ה, און געבעטן אז זי זאל זיך משתדל זיין ביים רבין, אז ער זאל אים פועל'ן א ישועה.

איז די רעבעצין אריין צום רבין, און דערציילט די פראבלעם ביי דעם איד מיט די עפל, האט דער הייליגער שר שלום געגעבן א ברכה פאר דעם איד, **אז די עפל זאלן נישט אראפ פאלן**, לפלא זייט דעמאלט איז קיין איין עפל נישט אראפ געפאלן.

אבער די פראבלען איז געווען, אז ווען עס איז געקומען די צייט וואס די עפל איז געצייטיגט געווארן, זענען זיי אויך נישט אראפ געפאלן, און וויפיל דער איד האט פראבירט האט דאס נישט געהאלפן, ווייל דער צדיק האט דאך געבענטשט אז די עפל זאלן נישט אראפ פאלן.

איז דער איד צוריק געפארן קיין בעלזא, און ער האט דערציילט פאר די רעבעצין די צרה, איז די רעבעצין די צדקת אריין צו איר הייליגע מאן און געזאגט, "**קרוין**", **בענטש דעם איד אז די עפל זאל אראפ פאלן, ווייל די פריערדיגע ברכה וויל זיך נישט אפטון**", האט דער צדיק געבענטשט דעם איד, אז די עפל זאלן יא אראפ פאלן, ותגזר אומר ויקם, גלייך נאך די ברכה פונעם צדיק איז די עפל אראפ געקומען גרינג.

• • •

**הגה"צ רבי אהרן ארי' לייפער מטמשוואר זי"ע האט דערציילט**, וואס ער האט געהערט פון הגה"צ רבי חנני' יו"ט ליפא טייטלבוים אב"ד נירבאטור זי"ע, אז זיין זיידע הגה"ק רבי שמואל טייטלבוים מגארליץ זי"ע, איז אמאל געפארן קיין בעלזא צום הייליגען שר שלום זי"ע, און ער האט מיט גענומען זיין זון הגה"צ רבי יוקל מוואלאווא זי"ע, וועלכער איז נאך דעמאלט געווען א קינד.

ווען זיי זענען געווען דארט בהיכל קדשו, איז דער גבאי פונעם בעלזער רב אריין געקומען, און געזאגט פארן הייליגען בעלזא רב זי"ע, אז א געוויסער חולה רח"ל הזקוק לרחמי שמים, שטייט אינדרויסן און וויל אריינקומען זיך מזכיר זיין, און דער גבאי האט געוואלט וויסן צי ער איז ערלויבט אריינצולאזן דעם חולה, האט דער בעלזער רב געענטפערט, יא, זאל ער אריינקומען.

דער חולה וואס איז אריין געקומען האט געליטן **פון א פארקילעכץ דורך א צוג, וואס דורכדעם איז אים זיין פנים פארדרייט געווארן ל"ע,** ווען דער בעלזער האט אים דערזען, איז ער אויף געשטאנען פון זיין שטול, און צו געגאנגען צום חולה, **און ער האט יענעם אן געכאפט מיט זיינע הייליגע הענט ביים קאפ, און ער האט דעם פנים צוריק געשטעלט צום ריכטיגן פלאץ, און יענער איז תיכף געווארן געזונט כאחד האדם.**

ווען דער גארליצער רב האט דאס צוגעזען, האט ער פון גרויס התרגשות אויס געבראכן מיט א געוויין, און ווען דאס קינד יוקל האט געזען זיין פאטער וויינען, האט ער אויך אנגעהויבן צו וויינען, ווען דער בעלזער רב האט געזען ווי ער וויינט פון התרגשות, האט אים דער בעלזער רב געפרעגט, "**פארוואס וויינסטו, ווען א איד פירט זיך אזוי ווי עס דארף צו זיין, איז וואס ער זאגט איז געזאגט, און וואס ער טוט איז געטוען**".

• • •

**ווי דערמאנט איז דאך דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש אמיתי און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, און יעדע מחלה וואס דער צדיק פלעגט אנרירן, האט זיך גלייך אויס געהיילט, ער האט אמאל געזאגט, אז דאס האט ער באקומען במתנה פונעם הייליגן קאזניצער מגיד זי"ע.

• • •

**מען דערציילט,** אז אמאל איז געקומען צום הייליגען שר שלום א חסיד מיט זיין טאכטער, א יונג מיידל וואס האט געליטן פון א געפערליכע מחלה ל"ע, ער איז שוין געווען ביי אלע גרויסע דאקטוירים, אבער זיי האבן נישט געקענט צוטרעפן קיין שום רפואה, ווען דער חסיד איז אריין געקומען צום צדיק, האט ער אויס געבראכן אין א געוויין, אז ער איז שוין געווען ביי אלע גרויסע דאקטוירים, און קיינער ווייסט נישט קיין רפואה, און ער בעט אז דער רבי זאל איר אויסהיילן.

ווען דער צדיק האט דאס געהערט, **האט ער אים געהייסן שוין פארן צו א דאקטאר אין לעמבערג**, און מער ווי דעם האט ער גארנישט געזאגט, דער חסיד האט זיך נאכמער געבעטן פאר א ברכה, און ער האט איבער געזאגט פאר'ן רבי'ן וואס ער האט שוין פריער געזאגט, אז ער איז שוין געווען ביי אלע דאקטוירים, און זיי האבן געזאגט אז עס איז שוין נישט דא קיין מעגליכקייט איר צו היילן ר"ל, האט דער בעלזער רב איבער'גע'חזר'ט זיינע ווערטער, "**איך האב דאך דיר שוין געזאגט, אז דו זאלסט פארן קיין לעמבערג**", און דער בעלזער רב זאגט אים ווייטער, "**און אלעס וואס דיין טאכטער וועט פון דיר בעטן, זאלסטו איר צוליב טוען**".

אינצווישן איז שוין אריין געקומען אן אנדערן חסיד, און דער ערשטער חסיד איז געבליבן שטיין אינדרויסן צובראכענערהייט און ער האט זיך צעוויינט, און שטייענדיג אזוי, האט די רעבעצין מלכה ע"ה, וואס ווי באקאנט איז זי געווען א גרויסע צדקת, אים געזען וויינען, האט זי אים געפרעגט פארוואס ער וויינט, האט ער זיך אויס גערעדט דאס הארץ, און ער האט איר דערציילט די גאנצע מעשה, אז דער רבי הייסט אים פארן קיין לעמבערג צום דאקטאר, אבער ער איז דאך שוין פריער געווען ביי דעם דאקטאר.

האט די רעבעצין אים בארואיגט און געזאגט, **זארג נישט, אויב דער רבי האט געהייסן פארן, איז קיין שום ספק אז אייער טאכטער וועט אויס געהיילט ווערן, גייט שנעל ארויס און כאפט א וואגן וואס פארט יעצט קיין לעמבערג**, און דער חסיד האט זיך אביסל בארואיגט, און ער איז אריין צום בעלזער רב זיך געזעגענען, און ער האט זיך דערנאך ארויס געלאזט אויפ'ן וועג קיין לעמבערג.

אויפ'ן וועג נאנט צום שטעטל זאלקאווא, איז געווען דארט א קרעטשמע, און אלע מיטפארער זענען דארט אריין זיך אפרוהען און זיך דערכאפן דאס הארץ, אויך דער איד מיט זיין טאכטער זענען דארט אריין זיך אביסל אפרוען, פלוצלונג איז אריין געפלויגן אין קרעטשמע זעהר א שיינער פויגל, און דאס מיידל האט געקוקט אויף דעם, און זי גיט א

זאג פאר'ן טאטן, **אז זי וואלט גערן געוואלט עסן פון דעם שיינעם פויגל**.

דער טאטע האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל עס איז שוין א שטיק צייט וואס די טאכטער האט נישט געבעטן צו עסן, און וויבאלד דער שר שלום האט אים אן געזאגט, אז ער זאל אלעס אויספירן וואס די טאכטער בעט, **האט ער געפאנגען דעם פויגל, ער האט גערופן דעם שוחט, און מ'האט געשחט'ן דאס פויגל, און דער ארענדאר האט אנגעגרייט א סעודה פון דעם פויגל**.

ווען דאס מיידל האט פארזוכט פון דעם פלייש און געגעסן א שטיקל פון דעם, האט זי געגלוסט צו נאך און נאך, און זי האט מיט גרויס אפעטיט אויף געגעסן די גאנצע פלייש מיט די יוהך, און באלד דערנאך האט זיך דערקענט אויף איר א שטארקע ענדערונג צום גוטן, און גאנץ שנעל איז איר מחלה פארשוואונדן געווארן.

ווען ער איז אנגעקומען קיין לעמבערג, איז ער גלייך אהין געגאנגען צום דאקטאר, און ווען דער דאקטאר האט אנגעקוקט דאס מיידל, האט ער דערשראקענערהייט א פרעג געגעבן דעם טאטן, "**וואס פאר א רפואה האסטו איר געגעבן**", ענטפערט דער חסיד, דער הייליגער בעלזער רב האט אים געהייסן אהער קומען, און זייענדיג אויפ'ן וועג אין א קרעטשמע איז אריין געפלויגן א שיינער פויגל, און ווען די טאכטער האט געגעסן פון דעם איז זי אויס געהיילט געווארן.

ווען דער דאקטאר האט דאס געהערט, איז ער אריין אין א צווייטן שטוב, און ארויס געברענגט א ספר רפואה מיט א בילד פון א פויגל, און ער פרעגט דעם טאטן, צי עס זעט אויס אזוי ווי דער פויגל, האט דער פאטער געזאגט, **אז עס איז טאקע דער פויגל**.

האט דער דאקטאר געזאגט, **אז ער האט אויך געוואוסט פון די רפואה, נאר אזא פויגל קען מען נאר טרעפן אין די ארצות המערב, און עס איז נישטא אין אייראפע דאס צו באקומען, אבער זעט אויס אז אין זכות פונעם בעלזער רב, איז דער פויגל געקומען צו פליען צו דיר, און דיין טאכטער האט געהאט די רפואה**, דאן האט שוין דער חסיד פארשטאנען, פארוואס דער בעלזער רב האט אים דווקא געהייסן פארן קיין לעמבערג.

• • •

**דער בעלזער רב דער הייליגער שר שלום זי"ע** פלעגט זיך פירן אין זיין יוגנט, צו פאררייכערן א לולקע ציבעך כדרך הצדיקים, ביז איינמאל ווען ער איז געזעסן אין בית המדרש און געלערנט, האט ער געזען וואו איינער טוט אויסרייניגן זיין ציבעך, און פילט עס אן מיט טאבאק, און אין די צייט וואס יענער האט זיך באשעפטיגט מיט'ן ציבעך, האט דער בעלזער רב אפגעלערנט א בלאט גמרא, האט דער בעלזער רב געזאגט, "**אויב דאס רייכערן קען מיך שטערן פון לערנען א בלאט גמרא, דעמאלט הער איך אויף צו רייכערן**", און פון דעמאלט אן האט טאקע דער הייליגער בעלזער רב מער נישט גערייכערט.

• • •

**דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע** האט געהאט אן אייניקל וואס האט געהייסן **טויבעלע**, די טאכטער פון הרה"ק **רבי יהודה זונדל** זי"ע דער זון פונעם שר שלום זי"ע, זי איז געווען גאר חשוב און געשעצט ביי איר גרויסן זיידן, אמאל האט דער בעלזער רב איר צו געזאגט, אז ער וועט איר געבן אן אפגעשפראכענע מטבע, אבער דערווייל איז ער יענעם טאג געזעסן א גאנצן טאג און עוסק געווען בתורה ועבודה, און עס האט זיך נישט געמאכט קיין געלעגנהייט, אז זי זאל קענען גיין אפ נעמען די מטבע.

האט זי צו זיך געקלערט, אז אזוי ווי דורכאויס דעם טאג קען זי נישט צוקומען צום זיידן, וועט זי ווארטן ביז ביינאכט, און פאר חצות וועט זי אריינגיין אפ נעמען די מטבע, אזוי האט זי טאקע געטוען, פאר חצות איז זי אריין צום זיידן, אבער באלד ביים אריין קומען צו אים אין הויז, **האט זי באמערקט אז עס איז פיל מיט קעץ, און דער מחזה איז ווי פארשטענדליך פאר איר געווען א גרויסע פלא**, ווייל זי האט נישט פארשטאנען פארוואס געפינען זיך דא אזויפיל קעץ.

זי איז אבער ווייטער געגאנגען, און זי האט אנגעקלאפט אויף די טיר פון בעלזער רב'ס שטוב, און אזוי ווי דער בעלזער רב האט איר באמערקט, האט ער זיך אנגערופן מיט א פלא, **טויבעלע, אצינד ביזטו דא, וואס טוט זיך מיט דיר, זעסט נישט וואס דא טוט זיך, קום נישט דא אריין יעצט, דאס זענען נעבעך נשמות אזעלכע וואס דארפן א תיקון**, און דער זיידע דער בעלזער רב האט איר אנגעכאפט

ביי די האנט, און ארויס געפירט, זאגנדיג, "**אויב דארפסטו עפעס, קום צו מיר בייטאג**", ווייל ביינאכט האט דער הייליגער שר שלום עוסק געווען מיט מתקן זיין הונדערטער נשמות וואס האבן געברויכט א תיקן.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז ווי באוויסט האט דער צדיק דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע אסאך עוסק געווען אין תיקון נשמות, און וויבאלד די נשמות זענען ליידער נישט געווען קיין צדיקים, און צווישן זיי האט זיך געקענט אסאך מאל מאכן אז זיי זאלן מזיק זיין, האט אמאל פאסירט, **אז איינע פון די נשמות האבן אויס געריסן א שטיק בארד פונעם צדיק**, זייט דעמאלט האט דער הייליגער שר שלום זי"ע **געהאלטן א האק אינטער זיין בעט**, און אויך האט ער דאן צו געריקט זיין בעט, אז עס זאל אנרירן דעם בעט פון זיין רעבעצין, **כדי איר זכות זאל אויך מיגן זיין קעגן די נשמות**.

• • •

**איינמאל האט פאסירט**, אז ביים שוהל אין שטאט ווישניצא זענען זיך צוזאמען געקומען **א גאנצע מחנה פון פייגלער**, און האבן געמאכט אזא גרויסע גרידער וואס האט געשטערט דאס דאווענען אין שוהל, און מען האט די פייגלער נישט געקענט פארטרייבן, איינמאל איז דער הייליגער שר שלום זי"ע געקומען קיין ווישניצא, און האט געדאווענט אין דעם שוהל, און וויבאלד די פייגלעך זענען געקומען מאכן קולות, **האט דער צדיק דער הייליגער שר שלום געוויזן מיט די האנט אז זיי זאלן אוועק גיין**, לפלא זייט דעמאלט זענען זיי מער נישט צוריק געקומען, ווייל דער צדיק האט מתקן געווען די אלע נשמות.

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע האט דערציילט**, אז פארן אייניקעל פונעם הייליגען שר שלום, הגה"צ רבי אברהם יהושע העשיל פרענקל זי"ע דער איידעם פון הרה"ק רבי יהודה זונדל רוקח מאוחאן זי"ע דער זון פונעם שר שלום זי"ע, איז געבוירן געווארן א בן זכר, און דעם זיידן דער הייליגער שר שלום האט מען מכבד געווען מיט סנדקאות און מיט קריאת השם, און ביי ויקרא שמו בישראל האט דער זיידע דער הייליגער שר שלום אפילו נישט געפרעגט דעם נאמען, נאר האט גלייך געגעבן דעם נאמען "**מאיר**" פארן רך הנימול.

דער טאטע פונעם רך הנימול איז געווען זייער ברוגז, ווייל ער האט געהאט א אנדערע נאמען וואס ער האט געוואלט געבן, און ווען דער זיידע האט געזען אז דער אייניקעל איז ברוגז, האט דער הייליגער שר שלום געזאגט פארן אייניקעל.

דיין זיידע הגה"ק **רבי מאיר קריסנופאלער בעל יד המאיר אב"ד בראדי** זי"ע האט זיך צו מיר מגלה געווען, האב איך געמיינט אז ער וויל איך זאל נאך זאגן א דבר תורה פון אים, אבער ווען ער האט זיך צו מיר מגלה געווען דאס צווייטע מאל, האב איך שוין פארשטאנען אז זיין בקשה איז, **אז איך זאל געבן פארן נייעם געבוירנעם קינד זיין נאמען**, און דאן האט דער שר שלום געוויזן אויפן אייניקעל און געזאגט בזה"ל, "**און דער וויל איך זאל געבן א אנדערע נאמען**".

• • •

**הרה"ק רבי יענקעלע מפשעווארסק זי"ע** האט אמאל גערעדט פונעם גדלות פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע, האט דער צדיק רבי יענקעלע זי"ע דערציילט די מעשה, אז איין יו"ט פסח האט דער צדיק דער הייליגער שר שלום געגעסן זופ פון די זעלבע טעלער ווי זיין מאמע די צדקת מרת רבקה העניא ע"ה, און די מאמע האט נישט געכאפט, **און זי האט אריין געלייגט א שטיקל מצה אינעם טעלער**.

דער צדיק דער הייליגער שר שלום, וואס האט זיין גאנץ לעבן גאר שטארק מקפיד געווען נישט צו עסן קיין געבראקט'ס אים פסח, האט דער צדיק אבער גארנישט געזאגט פאר די מאמע, **און דער צדיק האט אוועק געריקט די מצה אינעם טעלער, און ער האט ווייטער געגעסן מיט די מאמע**, און ער האט שפעטער געזאגט די טעם, **אז וויבאלד אויב וואלט ער געזאגט פארן מאמע וועגן די טעות, וואלט ער ח"ו מצער געווען די מאמע, און די חומרא פון נישט עסן געבראקט'ס אים פסח, קען נישט אוועק שטיפן די מצות עשה דאורייתא פון כיבוד אם**.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם ווינבערג בעל ברכת אברהם מסלונים זי"ע**, ווען מען פלעגט קומען צו אים לייגן תפילין פאר א בר מצוה בחור, האט ער דערציילט די מעשה, אז א בחור איז געקומען לייגען תפילין דאס ערשטע מאל ביי די בר מצוה ביים צדיק דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע.

דער הייליגער שר שלום האט אן געזאגט פארן בר מצוה בחור, **אז ער זאל זיך אינטער נעמען, קיינמאל נישט צו רעדן מיט די הייליגע תפילין, און דער בחור האט דאס מקיים געווען**, שפעטער ביי די חתונה איז ער נאכאמאל געקומען צום שר שלום, און דער צדיק האט אים אן געזאגט, **אז ער זאל זיך פאר נעמען נישט צו רעדן מיטן טלית אויך נישט, און דער חתן האט זיך דאס פאר געגומען, און מקיים געווען זיין גאנץ לעבן און נישט גערעדט מיט די תפילין אדער מיטן טלית.**

לאחר מאה ועשרים שנה, האט מען דעם איד בַּאערדיגט מיט זיין טלית, און ווען דער מלאך איז געקומען צו אים פרעגן זיין נאמען און געבעטן ער זאל זאגן זיינע מעשים וואס ער האט געטון אויף די וועלט, **האט ער געוויזן פארן מלאך אז ער קען נישט אויס רעדן מיטן טלית,** האט מען די נשמה געטראגן צום בי"ד של מעלה, אבער אויך דארט האט דער איד געוויזן, אז ער קען נישט רעדן מיטן טלית, האט מען נאך געקוקט און געזען, אז דער איד האט טאקע מקפיד געווען זיין גאנץ לעבן און קיינמאל נישט גערעדט מיט זיין טלית, **האט מען דעם נשמה גע'פטר'ט פון אפגעבן דין וחשבון, און מען האט אים תיכף אריין געפירט אין גן עדן.**

• • •

**איינע פון די חסידים פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע**, האט גאר שטארק געליטן אויף די פיס, און האט ממש נישט געקענט גיין אויף די פיס אדער שטיין געהעריג, איין יאר שבת פרשת יתרו, איז דער חסיד געווען ביי זיין רבין אין בעלזא, און דער צדיק האט אים מכבד געווען מיט אן עלי', און דער צדיק וואס האט אליין געליינט קריאת התורה, האט אויס געלאזט פאר דעם איד מיטן פסוק, **אִם אֶת הַדָּבָר הַזֶּה תַּעֲשֶׂה וְצִוְּךָ אֱלֹקִים "וְיָכָלְתָּ עֲמֹד" וְגַם כָּל הָעָם הַזֶּה עַל מְקֹמוֹ יָבֹא בְשָׁלוֹם**, לפלא גלייך נאך די ברכה, האט דער איד אראפ שפאצירט פונעם באלעמער כאחד האדם, און פון דאן האט ער געקענט גיין אויף די פיס געהעריג.

• • •

**הגה"ח רבי חיים נטע כ"ץ ז"ל האט דערציילט,** אז ער האט געקענט א אלטע פרוי וואס האט געוואוינט אין לאנדאן, וואס האט דערציילט, אז זי איז רח"ל געבוירן געווארן בלינד, און ווען זי איז געווען 6 יאר אלט, האט איר די טאטע געברענגט קיין בעלזא צום הייליגען שר שלום זי"ע, און דער צדיק האט דורך געפירט א שמאטע אויף אירע אויגן, און פון דאן האט זי געקענט זעהן כאחד האדם.

• • •

**מען דערציילט**, אז איינמאל האט דער הייליגער שר שלום זי"ע געטראפן זיין תלמיד דעם הייליגער דברי חיים מצאנז זי"ע פארייכערן זיין לולקע בעפארן דאווענען שחרית, וואס ווי באוויסט האט דער הייליגער דברי חיים זי"ע געהאט גרויסע כוונות ביים רייכערן דעם לולקע, אבער אזוי ווי דער דברי חיים האט דערזעהן זיין רבין, האט ער גלייך פארלאשן דעם לולקע.

האט זיך דער הייליגער שר שלום אן געריפן צום הייליגען דברי חיים, צאנזער רב איר האט נאכנישט געדאווענט, וואס וועט איר טון אז משיח וועט יעצט קומען, און איר האט נאכנישט געדאווענט, האט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע צוריק געפרעגט פון זיין רבין, און די רבי האט שוין יא געדאווענט, האט דער הייליגער שר שלום זי"ע געזאגט, **"איך דאווען צוזאמען מיט משיח, און אינמיטן דאווענען וועט ער זיכער נישט קומען"**.

• • •

**בשנת תרי"ד האט אמאל דער הייליגער שר שלום זי"ע דערציילט** פאר זיינע תלמידים די מעשה, נישט ווייט פון דעם שטאט בעלזא, האט געוואוינט א איד ליידער א רשע מרושע, וואס האט ליידער עובר געווען לתאבון אויף אלע עבירות שבתורה, אבער איין מצוה האט דער איד יא מקפיד געווען, **אז ער האט נישט געגעסן קיין ברויט, אן דעם וואס ער זאל זיך וואשן בעפאר, און אויף דעם האט דער איד דער רשע נישט מוותר געווען.**

איין יאר פסח, האט זיך דער איד ארויס געלאזט אויפן וועג, און ער האט מיט גענומען מצות, אויפן וועג האט דעם איד אן געכאפט א הונגער אז ער האט געשפירט אז ער האלט דאס נישט אויס, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואלט עסן די מצה אן זיך צו וואשן, ער איז דורך א וואלד און האט געטראכט, אז דארט איז זיכער דא וואסער, אבער דער וואלד איז געווען באוויסט, אז דארט דרייען זיך ארום רוצחים רשעים, וואס קענען יעדע מינוט אים דער'הרג'ענען.

אבער דער איד האט נישט געטראכט קיין צוויי, נאר ער איז אריין אין וואלד זיכן וואסער,

פלוצלונג זענען צו אים צו געקומען די רוצחים, **און זיי האבן דעם איד דער'הרג'ט**, דער איד איז ארויף געקומען אויפן עולם האמת, און די איין מצוה האט געמאכט א גרויסע רעש, אז דא האט זיך דער איד מוסר נפש געווען אויף די מצוה פון וואשן צו ברויט, און מען האט דעם איד גע'פסק'נט גן עדן.

האט דער הייליגער שר שלום געזאגט פאר זיינע תלמידים, **קוקט וואס דער איד האט אויף געטון נאר מיט די איין מצוה, על אחת כמה וכמה, ווען א איד איז מקיים אלע מצוות פון די תורה מיט א מסירת נפש, וועט דאס זיכער מיגן זיין בעולם העליון.**

• • •

**דער הייליגער צדיק דער שר שלום מבעלזא זי"ע**, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, און האט כסדר ממליץ טוב געווען אויף אידישע קינדער.

האט ער איינמאל יום הקדוש ביים זאגן על חטא, ווען ער איז געקומען צו די ווערטער **עַל חֲטָאִים שֶׁאֲנַחְנוּ חַיָּבִים עֲלֵיהֶם חַטָּאת**, האט ער געזאגט אזוי, **עַל חֲטָאִים שֶׁאֲנַחְנוּ חַיָּבִים, אויף די אלע חטאים וואס מיר זענען ליידער שולדיג, עֲלֵיהֶם חַטָּאת, דאס איז נאר דורך די גוים די רשעים, און זיי זענען שולדיג אויף די אלע עבירות.**

• • •

**מען דערציילט**, אז ווען די רעבעצין **די צדקת מרת מלכה** ע"ה איז נפטר געווארן בחייו, **האט דער צדיק גאר שטארק געוויינט מיט בכיות נוראות**, און ווען זיין גרויסע תלמיד הרה"ק רבי שלום מקאמינקא זי"ע האט געפרעגט זיין רבין, פארוואס ער וויינט אזוי, האט ער געזאגט, **אז ח"ו נישט אויף די פטירה פון די רעבעצין וויינט ער אזוי, ווייל דאס איז ער מקבל באהבה, ווייל דאס האט דאך דער באשעפער געוואלט און דאס איז זיכער לטובה.**

נאר ער וויינט, ווייל ער האט געהאט א שמיעס מיט רבוש"ע און געזאגט פארן רבוש"ע, **די ווייסט דאך אז די מלכה די צדקת פעילט מיר שטארק אויס פאר מיין עבודת הקודש, און ווען איך וואלט געקענט וואלט איך איר מחי' מתים געווען, נאר וויבאלד איך ווייס, אז דאס איז דיין רצון בין איך איר נישט מחי' מתים, אבער די רבוש"ע הייליגער באשעפער, די האסט דאך דיינע אידן, די כנסת ישראל כלה קרואה בנעימים, פארוואס בוסטו זיי נישט מחי' מתים און די ברענגסט משיח צדקנו.**

האט דער רבוש"ע מיר גענטפערט, **אויב וואלט איך געוועזן צופרידען פון די אידן, אזוי צופרידען ווי די בוסט געווען פון דיין מלכה, וואלט איך זיי שוין לאנג אויס געלייזט, אבער ליידער זענען זיי נאכנישט אויף דעם דרגה, און דערפאר האב איך זיי נאכנישט אויס געלייזט**, און אויף דעם ענטפער פונעם רבוש"ע, אויף דעם האט דער צדיק אזוי געוויינט.

• • •

**אמאל איז דער הייליגער שר שלום זי"ע געווען אין א שטאט פון גרויסע מתנגדים**, איז דארט געווען דער מרא דאתרא וואס איז געווען א גרויסע תלמיד חכם אבער א גרויסע מתנגד, אבער לכבודו פונעם שר שלום האט דער גאון געלאזט ברענגען כיבוד ברוינפען און מזונות און עפעס א קאמפאט, אבער דער שר שלום האט נישט געוואלט צו רירן צום כיבוד, פארשטייט זיך אז דער גאון איז געווען זייער באליידיגט אויפן הייליגען שר שלום.

האט ער געפרעגט דעם הייליגען שר שלום, די סיבה פארוואס ער וויל נישט עסן פונעם כיבוד, האט דער הייליגער שר שלום געזאגט, **די ברוינפען איז חמץ שעבר עליו הפסח, פון די מזונות האט מען נישט אראפ גענומען קיין חלה, און די קאמפאט האט מען נישט איבער געקוקט די פירות פון ווערים**, פארשטייט זיך אז דער מרא דאתרא איז געווען זייער באליידיגט אז דער שר שלום זאגט די אלע זאכן.

האט דער רב געלאזט ריפן דעם פון וועם מען האט געקויפט די ברוינפען, און אים געפרעגט אויב ער איז א איד, האט יענער געזאגט אז יא, האט מען געזען, אז דער שר שלום איז גערעכט, **אז די ברוינפען איז נישט געווארן פארקויפט אויף פסח,** דאן האט מען געפרעגט די רעבעצין, אויב מען האט אראפ גענומען חלה פון די טייג פון די מזונות, האט די רעבעצין געזאגט, **עס איז דאך דא די משרת וואס טוט דאס, אבער דער משרת האט געזאגט, די רעבעצין האט דאס זיכער אראפ גענומען, דאס זעלבע איז געווען מיט די פירות פון די קאמפאט, און דאן האט יענער גאון געזעהן, אז דער הייליגער שר שלום האט הייליגע אויגן און זעהט אלעס.**

• • •

**די מקורבים האבן דערציילט**, אז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע פלעגט אויף זיין שעות אריכות בייאנאכט און עוסק געווען בתורה, אינמיטן האט דער הייליגער שר שלום זיך אנגעריפן בזה"ל, **"אה, דער הייליגער בני יששכר דער דינובער רב איז שוין אויף געשטאנען, יעצט קען מען זיך גיין לייגן"**, און דאס איז געווען אן קיין וועג פון וויסן.

נאר דער צדיק האט נישט געוואלט איבער לאזן די וועלט אן קיין תורה, און ווען ער האט מרגיש געווען אז דער הייליגער בני יששכר איז שוין אויף געשטאנען, און ער וועט איבער נעמען די וועלט מיט זיין תורה, האט זיך דער צדיק געקענט גיין אביסל צו לייגען.

• • •

**אמאל האט פאסירט ביים הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע**, אז ראש השנה בעפאר תקיעות שופר, האט דער צדיק אוועק געריקט די שנאצן ביים מויל, כדי ער זאל קענען גוט בלאזן שופר, **און פלוצלונג דערזעהט דער צדיק א האר אויף די הענט, דער צדיק איז ממש בלאס געווארן פאר גרויס צער און פחד, אז ער איז דא נכשל געווארן מיטן אויסרייסן א האר אים יו"ט.**

האט אבער דער גבאי גלייך דערציילט פארן שר שלום זי"ע א מעשה, וואס איז פאר געקומען ביים צדיק וקדוש רבי שמעלקא מניקלשבורג זי"ע, **איין יאר סוכות איז דער הייליגער רבי שמעלקא אריין אין די סוכה, און געמאכט א לישב בסוכה, און דאן האט זיך דער צדיק געכאפט, אז די שלאק איז אראפ געלאזט, און אויפן רגע האט זיך דער צדיק שטארק דערשראקן, אז ער האט דא געמאכט א ברכה לבטלה.**

אבער גלייך האט זיך דער צדיק רבי שמעלקא אנגעריפן בזה"ל, **"די בעל דבר, האסט עפעס געכאפט, דערשטיק דיך מיט דעם"**, האט דער גבאי געזאגט פארן הייליגען שר שלום, **"זאל זיך דער בעל דבר דערשטיקן מיטן האר פונעם רבין"**, דער הייליגער שר שלום האט דאן געזאגט פארן גבאי, **"החייתנו, האסט מיך מחי' געווען"**, און דער צדיק איז צו געגאנגען מיט א שמחה צום מצוה פון תקיעות שופר.

• • •

**אמאל איז דער צדיק דער הייליגער שר שלום זי"ע געשטאנען ביים דאווענען**, איז דארט געשטאנען א איד אין געדאווענט שמונה עשרה, אינמיטן הערט דער צדיק ווי דער איד זאגט אין אידיש, **"רבונו של עולם טאטע זיסער"**, האט דער שר שלום געפרעגט פון דעם איד, **ווי קומט צו דיר צו רעדן אידישע ווערטער אינמיטן דאווענען**, האט דער איד געזאגט פארן שר שלום, **דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע האט דאס אויך געטון.**

האט זיך דער צדיק אויס געדרייט און געזאגט, **דער קאזניצער מגיד איז נישט געווען קיין מענטש, ער איז געווען א מלאך**, דאן דרייט זיך דער צדיק אויס און לייגט צו, **ער איז נישט געווען קיין מלאך, נאר ער איז געווען א שרף, און ער האט דאס געקענט טון**, און דער צדיק האט דערציילט, אז דער הייליגער מגיד מקאזניץ איז געווען איין שטיק ביין און זייער א שוואכער מענטש, אז מען האט אים געברויכט טראגן צום ביהמ"ד אויף א בענקל, אבער אזוי ווי דער צדיק איז אריין אין ביהמ"ד, האט ער געגעבן א שריי, **"מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלקים"**, און דער צדיק איז צו געלאפן צום דאווענען מיט אזא ברען, ממש נישט מיט קיין כח אנישי, נאר ווי א מלאך אלקים.

• • •

**די חסידים האבן דערציילט**, אז ווען דער הייליגער שר שלום זי"ע האט געדאווענט פארן עמוד ימים נוראים, האט מען דעם קול געהערט אינעם גאנצן שטאט, און אפילו די גוים זענען ממש דערציטערט געווארן פונעם הייליגען קול פונעם צדיק, און די גוים פלעגן זאגן, **"עס איז נישט קיין חידוש אז ער פועל'ט מיט זיינע תפילות, אפילו מ'וואלט זיך אזוי געבעטן ביי א גזל'ן, וואלט מען אויך אויס געבעטן"**.

• • •

**דער הייליגער שר שלום זי"ע** האט איין יאר אין די ימי רחמים ורצון דערציילט פאר זיינע חסידים, אז אין שטאט וואוינט א איד וואס הייסט **בערל**, און ער האט געארבעט מיטן אויף נייען קליידער, איין טאג האט דער פריץ פון שטאט געבעטן פון דעם בערל, אז ער זאל אים אויף נייען א נייע קלייד, און דער בערל האט זיך נישט געקענט באהערשן, און האט גע'גנב'ט סחורה פונעם פריץ, און דער פריץ האט אים געכאפט ביי די מעשה, און אים זייער הארב באשטראפט.

האט דער איד וואס איז געווען א געוואלדיג תמים און פשוטע איד געזאגט, **"באשעפער איך**

**ווייס אז די האסט אויס געזאגט פארן פריץ אז איך האב גע'גנב'ט פון זיינע סחורה, אויב אזוי הער איך אויף דאוונען**".

אבער ווען עס איז געקומען יעצט די ימים נוראים, האט דעם איד געכאפט א הרהור תשובה, און ער האט געזאגט, "**רבוש"ע עס קומט יעצט די הייליגע טעג, לאמיר זיך איבערבעטן**", און דער איד האט זיך פארגענומען, **אז ער גייט אנהייבן צוריק דאוונען**, און דער הייליגער שר שלום האט געזאגט, **אז דאס פשטות און תמימות פון דעם איד, האט געמאכט א גרויסע רעש אין הימל, און מעורר געווען רחמים און מעורר געווען א מליצה ישרה אויף אידישע קינדער**.

• • •

**מען דערציילט**, אז דער ראש הקהל פון סיגוט הרה"ח רבי משה ארי' פריינד זי"ע, האט געהאט צו געזאגט א שיינע נדבה צו בויען **א תלמוד תורה אין סיגוט**, אבער למעשה האט זיך דאס לאנג געצויגען, און מען האט דאס נישט געבויעט, אבער דאן האט מען געבויעט דעם גרויסן שוהל אין שטאט בעלזא, וואס דער הייליגער שר שלום האט זיך פרעזענליך אפ געגעבן מיטן בויען דעם הייליגען שוהל, **און דער רבי משה ארי' פריינד האט געגעבן פארן הייליגען שר שלום דאס געלט וואס ער געהאט צו געזאגט פארן תלמוד תורה אין סיגוט**.

איז געווען דארט א סיגוטער חסיד, וואס האט דאס צו געזען, האט ער זיך אנגעריפן צו רבי משה ארי' פריינד פארענט פונעם שר שלום בזה"ל, "**רבי משה ארי', איר זאלט נישט פארגעסן, אז איר האט צו געזאגט געלט פארן תלמוד תורה אין סיגוט**", ווען דער שר שלום האט געהערט די ווערטער, האט ער זיך אנגעריפן בזה"ל, "**רבי משה ארי' וועט געבן, און געבן, און געבן**", לפלא נישט לאנג נאכדעם איז דער רבי משה ארי' גאר שטארק נתעשר געווארן, און ער איז געווען א גביר אדיר זיין גאנץ לעבן, אלעס דורך די ברכה פונעם הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע.

• • •

**אמאל איז געקומען צום שר שלום זי"ע א איד**, וואס האט זיך אים געמאכט א שטארקע מחלה אינעם נאז, און די דאקטורים האב אים געווארנט, אז דאס קען צו טרעטן צום מח און עס איז א גרויסע סכנה, איז דער איד געפארן קיין בעלזא צום הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע, וואס איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע כח פון היילן נאר מיט זיינע הענט, האט אבער דער שר שלום נאכן אויסטאפן די מקום פון די מחלה געהייסן פארן איד, **אז ער זאל פארן צו יענעם און יענעם גרויסן דאקטאר אין לעמבערג, וואס איז ליידער געווען א פרייער איד**.

איז דער איד אריבער צום דאקטאר אין לעמבערג, און געזאגט פארן דאקטאר, אז דער בעלזא רב האט אים געשיקט צו אים, און אזוי ווי דער איד האט אויף געהויבן די קאפ, און דער דאקטאר האט אריין געקוקט אין די נאז, נאך בעפאר ער האט אפילו צו גערירט צו דעם איד, **האט די מחלה אויף געפלאצט, און דאס האט ארויס געשפריצט גלייך אויפן דאקטאר**, דאן האט דער דאקטאר זיך אנגעריפן, **דער בעלזא רב זאל מיר אויף הערן שיקן אזאנע חולים, ווייל דאס איז נישט דאס ערשטע מאל וואס ער טוט דאס מיט מיר**, און דער שר שלום האט זיך אויף דעם אויסגדריקט, "**און דער דאקטאר דער פושאי ישראל האט אפילו נאך דעם אויף נישט תשובה געטון**".

• • •

**הרה"ק רבי שמחה ישכר בער מצעשינוב זי"ע**, דער זון פונעם הייליגען שינאווא רב זי"ע, איז געווארן אן איידעם ביי רבי יהושע מבעלזא זי"ע, ביי זיין חתונה זענען די צוויי גדולי הדור געטאנצען, דער שינאווא רב זי"ע מיט ר' יהשע'לע בעלזער זי"ע, איז געשטאנען דארט דער צדיק רבי יהושע'לע טאמשאווער זי"ע, אין געקערט מיט א בעזעם, האט דער בעלזא רב געפרעגט פונעם מחותן דער שינאווא רב אויף ר' יהושע'לע טאמשאווער, ווער דאס איז, האט דער הייליגער שינאווא רב געענטפערט, דאס איז ר' יהושע'לע טאמשאווער ר' יוסעלעס זון, זאגט דער בעלזא רב, **אהה ר' יוסעלעס זון מיר האבן אים געזען**.

האט דער שינאווא רב אזוי געקוקט מיט ווינדער, ווי איינער זאגט, **אז די יארן שטימען דאך נישט, ווייל דער ר' יוסעלע איז דאך אוועק נאך בעפאר רבי יהושע מבעלזא איז געבוירן**, האט דער בעלזא רב רבי יהושע'לע פארציילט, אז ווען איך בין געווען א קינד ביים **חנוכת הבית פונעם ביהמ"ד אין בעלזא**, האב איך פלוצלונג געזען אינעם ביהמ"ד, **א הויכער מענטש אנגעטוען ווייס, און איך**

**האב מיך זייער דערשראקען, האב איך זיך פאר פחד באהאלטן אינטערן טאטן'ס טלית.**

האט מיר דער טאטע געזאגט, "**דארפסט נישט מורא האבן, דאס איז ר' יוסעלע טאמעשאווער, איך האב אים געלאדענט צום חנוכת הבית, און ער האט צו געזאגט ער וועט קומען, אבער בינו לבינו איז ער נסתלק געווארן, אבער ער איז געקומען איינהאלטן די הבטחה, און דערפאר איז ער געקומען מעולם העליון זיך באטייליגען ביים חנוכת הבית**", האב איך אים דעמאלט געזען, א השגה א קליין קינד זאל שוין פארמאגן אזאנע ליכטיגע אויגן.

• • •

**אין ספר עשר קדושות ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער שר שלום זי"ע איז געווען באוואוסט מיט אן אויסערגעווענליכער שמירת העינים, ער האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט געקוקט אויף עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן, און האט געלעבט ממש אפגעזונדערט פון גשמיות.

און דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט אמאל ביי א אסיפה פון צדיקים אויסגערופן מיט התפעלות, "**איך קען מעיד זיין אויפן שר שלום מבעלזא, אז ער האט קיינמאל נישט געקוקט חוץ לד' אמות זיינע, און זיין קדושת הגוף איז אזוי ריין און הייליג ווי דער מזבח אין בית המקדש**".

• • •

**אין ספר דובר שלום ווערט דערציילט**, אז אין די יארן ווען דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט געוואוינט אין שטאט סקאהל און עוסק געווען בתורה בעבודה בקדושה וטהרה, פלעגט ער זיצן אליין אין בית המדרש איבער די ספרים אין שפעטע שעה'ן, איינמאל איז דער שמש אריינגעקומען אין ביהמ"ד פארטאגס, **און געזען א גרויס ליכטיגקייט ארום דעם שר שלום, כאטש די ליכט אויפן טיש איז שוין לאנג געווען פארלאשן, און דער שמש איז ממש דערציטערט געווארן פון גרויס פחד.**

ווען דער הייליגער שר שלום האט באמערקט דעם שמש, האט ער אים באווארנט מיט א שטרענגן טאן און געזאגט, "**וואס דו האסט דא געזען, זאלסטו קיינמאל פאר קיינעם נישט דערציילן ביז נאך מיין פטירה**", מען האט געוואוסט אז דאס איז געווען דאס אור פונעם שכינה הקדושה וואס האט גערוהט אויף אים צוליב זיין געוואלדיגע פרישות און קדושה.

• • •

**אין שיחות חולין של תלמידי חכמים ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער שר שלום מבעלזא זי"ע האט אין זיין לעבן קיינמאל נישט געקוקט אין א **שפיגל**, זיין גאנצע צורה איז געווען הייליג און אפגעשיידט פון יעדע שייכות צו חיצונות, ווען מען האט אים אמאל געפרעגט וועגן דעם, האט ער געענטפערט מיט זיין גרויס עניוות און פשטות, "**א מענטש דארף ארבעטן אויף זיין פנימיות אז ער זאל האבן א 'צורת אדם' ווי דער אייבערשטער האט אים באשאפן בצלם אלקים, אויב די נשמה איז ריין און הייליג, דארף מען נישט קיין שפיגל צו זען דעם גוף**".

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז די עבודה ביים טובל'ן אין מקוה פונעם הייליגען שר שום מבעלזא זי"ע איז געווען מיט א מורא'דיגער קדושה און מסירת נפש וואס איז געווען העכער פון מענטשליכן כח, אין די ביטער קאלטע ווינטער נעכט אין פוילן און גאליציע, ווען דאס וואסער איז געווען פארפרוירן מיט אייז, פלעגט ער גיין אין מקוה פאר יעדער עבודה, אן קיין שום רחמנות אויף זיין קערפער.

איינמאל האט מען געדארפט צוברעכן די דיקע אייז אינעם טייך כדי ער זאל קענען טובל'ן פאר תפילת שחרית. ווען מען האט געזען ווי ער גייט אריין אינעם אייזיגן וואסער אן קיין שום ציטער, האט ער געזאגט מיט א פשטות און עניוות, "**דאס פייער פון ליבשאפט צום בורא עולם און די קדושה פון א אידישער נשמה קען צעשמעלצן דעם קעלטסטן אייז**".

• • •

**אין קונטרס סיפורי חסידים ווערט דערציילט**, אז איין יאר איז געווען א שווערע טרוקעניש אין שטעטל בעלזא און אין די גאנצע געגנט, און די תבואה האט כמעט אויסגעטריקנט, דער עולם איז געקומען וויינען צום הייליגען שר שלום זי"ע, אז ער זאל מתפלל זיין פאר רעגן.

דער הייליגער שר שלום האט געלאזט רופן א געוויסן פשוט'ן בעל מלאכה פונעם שטעטל, א איד א תמים וואס פלעגט ארבעטן שווער פאר זיין

פרנסה, און אים געפרעגט, "**זאג מיר, וואס פאר א גוטע מעשה האסטו לעצטנס געטאן**", דער איד האט זיך פארשעמט און געזאגט, "**איך בין נישט קיין למדן, אבער פאריגע וואך איז געקומען אן ארימאן וואס האט חתונה געמאכט א קינד און האט געוויינט ביטערליך, איך האב געהאט אוועקגעלייגט געלט צו קויפן מאטריאל פאר מיין פרנסה, אבער זעענדיג זיין צער, האב איך אים אלעס אוועקגעגעבן און איך בין געבליבן אן קיין פרוטה**".

האט דער הייליגער שר שלום אויפגעהויבן די הענט צום הימל און אויסגערופן, "**רבונו של עולם! אויב א בשר ודם קען מוותר זיין אויף זיין אייגן געלט און געבן צדקה מיט אזא מסירת נפש פאר א צווייטן איד, וויפיל מער דארפסטו מוחל זיין און געבן ברכה און רעגן פאר דיינע קינדער**", נאך פאר דער איד איז ארויס פונעם צימער, האבן זיך געעפנט די הימלען און א גרויסער רעגן האט אנגעהויבן גיסן.

• • •

**אין ספר דובר שלום ווערט דערציילט**, אז עס איז איין טאג געקומען צום הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע א גביר פון לעמבערג וואס איז שוין געווען חתונה געהאט העכער צוואנציג יאר און נישט געהאט קיין קינדער, דער איד האט געוויינט מיט ביטערע בכיות און געבעטן דעם רבין פאר א ברכה אז ער זאל שוין געהאלפן ווערן מיט א קינד.

דער הייליגער שר שלום האט אים געפרעגט, "**ביסטו גרייט אוועקצוגעבן דיין גאנצע פארמעגן פאר צדקה כדי צו האבן א קינד**", דער איד האט אן קיין שום ספק געענטפערט, **אז יא, ער איז גרייט צו ווערן אן ארימאן ממש, אבי צו זוכה זיין צו זרע של קיימא**, האט דער הייליגער שר שלום געזאגט, "**אז דו ביסט גרייט מוותר צו זיין אויף דיין גאנצן עשירות, האט מען אין הימל געזען דיין גרויסע מסירת נפש, דו דארפסט נישט פארלירן דיין געלט, גיי אהיים, און איבער א יאר וועסטו האלטן א בן זכר**", פונקט איבער א יאר איז דעם איד געבוירן געווארן א געזונט אינגל.

• • •

**אין ספר תפארת שר שלום ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געברענגט געווארן קיין בעלזא א איד **וואס איז געווארן פלוצלונג רח"ל בלינד אויף ביידע אויגן**, און די גרעסטע דאקטוירים אין וויען האבן שוין אויפגעגעבן אויף אים, ווען ער איז אריין צום הייליגען שר שלום מיט א קוויטל, האט דער רבי גענומען א גלאז וואסער, געמאכט א ברכה "**שהכל נהיה בדברו**" מיט גרויס כוונה, **און דערנאך געהייסן דעם איד אויסוואשן די אויגן מיט די איבערגעבליבענע וואסער פונעם כוס**.

דער איד האט אזוי געטאן, און נאך אין יענעם מאמענט האט ער אנגעהויבן זען שיין און קלאר, ווען די ארומיגע האבן זיך געוואונדערט אויף דעם גרויסן מופת, האט דער שר שלום געזאגט מיט עניוות, "**עס שטייט 'ד' פוקח עורים' דער אייבערשטער מאכט זעענדיג די בלינדע, א ברכה פון א איד מיט א פשוט'ע כוונה האט א כח צו עפענען די אויגן**".

• • •

**אין ספר תפארת שר שלום ווערט דערציילט**, אז עס איז אמאל געקומען קיין בעלזא א איד וואס האט געליטן פון א זעלטענער, ביטערער הויט-קראנקהייט אויף די פיס, וואס קיין איין דאקטער האט נישט געקענט היילן און ער האט שוין ליידער קוים געקענט גיין אויף די פיס צוליב די געפערליכע יסורים, ווען דער איד איז אריין צום שר שלום און זיך אויסגעוויינט, האט דער רבי אים געזאגט, "**אין די תורה שטייט 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה... והכה ה' בך וגו'**", **דאס מיינט, אז ווען א איד פאלט אריין אין עצבות, קומען חלילה יסורים, דיין רפואה וועט קומען דורך שמחה של מצוה**".

דער הייליגער שר שלום האט אים געהייסן בלייבן אויף שבת אין בעלזא, און מוצאי שבת ביים שמחה'דיגן שלש סעודות און הבדלה האט דער רבי געהייסן דעם עולם טאנצן, און גערופן דעם קראנקן איד ער זאל אריינקומען אין צענטער און טאנצן מיט אלע כוחות, דער איד האט זיך איבערגעגעבן, פארגעסן פון די שמערצן און געטאנצט מיט מסירת נפש פאר עטליכע שעה, **נאכן טאנץ האט דער רבי אים געגעבן שיריים פון די הבדלה-וויין צו שמירן אויף די פיס, און ביז עטליכע טעג איז די הויט געווארן אינגאנצן ריין און ער איז אויסגעהיילט געווארן**.

• • •

**אין ספר דובר שלום ווערט דערציילט**, אז אינמיטן א קאלטן ווינטער איז א חסיד געפארן

קיין בעלזא אין א שרעקליכן שניי-שטורעם, אינמיטן וועג אין טיפן וואלד האט זיך דער וואגן איבערגעקערט און די פערד האבן מער נישט געקענט ציען, דער איד איז געבליבן שטעקן אליין אין דער פרעסט, און ער האט געשפירט ווי זיינע כוחות לאזן אים איבער און ער גייט ממש פארפרוירן ווערן צום טויט ח"ו.

אין יענע מינוט האט דער איד אויסגעשריגן, **"רבי! הייליגער שר שלום, ראטעוועט מיך אין אייער זכות"**, אין יענע זעלבע מאמענט אין בעלזא, איז דער הייליגער שר שלום געזעסן אין זיין צימער און געלערנט, פלוצלונג איז דער רבי אויפגעשטאנען, **צוגעגאנגען צום גרויסן אויוון וואס האט געברענט אינעם צימער, אויפגעמאכט די טיר פונעם אויוון, און אריינגעבלאזן דריי מאל מיט גרויס דביקות.**

דער גבאי האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי טוט, אבער שפעטער, ווען דער חסיד איז למעשה אנגעקומען בשלום קיין בעלזא, האט ער דערציילט, **אז פונקט ווען ער האט אויסגעשריגן דעם רבינ'ס נאמען אינעם וואלד, האט ער פלוצלונג דערשפירט א ווארעמען לופט ארום זיך פונקט ווי אינמיטן זומער, וואס האט אים באנייט די כוחות ביז ער האט געטראפן דעם וועג ארויס.**

• • •

**אין ספר זכרון לראשונים ווערט דערציילט**, אז א סוחר א חסיד איז אמאל געקומען צום הייליגען שר שלום מבעלזא זי"ע מיט א שווער הארץ, און ער האט דערציילט, אז ער האט אריינגעלייגט זיין גאנץ פארמעגן און געקויפט ריזיגע מאגאזינען מיט תבואה צו פארקויפן ווייטער, אבער די פרייזן פון תבואה איבער דער גאנצער וועלט זענען פלוצלונג געפאלן גאר נידעריג, און ער איז געשטאנען פאר א שרעקליכן באנקראט וואס וואלט חרוב געמאכט זיין משפחה.

דער הייליגער שר שלום האט אים אנגעקוקט און געזאגט, **"פארקויף יעצט גארנישט, ווארט נאך דריי חדשים, און פאר דו פארקויפסט זאלסטו אפגעבן מעשר פונעם גאנצן פלאן פאר ארימע לייט אין בעלזא"**, דער סוחר האט געפאלגט אן קיין פראגעס, כאטש יעדער האט געמיינט אז ער פארלירט דעם שכל, פלוצלונג, נאך דריי חדשים, איז געווארן אן אומערווארטעטער מאנגל אין תבואה אין דער הויפטשטאט וויען צוליב א פראבלעם מיט די שיפן, און די פרייזן האבן זיך געהויבן צו הויכע סכומים וואס מ'האט יארן נישט געזען, דער סוחר האט פארקויפט זיין סחורה פאר גרויסע געלטער און געווארן אן עושר מופלג.

• • •

**אין ספר סיפורי אנשי שם ווערט דערציילט**, אז אין א דערנעבנדיגן דארף לעבן בעלזא האט דער פריץ דער לאקאלער גלח אנגעקלאגט דעם אידישן קרעטשמער מיט א פאלשער גניבה, און געסטראשעט אים אריינצווווארפן אין תפיסה פאר פילע יארן און פארטרייבן זיין משפחה, דער איד איז געלאפן צום הייליגען שר שלום אינמיטן דער נאכט, און ער האט מיט ביטערע טרערן זיך מזכיר געווען ביים רבין און געבעטן ברחמים אז דער רבי זאל אים פועלן א ישועה.

דער הייליגער שר שלום האט גענומען א שטיקל פריש געבאקענע חלה פון שבת, דאס געגעבן פארן איד און געזאגט, **"נאר דאס זאלסטו טאן, גיי צום פריץ אין הויף, און איידער דו גייסט אריין צו דער משפט-שטוב, ווארף א שטיקל פון דעם שבת'דיגן ברויט פאר די גרויסע הינט פונעם פריץ וואס בילן ביי דער טיר"**, דער איד האט נישט פארשטאנען וואס די רבי פראבירט דא צו טון, אבער מיט זיין גרויס אמונת צדיקים איז דער איד אהיים געפארן.

דער איד איז געגאנגען מיט א ציטער צום שטוב פונעם פריץ, און האט געווארפן דאס שטיקל ברויט פון די שיריים פון שבת פאר די הינט אזוי ווי די רבי האט געהייסן, לפלא, די בייזע הינט פונעם פריץ, וואס פלעגן צורייסן יעדן פרעמדן, האבן געגעסן דאס ברויט און זיך גלייך בארואיגט און זיך גלייך אועק געלייגט ביים שוועל, ווען דער פריץ האט דאס דערזען דורכן פענסטער, איז אים באפאלן א גרויסער פחד, און ער האט געזאגט, **"אז די ווילדע הינט רירן אים נישט צו, איז ער זיכער אן אומשולדיגער און הייליגער מענטש"**, און דער פריץ האט תיכף מבטל געווען דעם גאנצן קלאגע און אים באפרייט מיט גרויס כבוד.

**יארצייט כ"ח אלול**

**הרה"ק רבי יחיאל ב"ר חיים שלמה הלוי זי"ע**
**(ראטענבערג), מקאסאן**
**"הנקרא ר' יחיאל'יש מקאסאן"**

ער איז געבוירן צו זיין טאטן הרה"ק **רבי חיים שלמה הלוי בעל שמועה טובה מקאסאן** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהוסף צדיקא בעל בני שלשים מקאסאן** זי"ע, (חתן הרה"ק **השרף מטאהש** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי צבי הירש מקוזובה** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יהוסף מקאזאווא** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי צבי הירש בעל עטרת צבי מזידיטשוב** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי אהרן אריה לייב מדאלינא** זי"ע,
בן אחר בן פון הגה"ק **רבי דוד הלוי בעל הטו"ז מלבוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת רייצא** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי אשר ישעי' רובין אב"ד קאלבסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יחיאל מקאלבסוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אשר ישעי' בעל אור ישע מרופשיץ** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי נפתלי צבי בעל זרע קודש מרופשיץ** זי"ע),
בן הצדיק נסתר הגה"ק **רבי אליעזר ליפמאן** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א גאון נפלא בתורה ובעבודת השם בקדושה וטהרה, ער איז געווען א שפל ברך און א עניו מאוד און איז אנטלאפן זיין גאנץ לעבן פון כבוד, זיין אהבת ישראל איז געווען עד להפליא, ער האט געהאט א לב טוב און מקבל געווען יעדן איד בסבר פנים יפות, און טאקע דערפאר איז דער צדיק געווען אהוב ונחמד בין הבריות, מען האט דעם צדיק שטארק מכבד געווען און די אידן פון שטאט קאסאן האבן געהאט א געוואלדיגע חביבות צו דעם צדיק, ער האט ליידער גאר אסאך מיט געמאכט אין לעבן **און לײדער נישט איבער געלאזט קיין זש"ק, אבער דאס האט נישט אוועק גענומען פון זיין עוסק זיין בתורה ועבודת השם מיט א שמחה עצומה כל ימיו.**

גאר אסאך תורה און זיין דרך אין עבודת השם האט ער מקבל געווען פון זיין גרויסן זיידן דער **צדיק וקדוש רבי יהוסף בעל בני שלשים מקאסאן** זי"ע, ער האט געהאט א געוואלדיגע חביבות ביים זיידן און דער זיידע האט גאר שטארק באוואונדערט זיין גדלות בתורה און זיין דרך אין עבודת השם בקדושה וטהרה.

בשנת תרע"ב, ווען דער זיידע דער הייליגער בני שלשים מקאסאן זי"ע איז ליידער נסתלק געווארן זייענדיג נאר 59 יאר אלט, האט דער זון די טאטע פונעם רבין הרה"ק רבי חיים שלמה בעל שמועה טובה זי"ע איבער גענומען אלס ממלא מקום אין שטאט קאסאן, און דאן האט דער זון ווייטער זוכה געווען צו מקבל זיין תורה וחסידות פון זיין גרויסן טאטן, וואס איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א גדול בתורה.

אבער לײדער האט דער טאטע נישט מאריך ימים געווען צו לאנג, און ו' טבת בשנת תר"פ איז דער טאטע נסתלק געווארן זייענדיג נאר 51 יאר אלט, און דאס האט לײדער גאר שטארק געווירקט אויפן צדיק, זייענדיג שטארק בצער פארלירענדיג אין 8 יאר זיין גרויסן זיידן און זיין גרויסן טאטן, אבער דער צדיק האט זיך מחזק געווען און האט ווייטער עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע התמדה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת חי' דרעזיא** ע"ה,
בת **דודו** הרה"ק **רבי משה שמואל הלוי ראטענבערג מקליינוואַרדיין - לאש אנדזשעלעס** זי"ע.

חסידי קאסאן האבן דערציילט גאר שטארק פון די עבודת הקדוש פון דעם צדיק, זיין עבודת התפילה איז געווען מלא התרגשות דקדושה און מיט א געוואלדיגע דביקות און התלהבות, ער האט מיט דעם מעורר געווען אידישע קינדער צו תשובה און תיקון המעשים, זיין אש קודש אין א שבת איז געווען געוואלדיג גרויס, און בכלל יעדע מצוה האט דער צדיק מקיים געווען בדחילו ורחימו און אלעס מיט א ברען צו גרויסן באשעפער.

לײדער האט דער צדיק געהאט צוויי קינדער וואס זענען יונגערהייט שטארק קראנק געווארן, און דער צדיק האט לײדערביידע קינדער פארלוירן, מען קען זיך נישט פארשטעלן דעם צער און עגמת נפש וואס דער צדיק האט געהאט מיטן פארלירן זיינע דורות, אבער דער צדיק האט זיך מחזק געווען און ווייטער געדינט דעם גרויסן

באשפעפר מיט שמחה, און ער האט מצדיק געווען דעם דין מן השמים אויף זיך און דאס מקבל געווען באהבה.

הרה"ח ר' גדליהו שווארץ ז"ל האט דערציילט, אז איין ערב שבת ווען די צוויי קינדער פונעם צדיק רבי יחיאל זענען ליידער געווען שטארק קראנק, און זענען ליידער נישט לאנג נאכדעם נפטר געווארן, איז ער ר' גדלי' געווען ביים פענסטער פונעם שטוב פונעם צדיק רבי יחיאל זי"ע, און ער האט געזען דעם צדיק ארום שפאצירן מיט די צוויי קראנקע קינדער אין די האנט, **און דער צדיק האלט א סידור און זאגט שיר השירים מיט אזא מתיקות און געגועים, אז דאס הארץ איז ממש צעגאנגען פון גרויס מתיקות.**

הרה"ח ר' נפתלי ראזענפעלד ז"ל וואס האט געוואוינט אין שטאט קליינווארדיין האט דערציילט, אז בשנת תרפ"ג האט ער געהאט די זכי' צו אפרעכטן דעם סדר צוזאמען מיט דעם צדיק וקדוש רבי יחיאל מקאסאן זי"ע, האט דער ר' נפתלי געזאגט, **ווער עס האט נישט מיט געהאלטן דעם סדר מיטן צדיק, האט נאך קיינמאל נישט געהערט אזא סדר, ווייל דער צדיק האט ממש געברענט ווי א מלאך ד' און מען האט ממש געשפירט ווי דער צדיק רעכט אפ א סדר אויבן אין הימל פון גרויס השתפכות הנפש און דביקות ביים סדר.**

ליידער האט דער צדיק סוף ימיו אויך געליטן פונעם מחלה פון **טויבערקלאזיס** ל"ע וואס דאס איז גרויסע יסורים, און דער צדיק איז דאן געפארן זיך היילען אין די מרחצאות פאר רפואה, אבער ליידער איז דער צדיק געווארן שוואכער און שוואכער, און מען האט געזען אז דאס הסתלקות איז ליידער נאנט.

דאן האבן זיינע צוויי שוואגער'ס הרה"ק רבי יהודה דוב זי"ע און הרה"ק רבי אפרים אשר זי"ע גענומען דעם צדיק, און מען איז ארויף אויפן באן צו פארן קיין קאסאן, כדי דער צדיק זאל נאך קענען קומען לקבורה בעפאר ראש השנה סמוך לקברי אבותיו אין קאסאן, און כ"ח אלול בשנת תרפ"ח איז דער צדיק נסתלק געווארן **זייענדיג נאך אינטער די 40 יאר אלט**, און דער פעטער הרה"ק רבי ישראל צבי הלוי בעל אור מלא מקאסאן זי"ע האט דעם צדיק מספיד געווען מיט בכיות און געזאגט בזה"ל, "**יודע אני שנתנסה בהנסיון שנתנסה בו יוסף ועברו בשלום, ולכן זכות זה ילוה לך לעולמך עולם שכולו טוב**".

נסתלק לגנזי מרומים **כ"ח אלול בשנת תרפ"ט**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קאסאן**, סמוך ונראה צו זיין הייליגען טאטן זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**אין ספר תפארת בית קאסאן ווערט דערציילט**, אז אלס קינד איז דער צדיק רבי יחיאל'יש אמאל געווען שטארק קראנק, און די דאקטוירים האבן שוין כמעט אויפגעגעבן אויף זיין לעבן, זיין פאטער, דער הייליגער שמועה טובה זי"ע, איז דעמאלט אריין אין זיין חדר מיוחד און געעפנט דעם ספר "**עטרת צבי" פונעם הייליגן זידיטשובער** זי"ע (וואס די קאסאנער רבי'ס זענען געווען שטארק מקושר צו זיין תורה בלוח לבם), און דער פאטער האט מתפלל געווען מיט בכיות עצומות און געזאגט, "**רבי, בזכות אייער הייליגע תורה זאל דאס קינד בלייבן לעבן צו קענען דינען דעם אויבערשטן**", פלוצלונג האט זיך דער מצב פונעם קינד איבערגעדרייט לטובה, און ער איז געזונט געווארן.

• • •

**אין תולדות צדיקי הונגריה ווערט דערציילט**, אז א איד א סוחר איז איינמאל געקומען קיין קאסאן צופארן זיך מזכיר זיין פאר א ברכה אויף פרנסה ביים צדיק רבי יחיאל מקאסאן זי"ע, דער איד האט געהאט אין הארץ א ספק **אויב ער זאל אננעמען א געוויסע שותפות וואס האט אויסגעזען זייער א גוטע זאך, אבער איז נישט געווען הונדערט פראצענט גלאטיג לויט די הלכה.**

לפלא, נאך פאר דער איד האט באוויזן צו עפענען דאס מויל און דערלאנגען דעם קוויטל, האט ר' יחיאל'יש אים אנגעקוקט מיט זיינע הייליגע אויגן און געזאגט, "**א איד דארף וויסן, אז קיין שום ברכה קען נישט רוען אויף א זאך וואס האט אין זיך א חשש איסור, זאל עס אפילו אויסזען ווי די גרעסטע מציאה**", דער איד איז געווארן צעשאקלט ווי דער רבי האט געזען פונקט וואס עס ליגט אים אין מחשבה, און ער האט גלייך

אפגעלאזט דעם גאנצן ענין און שפעטער געזען גרויס הצלחה אויף אן ערליכן וועג.

• • •

**אין הקדמת ספר שמועה טובה ווערט דערציילט**, אז די חסידים פון קאסאן האבן דערציילט, אז די תפילות פון ר' יחיאל'יש, בפרט אין די ימים נוראים און שבת קודש, זענען געווען מיט אן אומבאשרייבליכן ברען און מסירות נפש, ער פלעגט שטיין שעות לאנג צוגעדריקט צום עמוד אן קיין שום באוועגונג, און טייכן טרערן פלעגן פליסן פון זיינע אויגן פאר ישועת הכלל והפרט, זיין שוואכע קערפער האט קוים געקענט דערטראגן די גרויסע היכלי הנגינה און דביקות, און נאך יעדער תפילה פלעגט מען אים דארפן צולייגן צום בעט זיך צו כאפן דאס חיות פון דאס ניי.

• • •

**זקני חסידי קאסאן פלעגן פארציילן**, אז פון זיינע יונגע יארן אן האט מען דעם צדיק וקדוש ר' יחיאל'יש נישט געזען ארויסקוקן פון ד' אמות, ווען ער פלעגט שפאצירן אין גאס אדער גיין אין שול, זענען זיינע אויגן שטענדיג געווען אראפגעלאזט צו דער ערד מיט א מורא'דיגע אימת שמים, עטליכע חסידים האבן מעיד געווען, אז ער האט קיינמאל נישט געקוקט אויף די צורת הפנים פון מענטשן וואס זענען געקומען צו אים, נאר גערעדט מיט פארמאכטע אויגן אדער אריינגעקוקט אין א הייליג ספר, כדי נישט צו האבן קיין שום הסח הדעת פון דביקות אין באשעפער.

• • •

**חסידים פונעם צדיק האבן דערציילט**, איבער זיין עבודה אין מקוה וואס איז געווען א שם דבר ביי די בני העליה אין קאסאן, ער פלעגט זיך טובל'ען עטליכע מאל יעדן טאג, פארן דאווענען, פארן לערנען, און פארן נעמען קוויטלעך, אפילו אין די ביטערע קאלטע ווינטער נעכט און פארטאגס, ווען דאס וואסער איז געווען פארפרוירן מיט אייז און זיין שוואכער קערפער האט געציטערט פון קעלט, האט ער נישט מוותר געווען אויף קיין איין טבילה, ער פלעגט זאגן פאר די מקורבים, "**א טבילה אין מקוה רייניגט די נשמה פון יעדן שטויב פון גשמיות און ברענגט אראפ א באזונדערע קדושה אויפן גאנצן טאג**".

• • •

**אין תפארת בית קאסאן ווערט דערציילט**, אז א איד פון א דערנעבנדיג שטעטל איז געקומען צו לויפן קיין קאסאן מיט א צובראכן הארץ, נאכדעם וואס זיין איינציג קינד איז געלעגן אין בעט מיט א געפערליכן פיבער און די דאקטוירים האבן געזאגט אז זיי האבן מער נישט מיט וואס צו העלפן, און דער איד האט געוויימט מיט ביטערע טרערן און געבעטן דעם צדיק זאל פועלן א ישועה פארן קינד.

דער צדיק האט צו געהערט צו דעם איד מיט גרויס רחמנות, און דאן האט דער צדיק גענומען א גלאז פשוט'ע וואסער, געמאכט דערויף די ברכה "**שהכל נהיה בדברו**" מיט א מורא'דיגן דביקות און כוונה, און געטרונקען א שלונג, דערנאך האט ער איבערגעגעבן די איבעריגע וואסער פארן פאטער און געזאגט, "**פאר גלייך אהיים, און גיב דעם קינד צו טרינקען פון די שיריים**", דער איד איז געלאפן אהיים, געגעבן דאס וואסער פארן קינד, און ביז א שעה צייט איז דער פיבער אינגאנצן אראפגעפאלן און דאס קינד איז אויפגעשטאנען געזונט און שטארק.

• • •

**אידן פון שטאט קאסאן האבן דערציילט**, אז א חסידישער איד וואס איז שוין געווען חתונה געהאט איבער פופצן יאר און נישט געהאט קיין קינדער, איז געקומען זיך מזכיר זיין ביים הייליגן צדיק ר' יחיאל'יש, דער רבי האט גענומען דעם קוויטל, אריינגעקוקט דערין א לאנגע צייט מיט פארמאכטע אויגן, און דערנאך געזאגט צום איד, "**נאך דעם יאר וועסטו האלטן א בן זכר אויף די הענט, אבער בתנאי אז דו נעמסט זיך פאר קיינמאל נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביים ליינען**", דער איד האט מקבל געווען אויף זיך די קבלה בלב שלם, און פונקט א יאר שפעטער איז געבוירן געווארן זיין בכור למזל טוב.

• • •

**אין הקדמת ספר שמועה טובה ווערט דערציילט**, אז א בחור וואס איז געשטאנען פארן גורל אריינצוגיין אין דער שווערער אונגארישער מיליטער (וואס איז דעמאלט געווען א סכנה פאר אידישקייט און שמירת שבת), איז געקומען צו פארן מיט זיין מוטער וויינען צום רבין ר' יחיאל מקאסאן זי"ע, און דער בחור און דער טאטע האבן געוויינט און געבעטן דעם רבין אז ער זאל פועלן א ישועה פארן בחור.

דער צדיק ר' יחיאל'יש האט אנגעקוקט דעם בחור און געזאגט מיט א זיכערקייט, "**זארגט נישט, ווען מען וועט דיר אויסרופן צום דאקטאר וועט ער זען אז דו ביסט גארנישט ראוי פאר די מיליטער**", ווען דער בחור איז געשטאנען פאר דער מיליטערישער קאמיסיע, האט דער הויפט-דאקטאר אים אנגעקוקט עטליכע סעקונדן, א ווארף געטאן די פאפירן און געשריגן מיט כעס, "**וואס ברענגט מען מיר אהער א קראנקן און שוואכן בחור, שיקט אים גלייך אהיים!**", און דער בחור איז באפרייט געווארן אויפן פלאץ.

**יארצייט כ"ט אלול**

**הרה"ק רבי משה ב"ר ישראל זי"ע, הי"ד**
**(פערלאוי), מסטאלין**

ער איז געבוירען אין שטאט סטאלין, **בשנת תרנ"א**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי ישראל בעל אור ישראל הינוקא מסטאלין פרנקפורט** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אשר (השני) מסטאלין** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי אלימלך שפירא מגרודז'יסק** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי אהרן בעל בית אהרן מקארלין** זי"ע, (חתן הרה"ק **רבי מרדכי מקרעמניץ** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי אשר (הראשון) מסטאלין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אהרן הגדול מקארלין** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת ברכה שיינדל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי דוד טווערסקי מזלטיפולי** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יוחנן מרחמסטריוועקא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מרדכי המגיד הגדול מטשערנאביל** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל** זי"ע.

ער איז געווען א גאון עולם און א בקי נפלא בתורת הנגלה והנסתר, אויך איז דער צדיק געווען א בקי נפלא בכל חכמי התורה, ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק נפלא בתורה ובעבודת השם ובחסידות, זיין עבודת השם איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען און התלהבות דקדושה און מיט א געוואלדיגע דבקות בשם, ער איז געווען א גרויסע בעל מידת און א שפל ברך עד למאוד, זיין אהבת ישראל איז געווען עד אין לשער, ער האט באמת ליב געהאט יעדן אידיש קינד מיט אן אהבת נפש, ער האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך עוסק געווען און צדקה וחסד און גמילות חסדים, און דאס אלעס האט דער צדיק געטון מיט א געוואלדיגע הסתר, ער איז געווען א געוואלדיגע מעורב בין הבריות און א געוואלדיגע חכם מחוכם.

רוב פון זיין תורה און עבודת השם און זיין דרך בחסידות האט דער צדיק מקבל געווען פון זיין גרויסן טאטן, וואס איז געווען א גאון הגאונים און איינע פון גרעסטע גדולים בימיו, זיין טאטע האט ארויס געוויזן א שטארק חביבות פאר דעם קינד משה, וויבאלד ער איז שוין יונגערהייט געווען מפורסם אלס א גאון וגדול בתורה, ער האט שוין יונגערהייט עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה און קדושה.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת דבורה לאה** ע"ה, הי"ד,
בת הרה"ק **רבי פנחס ראבינאוויטש מסוקוליבקא** זי"ע, הי"ד,
בן הגה"ק **רבי יצחק יואל מקנטקוזבה** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי גדליה אהרן בעל חן אהרן מליניץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יצחק יואל מליניץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי גדלי' בעל תשואות חן מליניץ** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי יצחק דיין מפולנאה** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי שמואל אליעזר הלוי איידליס בעל המהרש"א אב"ד אוסטרהא** זי"ע.

גאנץ אנפאנג נאך די חתונה איז ער געבליבן וואוינען נעבן זיין שווער, און דאן האט דער גאון עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א גדול בתורה, אבער דער צדיק האט זיך זיין גאנץ לעבן באהאלטן אין געדינט דעם באשעפער בהסתר.

בערך א יאר נאך די חתונה האט ער זיך צוריק געצויגען קיין **סטאלין** וואוינען נעבן זיין גרויסן טאטן, און דאן איז דער צדיק מפורסם געווארן אלס א גאון וגדול בתורה, די חסידים פונעם טאטן האבן אים גאר שטארק מכבד געווען וויסענדיג זיין גדלות, אבער דער צדיק האט נישט געלאזט מען זאל אים מכבד זיין און איז אנטלאפן פון כבוד און נאר געווען אריין געטון בתורה ועבודת השם יומם ולילה.

בשנת תרפ"א ב' תשרי איז די טאטע דער הייליגער ינוקא מסטולין זי"ע נסתלק געווארן, און דאן האבן אלע ברודער'ס וואס זענען געווען גרויסע גדולים וצדיקים, אנגעהויבן פירן רבנות יעדער אין זיין שטעטל, און דער צדיק רבי משה האט דאן צוזאמען גענומען א גרויסע חלק פון די חסידי סטאלין.

אבער דער צדיק האט דווקא צו זיך געצויגען די פשוטע אידן און נישט די עשירים אדער געהויבענע חסידים, ווייל דער צדיק האט דווקא

געוואלט משפיע זיין מיט זיין גרויסע כח פאר די פשוטע אידן און זיי ארויף ברענגען העכער אין עבודת השם.

ער האט דאן עוסק געווען בצרכי הכלל מיט א מסירת נפש ממש, ער האט דארט אין שטאט אויף געשטעלט תלמיד תורת ווי עס האבן שפעטער געלערנט **מער ווי 400 ילדי תשב"ר**, און צוזאמען מיט הרה"ק **רבי אשר מפיאלקוב** זי"ע האט ער עוסק געווען צו ארויף ברענגען די אידישקייט אין שטאט סטאלין אויף א גאר הויכע דרגה.

בשנת תרפ"ב האט ער אויף געשטעלט א גרויסע ישיבה וואס ער האט קודם א נאמען געגעבן "**אהל משה**", אבער שפעטער האט ער געטוישט דעם נאמען צו "**ישיבת בית ישראל**" לזכרו פון זיין גרויסן טאטן זי"ע, דארט אין די ישיבה האבן געלערנט בחורים גדולים וגאונים בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, דער צדיק זייענדיג א גאון בדורו האט אליין מרביץ תורה געווען פאר די תלמידים, די ראשי ישיבות אין די ישיבה זענען געווען הגה"ק **רבי משה קופולוביץ** זי"ע, הגה"ק **רבי יעקב גרינבערג מסלונים** זי"ע, הי"ד, הרה"ק **רבי אברהם שמעון הלוי ענבל הורוויץ** זי"ע, **הנקרא רבי שמעון זעליחובער** זי"ע, הי"ד.

פאר קרוב צו 20 יאר האט דער צדיק געדינט אלס רב אין שטאט סטאלין, און ער האט די עדה הקדושה געפירט מיט א געוואלדיגע שטארקייט, ער האט משפיע געווען תורה און קדושה אויף זיינע חסידים, ער האט מרביץ תורה געווען פאר הונדערטער תלמידים גאונים בתורה, זיין עבודת התפילה איז געווען פאר שעות אריכות מיט א געוואלדיגע דביקות און השתפכות הנפש.

ער האט די אלע יארן משפיע געווען אויף די חסידים צו עוסק זיין בתורה מיט אן התמדה רבה, זיינע דברי תורה איז געווען מיט א געוואלדיגע ברען און א אש קודש, זיינע חידושים זענען געווען כמעין המתגבר און ער האט מחדש געווען חידושים נפלאים בכל התורה, און זיינע ווערטער וואס זענען געווען מיט א אמת און קדושה, האבן איבער געגומען יעדן איד און מעורר געווען אידן צו תשובה און תיקון המעשים, ורבים השיב מעון.

גרויסע געלטער האט דער צדיק צוזאמען געשטעלט פאר די תלמיד תורת און ישיבות וואס ער האט געפירט, און דער צדיק האט אמאל זיך אויסגעדריקט פאר זיינע חסידים, אז אויב וועט מען אים פרעגן בעולם העליון, אין וואסערע זכות ער האט גענומען געלט פון אידן, וועט ער זאגן, אז איך האב סך הכל נאר גענומען פון דעם איד און געגעבן פאר א אנדערן איד, אבער ער האט קיין פרוטה נישט גענומען פאר זיך.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל עד אין לשער, ער האט מקרב געווען יעדן אידיש קינד מיט א געוואלדיגע אהבה, אפילו אידן וואס זענען געווען גאר פשוט און אפילו גאר שוואך אין אידישקייט, האט דער צדיק געהאט מיט זיי א שפראך און זיי צו געצויגן צו תורה און עבודת השם און געטראפן דעם נקודה הפנימית פון די פשוטע אידן, און זיי נענטער געברענגט צום באשעפער, און זיי אויף געהויבן צו אידן וואס האבן עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע קדושה, און די חסידים זיינע זענען געווען צו געבינדן צו זייער רבין מיט א געוואלדיגע קשר און אהבה.

בשנת תרצ"ט ווען די שטאט סטאלין איז געפאלן אינטער די הענט פון די רוסישע רשעים, האבן די אידן פון שטאט אנגעהויבן גאר שטארק ליידן פון די רשעים, אויך דעם צדיק האבן די רשעים נישט דורך געלאזט, און ליידער האבן די אידן פון די שטאט און אלע שטעט ארום געליטן צרות פון די רשעים ימ"ש, עס האט דאן געהערשט א גרויסע הונגער אין שטאט און מען האט אלע אידן פארטריבן פון די הייזער.

האט דער צדיק וקדוש מיט א מסירת נפש ממש עוסק געווען, אין פארשאפן געלט און עסן פאר די הונגעריגע אידן, הונדערטער אלמנות און יתומים האט דער צדיק אויס געהאלטן און ארויס געהאלפן מיט וואס ער האט נאר געקענט, און אפילו ווען עס איז נישט געווען קיין געלט מער צו העלפן, האט דער צדיק אריין געלייגט גרויסע כוחות צו העלפן די צובראכענע אידן, ער האט זיך פרעזענליך אפ געגעבן מיט די קראנקע און שוואכע אידן פון שטאט מיט א מסירת נפש.

ליידער צופרי אינעם טאג **כ"ט אלול בשנת תש"ב ערב ראש השנה תש"ג**, האט מען די גאנצע שטאט ארויס געפירט פון שטאט, און דארט אויפן פעלד האבן די רשעים ימ"ש אומגעברענגט טויזענטער אידישע קינדער ובתוכם דעם צדיק

וקדוש **רבי משה מסטאלין** זי"ע הי"ד און זיין רעבעצין צוזאמען מיט זיינע קינדער הגה"ק **רבי נחום שלמה מקאזניץ** זי"ע, הי"ד, בנו הרה"ק **רבי דוד** זי"ע, הי"ד, בנו הרה"ק **רבי אהרן** זי"ע, הי"ד, **בתו הצדקת חי' שרה** ע"ה, הי"ד, און מיט דעם איז ליידער נישט איבער געבליבן קיין זכר פון דעם צדיק וקדוש.

ארץ אל יכסה דמם ואל יהיה מקום לזעקתם עדי עד ישקיף ד' ויראה בצרת עמו ויגאלנו ברחמיו שנית לעיני כל חי בביאת גואל צדק בב"א.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווערט דערציילט אויף דעם צדיק וקדוש רבי משה מסטאלין זי"ע** לגבי זיין געוואלדיגע צדקת און זיין מדריגה אין צדקה וחסד וואס איז געווען פלאי פלאים שוין פון אלס קינד, דערציילט מען, אז אין חצר פון סטאלין איז געווען א באשטימטע פלאץ, ווי מען האט געהאלטן די האלץ צו הייצן דעם אויווען ווינטער אינעם שטוב פונעם צדיק רבי ישראל היניקא מסטאלין זי"ע, האט זיך געמאכט איין יאר, אז די שטוב מענטשן ביים רבין האבן געזען, אז פון די האלץ פעילט יעדע נאכט גרויסע סכומים, און זיי האבן נישט געוויסט ווי דאס האלץ איז אהין געקומען.

האבן זיי איין נאכט געשטעלט איינע פון די שטוב מענטשן, אז ער זאל קוקען ווער עס נעמט האלץ פון דארט, האט דער איד געזען, ווי שפעט אינמיטן די נאכט, קומט אריין דער קליינער זון פונעם רבין דער משה, און נעמט אויף די אקסלען א גאנצע פאק מיט האלץ, און ער גייט אריבער צו איינע פון די ארימע שטובער פון שטאט, און ער דערלאנגט פאר זיי דאס גאנצע האלץ, און אזוי האט דער קינד געטון פאר אפאר ארימע הייזער פון שטאט, ווען דער טאטע האט דאס געהערט, האט ער ארויס געוויזן זיין געוואלדיגע התפעלות פון א השגה פון א קינד אין מצוות צדקה וחסד און זיין געוואלדיגע רחמנות אויף די עניים פון שטאט, אפילו זייענדיג נאך גאר יונג דאן.

• • •

**הרה"ג רבי ישראל דוד נייוואנער ז"ל האט דערציילט**, אז דער דר, לעפקאוויטש ע"ה האט אים דערציילט, אז ער איז געווען דער דאקטאר פאר הרה"ק **רבי שאול בראך בעל שאול מקאשוי** זי"ע, איינמאל איז דער קאשויער רב זי"ע זייער נישט געזונט געווארן, האט ער געבעטן מען זאל שיקן א טעלעגראם און אים מזכיר זיין אין שינאווא און אויך קיין בעלזא, און אויך זאל מען שיקן קיין סטאלין צום צדיק **רבי משה מסטאלין** זי"ע.

האט אים דער דר, לעפקאוויטש געפרעגט, ווער איז דער רבי משה פערלאוי פון סטאלין, האט דער צדיק רבי שאול בראך געזאגט, קודם שיק דעם טעלעגראם און איך וועל דיר נאכדעם זאגן ווער דאס איז, דעם קומענדיגע טאג איז צוריק געקומען א מכתב ברכה מיט א רפואה שלימה פון סטאלין פון רבי משה זי"ע, האט דער דר, לעפקאוויטש געפרעגט דעם קאשויער רב זי"ע, ווער איז דאס דער רבי משה מסטאלין.

האט דער הייליגער קאשויער רב זי"ע אים געזאגט, **דער איז די צדיק הדור**, און ער האט אים דערציילט, אז איינמאל איז ער געווען אין קארלסבאד, און איך בין איינגעשטאנען אין א גאסט הויז ביים עק פון שטאט, און איך האב געפרעגט פון דעם גאסט געבער, אויב עס איז דא נאך רבנים דא אין שטאט.

האט ער מיר געזאגט בזה"ל, **"עס איז דא אן איטערסאנטער איד, וואס במשך דעם גאנצן טאג זיצט ער אין זיין שטוב, און גייט נישט ארויס, אבער ביי חצות לילה גייט ער ארויס פון שטוב פאר בערך דריי שעה, און דאן קומט ער צוריק צו זיין שטוב און שפארט זיך איין"**, דערציילט דער קאשויער רב זי"ע ווייטער, אז ער איז דעם איד נאך געגאנגען איין נאכט, און האט מיט אים געשמיעסט פאר א שטיק צייט אין עניינים, און נאכן שמיעס האט ער געזען, **אז דער איז די צדיק הדור**, און דאס איז געווען דער רבי משה מסטאלין זי"ע.

• • •

**אין ספר בית אהרן וישראל ווערט געברענגט**, אז ביים אויסבראך פונעם חורבן אייראפע, האט זיך דער צדיק רבי משה מסטאלין זי"ע געפונען אין סטאלין צווישן זיינע חסידים און שטאטס-לייט, פארשידענע מענטשן האבן פרובירט אים צו באזארגן מיט פאלשע פאפירן און מעגלעכקייטן צו אנטלויפן, אבער ער האט בשום אופן נישט מסכים געווען איבערצולאזן די אידן פון שטאט.

אין יענעם ביטערן ערב ראש השנה תש"ב (כ"ט אלול), ווען די נאצישע רשעים ימ"ש האבן געטריבן די טויזנטער אידן פון סטאלינער געטא צום וואלד **'גלינקע'**, איז דער רבי געגאנגען פאראויס מיט אן אויסערארדנטליכע רואיגקייט און גבורת הנפש,

עדות האבן דערציילט, אז אויפן גאנצן וועג האט ער מחזק געווען די צובראכענע אידן, **גערעדט צו זיי וועגן מסירות נפש און קידוש השם**, און געפאדערט מען זאל מקבל זיין די גזירה מיט אהבה און ריינע מחשבות, **ער איז אומגעקומען אויף קידוש השם בשעת ער האט געזאגט קריאת שמע מיט א ברענענדיגער דבקות.**

• • •

**אינעם קונטרס זכרונות חסידים ווערט דערציילט**, אז כאטש דער צדיק רבי משה מסטאלין זי"ע איז געווען דער ממלא מקום אין דער אלטער שטאט **סטאלין**, און פילע הונדערטער חסידים זענען געפארן צו אים, האט ער זיך שטענדיג געהאלטן קליין און זיך מיט א אמת'דיגקייט מבטל געווען פאר יעדן איד ובפרט פאר די גדולי הדור.

ווען זיין עלטערער ברודער, הרה"ק **רבי אברהם אלימלך מקארלין** זי"ע, פלעגט קומען אויף באזוך קיין סטאלין אדער ווען זיי האבן זיך געטראפן, האט רבי משה'לע זיך געפירט ווי א פשוט'ער חסיד פאר זיין ברודער, ער האט אים אפגעגעבן דעם גאנצן כבוד, אים געלאזט פירן די טישן, און זיך אונטערגעווארפן אונטער זיין הנהגה מיט א געוואלדיגע אהבת אחים און בטול.

• • •

**אינעם ספר בית אהרן וישראל ווערט געברענגט**, אז כאטש דער צדיק רבי משה מסטאלין זי"ע איז געווען פארנומען מיט הונדערטער מענטשן וואס זענען געקומען נאך אן עצה און ברכה, פלעגט ער זיך שעות לאנג פארשליסן אין זיין חדר מיוחד צו לערנען און עוסק זיין אין תורת הנסתר און עבודת הלב, די שטוב-מענטשן האבן געוואוסט, אז אין די שעות טאר מען אים נישט שטערן פאר קיין שום זאך אויף דער וועלט, **ווייל ער איז געווען דעמאלט אינגאנצן דבוק אין עולמות עליונים אין א מצב פון הפשטת הגשמיות.**

• • •

**אין זכרונות חסידים ווערט דערציילט**, אז איינע פון די באקאנטע עובדות אין סטאלין איז געווען מיט אן אלמנה, אן עקרת הבית מיט יתומים, וואס האט געפירט א קליינע געשעפט פאר פרנסה, און איז איינמאל געקומען צום רבי'ן מיט ביטערע בכיות אז איר גאנצע פרנסה פאלט צוזאם, די בעלי חובות ווארפן איר ארויס און זי האט נישט מיט וואס צו קויפן ברויט פאר די קינדער.

דער רבי האט איר אויסגעהערט מיט גרויס מיטגעפיל און רחמנות, און האט איר אנגעוואונטשן און דערלאנגט א שטיקל שיריים (א שטיק פירות/חלה) און געזאגט, "**גיי צוריק אין געשעפט, זאלסט נישט לאזן די טיר פארמאכט, און דער אייבערשטער וועט העלפן מען וועט זען ניסים**", עטליכע טעג דערויף איז אנגעקומען א גרויסער סוחר פון א שכינות'דיגע שטאט וואס האט פלוצלונג געדארפט א ריזיגע סחורה-באשטעלונג פון איר געשעפט, און ביז א קורצער צייט האט זי באצאלט אלע חובות און חתונה געמאכט אירע קינדער מיט א ברייטקייט.

• • •

**אין קובץ בית אהרן וישראל ווערט געברענגט**, אז א חסידישער איד פון די ארומיגע דערפער לעבן סטאלין איז געקומען צולויפן אינמיטן דער נאכט צום הויף מיט א קוויטל, אז זיין קינד ליגט אין שפיטאל מיט א הויכן פיבער און די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן האפענונג אויף זיין לעבן.

דער צדיק רבי משה'לע איז אריין אין זיין חדר מיוחד, האט געזאגט עטליכע קאפיטלעך תהלים, און איז ארויסגעקומען מיט א שמייכל און געזאגט מיט א פעסטע שטימע, "**גיי אהיים מיט שלום, דער קינד איז שוין איבערגעקומען דעם שווערן קריזיס, ער וועט נאך לעבן און לערנען תורה**", ווען דער פאטער איז אנגעקומען אין שפיטאל, האבן די דאקטוירים מיט אים מיטגעטיילט מיט גרויס וואונדער, אז גענוי אין יענע מינוט ווען דער רבי האט געזאגט די ווערטער, האט זיך דער פיבער פלוצלונג געבראכן און דאס קינד איז געראטעוועט געווארן.

• • •

**אינעם קונטרס משכנות הרועים ווערט געברענגט**, אז עס איז געווען א פאל ווען א נגיד פון פינסק איז געקומען צום רבי'ן איבער א שידוך פאר זיין טאכטער מיט א בחור וואס מען האט גערעדט גאר גרויסע זאכן אויף אים, אלע צדדים האבן שוין געהאלטן ביים שליסן דעם שידוך, אבער דער פאטער איז געקומען נעמען די ברכה פונעם רבי'ן.

ווי נאר דער רבי האט אנגעקוקט דאס קוויטל, האט ער געזאגט מיט ערנסטקייט, "**דער שידוך איז נישט פאר אייך, קוקט גוט נאך ווער ער איז באמת**", דער מחותן איז געווען ערשטוינט, אבער צוליב דער אמונת חכמים האט ער אנגעהויבן נאכפארשן טיפער, און עס איז אויפגעדעקט געווארן אז דער בחור איז געווען גאר ווייט פון אידישקייט און האט באהאלטן זיין אמת'ן פרצוף, דער איד איז צוריקגעקומען באדאנקען דעם רבי'ן פאר'ן ראטעווען זיין גאנצן דור.

**יארצייט א' דראש השנה**

**הרה"ק רבי יצחק מאיר ב"ר אברהם יהושע העשיל זי"ע, מקאפיטשיניץ**

ער איז געבוירן אין שטאט זינקוב, **כ"א כסלו בשנת תרכ"ב**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אור יהושע ממעזיבוז** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי משולם זוסיא מזינקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי יצחק מאיר מזינקוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת לאה רחל** ע"ה,
בת הרה"ק **רבי שלום יוסף פריעדמאן מסדיגורא** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישראל פריעדמאן מרוז'ין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שלום שכנא מפראהביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם המלאך** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש** זי"ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א עובד השם נפלא, ער איז געווען מפורסם אלס א גדול וחריף עצום און א למדן נפלא בתורה, ער האט געהאט א גאר שטארקע קשר מיט אסאך פון די צדיקי הדור וואס האבן מעיד געווען אויף דעם צדיק'ס עבודת השם און קדושה, דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען בצדקה וחסד אויף גאר א געהויבענע מדרגה, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזנטער אידן יראים ושלימים האבן זיך מדבק געווען אין דעם צדיק, און זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש.

דער צדיק האט געהאט א קשר מיט רוב צדיקי דורו און דער צדיק האט זיך אסאך מסתופף געווען בצלו פון די צדיקי הדור ובתוכם.

דודו הרה"ק **רבי דוד משה מטשורטקוב** זי"ע,
הגה"ק **רבי שבתי שעפטיל ווייס אב"ד שימאני** זי"ע.

הרה"ק רבי ישכר דוב רוקח מבעלזא זי"ע, האט דעם צדיק שטארק מכבד געווען, און די חסידי בעלזא האבן דערציילט, אז דער הייליגער בעלזא רב האט דעם צדיק כמה פעמים ארויס באגלייט ביזן טיר, ווען זיי האבן זיך געזעגנט, **וואס דאס האט דער הייליגער בעלזא רב כמעט פאר קיינעם נישט געטון**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת גיטל** ע"ה,
בת **דודו** הרה"ק **רבי מרדכי שרגא פייבוש פריעדמאן מהוסיאטין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישראל פריעדמאן מרוז'ין** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי שלום שכנא מפראהביטש** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי אברהם המלאך** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי דוב בער המגיד הגדול ממעזריטש** זי"ע.

נאך די חתונה איז דער צדיק געבליבן וואוינען נעבן זיין גרויסן שווער, דארט האט דער צדיק עוסק געווען בתורה ועבודת השם מיט א געוואלדיגע קדושה און התמדה, ער איז שוין דאן געווען מפורסם אלס א גדול בתורה און א איש קדוש מאוד, אידן יראים ושלימים האבן זיך שוין דאן מדבק געווען אין דעם צדיק און געקומען מיט האלטן זיין עבודת השם, וואס איז געווען מיט א אש קודש און א געוואלדיגע התלהבות דקדושה.

כ"ב אייר בשנת תרנ"ד איז זיין גרויסע שווער מהוסיאטין נסתלק געווארן, און וויבאלד דער צדיק רבי יצחק מאיר זי"ע האט ביז דאן בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, האבן אבער דאן גרויסע שטעט געבעטן דעם צדיק, אז ער זאל קומען דינען אלס רב ביי זיי אין שטאט, אבער דער צדיק האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, אבער נאכן זיך דורך רעדן מיט זיין רבי דער הייליגער צדיק רבי דוד משה מטשורטקוב זי"ע, האט זיין רבי געווארפן גורל, און דאן האט זיין רבי ר' דוד משה געזאגט בזה"ל, **"מזל טוב קופיטשניצער רבי"**, און דאן האט דער צדיק אנגענומען דאס רבנות אין שטאט קאפיטשניץ.

פאר קרוב צו 40 יאר האט דער צדיק געדינט אלס רב אין שטאט קאפיטשניץ, דארט האט דער צדיק משפיע געווען תורה ועבודת השם פאר אידן

אין די טויזענטער, ער איז געווען מפורסם אלס א עובד השם נפלא, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פאר יעדע הלכה און מנהג וואס מען האט מקבל געווען מדורות הראשונים, גאר שנעל איז דער צדיק מפורסם געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות בקרב הארץ, טויזנטער אידן זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש, און געקומען פאר ברכות, און זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות חוץ לדרך הטבע.

דער צדיק וקדוש איז געווען מפורסם אלס א איש קדוש מאוד און א עובד השם במסירת נפש ממש, אבער גאר גרויס איז דער צדיק געווען אין מידת צדקה וחסד, דער צדיק האט אוועק געגעבן יעדע פרוטה פאר צדקה, און פאר זיך האט דער צדיק געלעבט א גאר פשוטע לעבן, עס האט זיך ביים צדיק געקענט מאכן אז ער האט געלעבט אין א דחקות, אבער דער צדיק האט זיך קיינמאל נישט צוריק געהאלטן פון געבן גרויסע געלטער פאר ארימעלייט.

איינמאל חנוכה צייט האט די רעבעצין געבעטן דעם צדיק, **אז מען ברויך האבן נייע צודעק פאר די פענסטער פון זייער שטוב, וואס איז שוין געווען אינגאנצן אפגעניצט**, אבער דער צדיק האט געבעטן פון די רעבעצין, **אז זי זאל צו ווארטן ביז נאך פורים**, אבער ווען עס איז שוין געקומען ערב פסח און די רעבעצין האט נאכנישט באקומען קיין ענטפער פון איר מאן, איז זי אריין געקומען און דערמאנט דעם צדיק, האט דער צדיק געוויזן פאר די רעבעצין אויפן טיש, די אלע געלטער וואס ער האט צוזאמען געשטעלט פאר ארימעלייט, און דער צדיק האט געזאגט, **"דאס זענען מיינע פענסטער צודעק"**.

בשנת תרע"ז ביי די ערשטע וועלט מלחמה, איז דער צדיק אנטלאפן מיט די גאנצע משפחה קיין **וויען**, און דארט איז דער צדיק געבליבן ביז צו זיין הסתלקות, דארט אין וויען האבן זיך גאר אסאך אידן יראים ושלימים און אויך פון די צדיקי הדור מדבק געווען אין דעם צדיק, ער האט ארויס געוויזן א געוואלדיגע הערצה ביי אלע ערליכע אידן ובתוכם הגה"ק **רבי חיים יצחק ירוחם אב"ד אלטשטאט** זי"ע וואס פלעגט יעדעס יאר בין כסא לעשור קומען צו דעם צדיק מיט א קוויטל.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי אברהם יהושע** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי משה מרדכי העשיל ממעזיבוז ווארשה** זי"ע,
הרה"ק **רבי משה** זי"ע,
הרה"ק **רבי שלום יוסף** זי"ע,
הרה"ק **רבי מרדכי שרגא** זי"ע, חתן הרה"ק **רבי ישראל פריעדמאן מבויאן לייפציג** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת בלומא רייזיל** ע"ה, אשת הרה"ק רבי **אברהם יעקב פריעדמאן בעל אביר יעקב מסדיגורא** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת חוה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אליעזר האגער בעל דמשק אליעזר מוויזניץ** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת מרים** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אברהם יהושע העשיל ממעזיבוז טרניפאל** זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **א' דראש השנה בשנת תרצ"ו**, ומנחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **וויען**, דארט ווי עס זענען באהאלטן געווארן די צדיקי לבית רוזין ובתוכם הרה"ק **רבי ישראל מטשורטקוב** זי"ע.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווי עס איז באקאנט איז געווען א געוואלדיגע אהבה און הערצה** צווישן דעם צדיק רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ זי"ע, און זיין גרויסע מחותן **דער הייליגער אהבת ישראל מוויזניץ** זי"ע, איינמאל ווען די צוויי מחותנים האבן זיך געטראפן, האט דער הייליגער צדיק מקאפיטשניץ געפרעגט דעם מחותן, **וואס טוט דער מחותן, ווען איינער וואס איז נישט קיין ערליכער איד קומט זיך מזכיר זיין ביים מחותן**.

ווייל עס איז דאך באוויסט וואס דער הייליגער באר מים חיים זי"ע האט געזאגט, **אז ווען א רשע רח"ל קומט זיך מזכיר זיין ביי א צדיק, נישט נאר העלפט נישט די הזכרה, נאר פונקט פארקערט, עס קען נאך גורם זיין פאר יענעם אויף שלעכטס**, האט

דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע געזאגט פארן מחותן, **ביי מיר אין גרויסווארדיין קומען נישט קיין נישט ערליכע אידן זיך מזכיר זיין**, האט דער הייליגער קאפיטשניצער זי"ע געזאגט, **איך האב נישט געמיינט צו זאגן אז מען קומט, נאר איך האב געפרעגט וואס די מחותן וואלט וועלן געטון.**

האט דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע געפרעגט דעם מחותן, נא זאל דער מחותן זאגן וואס מען טוט אין אזא פאל, האט דער צדיק דער הייליגער קאפיטשניצער זי"ע, וואס האט געהאט א געוואלדיגע אהבת ישראל געזאגט פארן מחותן, אין די תורה הקדושה שטייט, ווען אברהם אבינו ע"ה האט פארשיקט הגר מיט ישמעאל פון שטוב, איז ישמעאל געווען שטארק דורשטיק, שטייט דארט אין די תורה (בראשית כ"א י"ז) **כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם.**

ווערט געברענגט פון חז"ל, **אז די מלאכי השרת האבן געזאגט פארן רבוש"ע, דער וואס זיינע קינדער (די ישמעאלים) וועלן יארן שפעטער לאזן דיינע קינדער די אידן אויסגיין פאר דארשט, פאר אים ברענגסטו א ברין וואסער דורך א נס,** האט דער גרויסער באשעפער געזאגט פאר די מלאכים, **יעצט אויף די מינוט איז ער א צדיק אדער א רשע, האבן די מלאכים געזאגט, יעצט איז ער טאקע א צדיק, האט דער באשעפער געזאגט פאר די מלאכים, בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם, איך קוק נאר ווי אזוי ער איז יעצט, און יעצט איז ער א צדיק.**

פירט אויס דער הייליגער צדיק רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ זי"ע, ווען א איד וואס פירט זיך ליידער נישט אויף ווי עס ברויך צו זיין קומט צו מיר, ווארט ער דאך אין די פאר-צומער פאר א לאנגע צייט ביז ער קען אריין קומען, און בשעת ער ווארט דארט קומט דאך זיכער אריין א מחשבה ביי אים אין מוח און א הרהר תשובה וואס דאס האט דאך אים געברענגט צו מיר, ווייל באמת ווייסט דאך יעדער איד אז מען ברויך זיך פירן ערליך, **און טאקע אויף יענעם הרהר תשובה פועל איך א ישועה פאר דעם איד**, דער הייליגער מחותן דער אהבת ישראל איז שטארק נתפעל געווארן פון דעם, און ער האט ארום גענומען דעם מחותן און געקישט.

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא**, אז ווען דער צדיק רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ זי"ע איז נאך געווען אין די יארן נאך זיין בר מצוה, איז דאן געווען גאר שווער צו באקומען שיינע אתרוגים אין שטאט הוסיאטין דארט ווי זיין צוקונפטיגער שווער רבי מרדכי שרגא זי"ע האט געוואוינט, זענען א קבוצה חשובע חסידים געפארן קיין רוסלאנד, כדי צו קויפן שיינע אתרוגים פארן צדיק מהוסיאטין.

דארט אין רוסלאנד האבן זיך די קבוצה אויף געהאלטן פאר ראש השנה אין שטאט מעזיבוז, און דארט אין מעזיבוז זענען געקומען א גרויסע קבוצה אידישע סאלדאטן צו ווילן אויף ראש השנה, האבן זיי דארט געזעהן ווי דער יונגער בר מצוה בחור יצחק מאיר וואס איז שפעטער געווען דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע, גיבט זיך אפ מיט די סאלדאטן און האט זיי צוזאמען געשטעלט די צרכי יו"ט.

שפעטער ווען די חשובע חסידים זענען צוריק געקומען קיין הוסיאטין מיט די אתרוגים פאר זייער רבין, האבן זיי געזאגט פארן רבין רבי מרדכי שרגא פייבוש מהוסיאטין זי"ע, **צו מיר האבן געברענגט א שיינעם אתרוג א הדר פארן רבין אויף יו"ט, ווייסן מיר נישט, אבער א חתן א פרי עץ הדר האבן מיר דארט געטראפן פארן רבין'ס טאכטער גיטל**, און טאקע נישט לאנג נאכדעם האט דער צדיק מהוסיאטין געשלאסן שידוך מיטן טאכטער צו דעם בחור דער צדיק רבי יצחק מאיר זי"ע.

• • •

**דער הייליגער איידעם הרה"ק רבי אליעזר האגער בעל דמשק אליעזר מוויזניץ זי"ע האט דערציילט**, אז די שווער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת גדול באופן גלוי וואס מען האט ממש נישט געזעהן ביי צדיקים בדורו, און דער איידעם האט מעיד געווען, אז דער שווער האט זוכה געווען צו דעם כוח, צוליב זיין געוואלדיגע **מידת צדקה וחסד** וואס ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען מיט א מסירת נפש ממש.

און דער איידעם האט דערציילט, אז בעפאר די ערשטע וועלט מלחמה זענען רוב צדיקים לבית רוזין כמעט נישט ארום געפארן צו פרעמדע שטעט, נאר יעדער איז געווען ביי זיך אין שטאט און דארט געפירט רבנות, אבער דער שווער דער הייליגער קאפיטשניצער זי"ע איז אסאך ארום

געפארן צו שטעט, און אסאך אידן זענען געקומען מיט קוויטלעך און פדיונות צום שווער, אבער ווען דער שווער איז אנגעקומען צוריק אהיים, **האט ער שוין נישט געהאט אפילו א פרוטה פון די אלע פדיונות, ווייל ער האט אויפן וועג שוין פארטיילט אלעס פאר צדקה.**

• • •

**איינע פון די גרויסע חסידים** פונעם הייליגען קאפיטשניצער צדיק זי"ע איז געווען הרה"ח ר' משה פלגמאן ע"ה, איין טאג איז די פרוי פון דעם ר' משה זייער נישט געזונט געווארן, און דער דאקטאר האט געזאגט, אז מען וועט ברויכן מאכן א שווערע אפעראציע, איז דער חסיד גלייך אריבער צום רבין און מזכיר געווען זיין פרוי, האט דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע געזאגט, **ר' משה, דאס געלט וואס איר ווילט געבן פארן דאקטאר פאר די אפעראציע, געט דאס מיר פאר צדקה און איך וועל מאכן די אפעראציע.**

דער חסיד מיט זיין גרויס אמונת צדיקים האט גלייך אהין געגעבן דאס גאנצע געלט, און דאן האט דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע גענומען א פאפיר מיט א שערל, **און דער צדיק האט געשניטן אויף אפאר פלעצער אויפן פאפיר**, און דאן האט ער געזאגט פארן חסיד, די **אפעראציע איז ב"ה געלונגען, דיין פרוי איז שוין געזונט**, לפלא גלייך נאכדעם איז זיין פרוי טאקע אינגאנצן געזונט געווארן.

• • •

**מען דערציילט א מעשה נורא** וואס האט פאסירט ביים צדיק וקדוש רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ זי"ע, איינמאל איז א איד א ירא שמים און א גרויסער עושר א חסיד פונעם שווער רבי מרדכי שרגא מהוסיאטין זי"ע געקומען צום איידעם דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע, און דער חסיד האט זיך אויסגערעדט צום צדיק, אז ער האט א בחור א בן יחיד וואס איז א תלמיד חכם און ער לערנט מיט א געוואלדיגע התמדה, אבער ליידער איז אים אריין א שגעון, **אז ער וויל רח"ל חתונה האבן מיט א גויטע**, און דער טאטע האט זייער געוויינט צום רבין, אז ער זאל אים העלפן מיט די צרה.

האט דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע געזאגט פארן חסיד, **בעט דיין בחור אז ער זאל אריבער קומען צו מיר**, דער טאטע האט פראבירט צו זאגן פארן רבין, אז ער איז זיכער אז דער בחור וועט נישט מסכים זיין צו קומען, אבער דער צדיק האט געזאגט, אז מען זאל זאגן פארן בחור, **אז די רבי האט געהייסן ער זאל קומען**, לפלא האט דער טאטע גע'פועל'ט ביים בחור אז ער זאל אריבער קומען צום צדיק.

אזוי ווי דער בחור איז אנגעקומען צום צדיק אין שטוב, האט ער גלייך געזאגט פארן רבין, **אז אויב די רבי' וועט פראבירן צו רעדן צו אים סיי וואס איבער חתונה האבן מיט די גויטע, וועט ער גלייך ארויס גיין**, האט דער צדיק אנגעהויבן רעדן מיטן בחור סתם וועלטליכע זאכן, אינמיטן האט דער צדיק געפרעגט דעם בחור, **די האלטס טאקע אז עס איז נישט דא קיין ערליכע אידישע פרוי וואס זאל מסכים זיין צו חתונה האבן מיט דיר**, גלייך האט זיך דער בחור אויף געשטעלט מיט כעס און געזאגט, "**גלייבט מיר, אפילו משה רבינו וועט קומען מיר זאגן, אז איך זאל נישט מיט איר חתונה האבן, וועל איך אויך נישט צו הערן**".

דער צדיק האט געהייסן פארן בחור אז ער זאל זיך צוריק אראפזעצן, און דער צדיק האט ווייטער גערעדט מיטן בחור וועלטליכע זאכן, דאן האט דער צדיק געפרעגט פונעם בחור, **זאג נאר די רייכירסט**, האט דער בחור געזאגט אז יא, האט דער צדיק געפרעגט פארוואס רייכירסט די נישט, האט דער בחור געזאגט, אז ער האט נישט קיין שטויב מיט וואס צו רייכירען, האט דער צדיק אים אהין געגעבן שטויב און פאפיר צו מאכן א צוגאר, קודם האט דער בחור נישט געוואלט צוליב כבוד פונעם רבין, אבער דער צדיק האט אים געזאגט אז ער הייסט אים מאכן א צוגאר.

דאן האט דער צדיק גענומען א צוגאר און אויך דער בחור, און דער צדיק האט אהין געגעבן שוועבעלעך אז דער בחור זאל אנצינדן זיין צוגאר, אבער יעדע שוועבל וואס דער בחור האט פראבירט האט זיך גלייך פארלאשן, דאן האט דער צדיק מקאפיטשניץ זי"ע געזאגט בזה"ל, "**די בוסט א שלומאזליק, גיב מיר וועל איך דיר ווייזן ווי אזוי מען צינד אן**", און דער צדיק האט גלייך אנגעצינדן דעם צוגאר, און די גאנצע צייט וואסביידע, דער צדיק און דער בחור האבן גערייכירט, האט דער

צדיק גארנישט גערעדט, נאכן ענדיגען רייכערין האט דער צדיק געזאגט פארן בחור בזה"ל, "**נא, זעסט ווי אזוי מען צינד**", און דאן האט דער צדיק געזאגט פארן טאטן, **איר קענט שוין אהיים פארן**.

לפלא אזוי ווי זיי זענען אנגעקומען צוריק אהיים, זענען זיי געוואר געווארן, **אז א שרעקליכע פייער האט אויס געבראכן אינעם שטוב פון די גויטע, און די גאנצע שטוב צוזאמען מיטן גויטע זענען פארברענט געווארן**, דאן האט דער בחור שוין געזען די הייליגע אויגן פונעם רבין, און ער איז גלייך צוריק געפארן מיטן טאטן צום רבין, און מיט טרערן האט דער בחור געבעטן דעם רבין, אז ער זאל אים געבן א דרך תשובה פאר דעם וואס ער האט נאר געוואלט חתונה האבן מיט א גויטע רח"ל, דאס איז געווען די גרויסע כוח פונעם צדיק, אז מיט א צוגאר ביי זיך אין שטוב האט ער אוועק געלייגט די גויטע, און געברענגט א הרהר תשובה פאר דעם בחור.

• • •

**צוויי חסידים פונעם צדיק מקאפיטשניץ זי"ע**, האבן נאך די ערשטע וועלט מלחמה אויף געמאכט א געשעפט אין **וויען בשותפות**, איין טאג איז אריין א מסירה אויף זיי ביי די ממשלה אז זיי טיען זאכן קעגן געזעץ, און די פאליציי האבן פארמאכט דעם געשעפט, און האבן געוואלט איבער קוקען אלע ביכער, אבער וויבאלד זיי האבן נישט געהאט אזויפיל צייט דאס דורך צו קוקען, האבן זיי געוואלט נעמען הילף פון אנדערע רואה חשבונות וואס זאלן דורך קוקען די ביכער.

די צוויי שותפים האבן זייער מורא געהאט, אז די חברה וועלן זיך פארלייגן מיט אלע כוחות צו טרעפן עפעס וואס איז נישט אינגאנצן אויס געהאלטן לויט די געזעץ, זענען די צוויי גלייך אריבער געלאפן צום צדיק מקאפיטשניץ, און זיך מזכיר געווען איבער די צרה.

דער צדיק האט זיי אויס געהערט און גלייך געזאגט בזה"ל, "**השי"ת וועט העלפן און זיי וועלן גארנישט טרעפן**", די צוויי האבן נישט פארשטאנען וואס די רבי מיינט מיט די ווערטער, ווייל אויב זיכט מען וועט מען דאך אפשר טרעפן, אבער מיט זייער גרויסע אמונת צדיקים האבן זיי געגלייבט, אז זיי זענען שוין געהאלפן.

דארט אונטערן געשעפט איז געווען א אוצר פאר תבואה, און וויבאלד די געשעפט איז געווען פארשלאסן פאר א לאנגע צייט, האבן זיך אריין געכאפט א מחנה מייזן ביי די תבואה, און האבן זיך אויך אריין געכאפט אינעם געשעפט פון די צוויי שותפים.

די מייזן האבן צעריסן אלע פאפירן אינעם געשעפט, און די חברה האבן שוין נישט געהאט וואס אפילו צו איבער קוקען, און האבן געמיזט לאזן די שותפים ווייטער מיט זייער געשעפט, דאן האבן די חסידים גאר גוט פארשטאנען וואס די רבי האט געזאגט", "**השי"ת וועט העלפן אז זיי וועלן גארנישט טרעפן**".

• • •

**הרה"ח ר' אברהם שרייבער ע"ה** וואס האט געוואוינט אין וויען האט דערציילט, אז איין טאג האט פאסירט ביי זיינס א קרוב, אז א עלטערע טאכטער וואס איז שוין געווען א כלה, **איז ליידער אראפ פון זינען רח"ל**, די טאטע האט אויס געגעבן א גרויסע סכום געלט און געלאפן צו די גרעסטע דאקטורים צו זעהן וואס מען קען העלפן פאר זיין טאכטער, אבער אלע דאקטורים האבן אויף געהויבן די הענט און געזאגט, אז מען קען די מיידל נישט העלפן.

זיינע נאנטע האבן אים גע'עצה'ט, אז ער זאל אריין גיין צום צדיק רבי יצחק מאיר מקאפיטשניץ זי"ע, און ער זאל מזכיר זיין דעם טאכטער און ער וועט איר זיכער קענען העלפן, דער טאטע וואס איז נישט געווען קיין חסיד און נישט געהאט קיין אמונת צדיקים, האט קודם נישט געוואלט הערן פון אריין גיין צום רבין, אבער נאכדעם וואס די גרעסטע דאקטורים פון פאריז און לאנדאן האבן אויף געגעבן, האט דער טאטע בלית ברירה מסכים געווען צו גיין צום צדיק מקאפיטשניץ.

אזוי ווי ער איז אריין געקומען צום צדיק, און דערציילט וואס דא קומט פאר מיט זיין טאכטער, האט דער צדיק געפרעגט פונעם טאטן, **וויפיל געלט האסטו שוין אויס געגעבן פאר רפואה פאר דיין טאכטער**, האט דער איד געזאגט, **אז ער האט שוין אויס געגעבן הונדערט טויזענט דאלער**, האט דער צדיק געזאגט, **איך וועל דיר עס ערלעדיגען פאר אסאך ביליגער, געב מיר פאר צדקה פופציג**

**טויזענט דאלער, און דער צדיק האט אים אהין געגעבן א מטבע און געהייסן, אז מען זאל די מטבע געבן פארן טאכטער.**

האט דער צובראכענע טאטע געזאגט פארן רבין, איך קען די מטבע נישט געבן, ווייל די טאכטער איז רח"ל זייער ווילד און זי איז ליידער איינגעשפארט אין א שטוב כדי זי זאל זיך ח"ו נישט שעדיגן, נאר איינמאל א וואך קען מען איר גיין באזיכן פון א קליינעם פענסטער, האט דער צדיק געזאגט, **ווען מען מאכט אויף דעם פענסטער, זאל מען אריין ווארפן די מטבע**, דער טאטע האט מקיים געווען וואס דער צדיק האט געהייסן, **און אזוי ווי מען האט אריין געווארפן די מטבע פונעם פענסטער, האט דאס די טאכטער אויף געהויבן, און פון דאן איז זי געווארן בעסער, און ביז גאר א קורצע צייט איז זי אינגאנצען געזונט געווארן**, און זי האט חתונה געהאט מיט איר חתן און אויף געשטעלט א הערליכע דור פון קינדער.

• • •

**אין ספר נר ישראל ווערט דערציילט**, אז אין די ביטערע יארן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען טויזנטער אידן זענען אנטלאפן קיין וויען אן קיין שום בגד אדער שטיקל ברויט, איז דעם רבינ'ס הויז אויף דער שטראסע 'פראטערשטראסע' פארוואנדלט געווארן אין א ריזיגע הכנסת אורחים צענטער.

ווערט דערציילט, אז איין טאג איז געקומען אן ארימער פליט מיט צעריסענע שיך אין א שניידיגן ווינטער טאג, דער רבי אליין איז אריין אין זיין צימער, **ארויסגענומען זיינע אייגענע נייע ווארימע שטיוול, און זיי געגעבן פארן איד**, ווען די גבאים האבן פרובירט שטילערהייט זאגן, אז עס פאסט נישט פארן רבי'ן צו געבן די אייגענע פריוואטע בגדים, האט דער רבי געענטפערט מיט א פשטות און מיט זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, "**דער הייליגער בארדיטשובער זאגט, אז א צווייטנ'ס גשמיות איז מיין רוחניות, ווי אזוי קען איך עסן א הייסן מאכל אדער אנטון ווארימע בגדים, ווען א איד גייט בארוועס אין די קאלטע שניי**".

• • •

**אין ספר אמרי קודש ווערט געברענגט**, אז א חסידישער איד וואס האט געוואוינט אין גאליציע האט געהאט א גרויסן האנדלס-געשעפט, און איין טאג איז זיין גויאישער משרת אנטלאפן מיט א גאר גרויסער סומע מזומן געלט וואס האט באלאנגט פאר סוחרים, דער איד איז געווען אויפן שוועל פון גיין באנקראט אדער גאר אין די תפיסה.

ער איז געלאפן צום הייליגן קאפיטשיניצער רבי'ן זי"ע, און מיט ביטערע טרערן געוויינט צום רבי'ן איבער זיין ביטערע מצב, דער רבי האט אים געקוקט אין די אויגן מיט טיפן ערנסטקייט און געזאגט, "**פאר תיכף צום באן-סטאנציע אין יענעם נאנטען שטאט, גיי ארויף אויפן צווייטן וואגאן, און קוק אונטער דעם דריטן זיץ פון די באן**".

דער איד האט נישט געפרעגט קיין קשיות, געפארן גלייך צום סטאנציע, געטראפן דעם וואגאן, און דארט איז געזעסן דער גנב פארשלאפן מיט דעם גאנצן זעקל געלט אומבארירט איידער דער צוג איז אפגעפארן קיין דייטשלאנד.

דער איד איז צוריקגעלאפן צום רבי'ן באדאנקען, אבער דער רבי האט אים אנגעווארנט און געזאגט, "**דערצייל דאס נישט פאר קיינעם ביז נאך מיין פטירה, דער אייבערשטער פירט די וועלט, און נישט קיין שום בשר ודם**".

• • •

**אינעם קונטרס ימי קודש ווערט דערציילט**, אז דער רבי דער הייליגער קאפיטשיניצער זי"ע איז נסתלק געווארן אינעם ערשטן טאג ראש השנה בשנת תרצ"ו, עס ווערט איבערגעגעבן דורך די זקני החסידים וואס זענען דארט געווען אין וויען יענעם ראש השנה, אז ערב יום טוב האט דער רבי געלאזט רופן דעם בעל תוקע און זיך לאנג מפלפל געווען מיט אים אין די כוונות התקיעות און הלכות שופר מיט אן אויסערגעווענליכער התעוררות און בכיות עצומות.

ער האט געזאגט פאר זיין הייליגן זון רבי אברהם יהושע זי"ע, "**ראש השנה איז דער טאג וואס מען קרוינט דעם מלך מלכי המלכים, און מען דארף מקריב זיין די גאנצע נשמה פאר זיין כבוד**", אינמיטן דעם הייליגן יום טוב, נאך דער תפילה, האט ער צוריקגעגעבן זיין לויטערע נשמה ליוצרה בקדושה ובטהרה, ווען די גאנצע שטאט וויען איז געווען ערשטוינט פונעם גרויסן פארלוסט פון דעם שר וגדול בישראל.

• • •

**אינעם ספר נר ישראל ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז א איד פון טארנאפאל געקומען צו לויפן צום הייליגען קאפיטשיניצער רבי'ן זי"ע מיט א ביטערן געוויין, אז זיין איינציג קינד ליגט ל"ע אין שפיטאל מיט א געפערליכן ברענענדיגן פיבער פון די מחלה טיפוס, און די דאקטוירים האבן שוין ליידער אויפגעגעבן אויף זיין לעבן רח"ל.

דער רבי דער הייליגער קאפיטשניצער זי"ע האט אים אנגעקוקט מיט א שטילקייט און געפרעגט, "**זאג מיר דעם אמת, ביסטו נזהר אין דיין געשעפט מיט ריינע מאסן און וואג-שאלן, און מען שרייבט אלעס אויס ערליך אן קיין שום פאלשקייט**", דער איד האט אראפגעלאזט די אויגן און זיך מודה געווען אז ער פלעגט פון מאל צו מאל באהאלטן אביסל פראפיטן אדער נישט מדייק זיין מיט די ארבעטער.

האט אים דער רבי געזאגט, "**דער הייליגער רבי ר' אלימלך שרייבט, אז מידת האמת איז דער מקור החיים, נעם אויף דיר יעצט בלב שלם, אז דו וועסט פארריכטן אלע עוולות און גייסט פון היינט און ווייטער ארבעטן נאר מיטן מידת האמת, און דער רבונו של עולם וועט שיקן א רפואה שלימה פאר דיין קינד**", דער איד האט געגעבן א תקיעת כף בלב נשבר, און ווען ער איז צוריקגעקומען אין שפיטאל, זענען די דאקטוירים געשטאנען פארגאפט און האבן דערציילט, אז פונקט אין יענע שעה וואס ער איז געווען ביים רבין, איז די פיבער אינגאנצן געפאלן און דאס קינד איז אויפגעשטאנען און געזונט געווארן.

• • •

**אין ספר עטרת תפארת ווערט געברענגט די מעשה**, אז אין די יארן בעפאר דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען אידישע בחורים זענען געצוואונגען געווארן צו דינען אין דער עסטרייכישער ארמיי, א גזירה וואס האט ל"ע אפט געמיינט שמד אדער סכנת נפשות, איז א בחור געקומען מיט זיין טאטן צום רבי'ן מיט א קוויטל און ביטערע טרערן, ווייל מען האט אים שוין גערופן צום מיליטערישן דאקטאר.

דער הייליגער קאפיטשניצער רבי זי"ע **האט גענומען א ליידיגן ווייסן שטיקל פאפיר, און ער האט גארנישט ארויפגעשריבן דערויף, נאר ער האט עס צוזאמען געקנייטשט און אריינגעגעבן פארן בחור אין די האנט** און געזאגט, "**האלט דעם פאפיר אין קעשענע, און ווען דו קומסט אריין צום הויפט-קאמיסיע דאקטאר, גיב אים דעם פאפיר אין די האנט און זאג גארנישט**".

דער בחור איז געווען דערשראקן, אבער האט מקיים געווען דעם רבינ'ס ווארט, ווען ער איז אריין צום הויכן מיליטערישן אפיציר, האט ער אים דערלאנגט דעם ליידיגן פאפיר, דער אפיציר האט א קוק געטאן אויפן פאפיר א לאנגע מינוט, **און פלוצלונג געווארן בלאס ווי די וואנט**, ער האט גענומען דעם חותם און ארויפגעזיגלט "**אומטויגליך אויף אייביג!**" (**פטור פון מיליטער**), און ער האט געזאגט פארן בחור, "**גיי שנעל ארויס פון דא**", קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דער אפיציר האט דארט געזען, אבער דער בחור איז געראטעוועט געווארן דורך דעם כוח קדושת עינים פונעם צדיק.

• • •

**אין די גליונות תולדות החסידות ווערט דערציילט**, אז א חסיד וואס איז געווען חתונה געהאט העכער פופצן יאר און נישט געהאט קיין קינדער, איז געקומען קיין וויען צום הייליגן קאפיטשניצער רבי זי"ע, און האט זיך אויסגעוויינט פארן רבי'ן, אז ער איז שוין געווען ביי פארשידענע דאקטוירים און עסקנים, אבער אלע האבן זיך ליידער מייאש געווען.

לפלא האט אים דער רבי געפרעגט, "**האסטו אמאל משמח געווען אן ארעמאן ביי א שמחה**", האט דער איד דערציילט פארן רבין, **אז ער אליין איז נישט קיין גרויסער עושר, אבער ער העלפט כסדר ארויס די צובראכענע אידן און ארימעלייט מיט וואס און וויפיל ער קען**.

האט דער רבי זיך אנגערופן מיט א התלהבות, "**איך נעם אויף מיר די אחריות פאר א ישועה, בתנאי אז ווען דער באשעפער וועט דיר בענטשן מיט א זון, וועסטו מאכן א גרויסן סעודת ברית פאר אלע ארעמעלייט און פליטים פון וויען אן א אויסנאם**" דער איד האט מקבל געווען די ברכה באמונה, פשוטה, און פונקט א יאר שפעטער האט ער געוויגט א געזונט אינגל, און אין וויען איז

אפגעראכטן געווארן א ריזיגע סעודה לעילוי נשמת אבותיו הקדושים ווי הונדערטער אידן האבן זיך משמח געווען.

• • •

**אין די זכרונות חסידי קאפיטשיניץ ווערט דערציילט**, אז א סוחר פון די קאפיטשיניצער חסידים פלעגט פארן יעדע עטליכע חדשים מיט גרויסע סומעס געלט קיין לעמבערג (לבוב) איינצוקויפן סחורה, איינמאל, בעפאר ער איז ארויסגעפארן אויפן וועג, איז ער אריין צום רבי'ן נעמען א ברכה פאר הצלחת הדרך ווי זיין שטייגער.

דער רבי האט אים אנגעקוקט און געזאגט, "**זעה צו פארשפעטיגן דעם ערשטן באן וואס פארט ארויס אינדערפרי, און פאר נאר מיטן צווייטן באן נאכמיטאג**", דער סוחר האט זיך שטארק געוואונדערט, ווייל דער פריאיגער באן איז געווען פיל באקוועמער און שנעלער ווי דאס צווייטע באן, אבער ער האט קיין ספק נישט געהאט אינעם רבינ'ס רייד און געווארט אויפן שפעטערן באן.

ווען ער איז אנגעקומען קיין לעמבערג, איז די גאנצע שטאט געווען אויפגערודערט, **ווייל דער ערשטער באן איז אינמיטן וועג אטאקירט געווארן דורך א באנדע באוואפנטע גזלנים וואס האבן אויסגערויבט אלע פאסאזשירן און עטליכע זענען שווער פארוואונדעט געווארן**, און דער סוחר האט געזעהן, אז דורך דער קלארער **רוח הקודש** פונעם רבי'ן איז ער דער סוחר געראטעוועט געווארן בגוף ובממון.

• • •

**אין די תולדות בית קאפיטשיניץ ווערט דערציילט**, אז א איד איז אמאל געקומען צום הייליגען קאפיטשיניצער רבי'ן זי"ע מיט א קוויטל פאר פרנסה, ווייל זיינע געשעפטן זענען געגאנגען לײדער בארג-אראפ און ער איז געווען פארזונקען אין שווערע חובות, דער רבי האט גענומען דעם קוויטל, געקוקט דערויף א לאנגע צייט, און פלוצלונג געזאגט, "**איך זעה נישט דא קיין ענין פון פרנסה, איך זעה דא א טאטע וואס רעדט נישט מיט זיין זון שוין עטליכע יאר צוליב א געוויסע סכסוך**".

דער איד איז געווארן איבערראשט און בלאס, ווייל ער האט קיינמאל קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם פאמיליע-סכסוך, האט דער רבי געזאגט מיט גרויס הארציגקייט, "**דער שלום איז דער כלי מחזיק ברכה, און ווי לאנג די צינורות פונעם הארץ זענען פארמאכט מיט כעס און שנאה, קען די ברכה פון הימל נישט חל זיין, פאר אהיים, זיי מוחל דיין זון בלב שלם, און מאך שלום, און אזוי וועט די ברכה קענען חל זיין**", דער איד האט געפאלגט, געמאכט שלום מיט זיין זון, און קורץ דערנאך האבן זיך זיינע געשעפטן איבערגעדרייט לטובה אויף אן אומגעווענליכן אופן.

• • •

**אין ספר נר ישראל ווערט דערציילט**, אז אין א קליין שטעטל לעבן קאפיטשיניץ האט דער פריץ ארויסגעגעבן **א גזירה פארבאט אויף די אידישער שחיטה**, און געסטראשעט מיט שווערע שטראפן אויב מען וועט שעכטן פלייש, די אידן פונעם דארף זענען געווען אין גרויס נויט און געבליבן אן כשר פלייש פאר עטליכע וואכן.

דער שוחט פון שטאט איז געלאפן צום רבי'ן מיט טרערן, און דערציילט פארן רבין וואסערע גזירה די שטאט האט ארויסגעגעבן, און די צרה אז אין שטאט וועטמען נישט קענען האבן כשר'ע פלייש, דער רבי האט אים געהייסן, "**פאר צוריק אהיים, שלעפ אן דיין חלף ווי געהעריג, און מארגן אינדערפרי גיי שחט'ן ווייטער אן קיין שום פחד**", דער שוחט האט געציטערט פארן פריץ, אבער האט געגלייבט מיט זיין אמונת צדיקים אינעם צדיק.

אינמיטן דער נאכט, נאך איידער דער שוחט האט אנגעהויבן שחט'ן, איז דער פריץ פלוצלונג געווארן שווער קראנק מיט גאר שרעקליכע שמערצן, אין זיין שרעק האט ער געלאזט רופן די אידישע נכבדים און געזאגט, אז ער האט געחלומ'ט ווי אן אלטער צדיק מיט א גאר הייליגע צורה ווארנט אים, אז זיין קראנקייט קומט צוליב דעם וואס ער באצווינגט די אידן איבער זייער שחיטה, און דער פריץ האט תיכף מבטל געווען די גזירה, און האט געבעטן מען זאל מתפלל זיין פאר אים, און דער שוחט האט געקענט ווייטער שחט'ן בהרחבה גדולה.